יוסף בורג

# צוויי וועלטן



יוסף בורג

# צווייז וועלטן

דערציילונגען

סקיצן

טשערנאָוויץ — אָדעס
"מאמע־לשון"
1997

די זאמלונג אנטהאלט הויפטזאכלעך דערציילונגען וועגן דעם לעבן פון ייִדן אין די בוקאָווינער קארפאטן פאר און נאָך דער מלחמה, ווי אויך זכרונות וועגן מענטשן, וועלכע פארנעמען א בכּבודיק אָרט אין דער ייִדישער ליטעראטור

דאס בוך איז דערשינען ביי דער
מיטהילף פון יידישער פאלקטהאכשולע-האמבורג
קולטור-פונדאציע פאר יידיש א.נ. פון
יעקב זיפער און שלומה ווייסמאן - מאנטרעאל

# װעגן דעם מחבר

יוסף בורג איז א באַװוּסטער ייִדישער שרײַבער. ער איז געבוירן געוואָרן אין 1912 אין שטעטל וויזשניץ (טשערנאָוויצער געגנט) אין א פאמיליע פון פליטן־טרײַבער. געלערנט אין א פאָלקס־שול, אין 1932 פארענדיקט א לערער־סעמינאר. פון 1935 ביז 1938 געלעבט אין ווין, שטודירט אין דאָרטיקן אוניווערסיטעט גערמאניסטיק. דעביוטירט אין 1934 מיט א דערציילונג "אויפן ספלאוו", אין די "טשערנאָוויצער בלעטער", וווּ עס ווערט געשילדערט דאָס לעבן פון פליטן־טרײַבער. בעת דער פאָטערלענדישער מלחמה געלעבט אף אוראל (טשעליאבינסק), זיך פארנומען מיט פעדאגאָגישער ארבעט.

יוסף בורג האָט פובליקירט זײַנע ווערק אין די "ליטעראַרישע בלעטער", "די וואָך", "שויבן" (ביז דער מלחמה), "סאָוועטיש היימלאנד", "פאָלקס־שטימע", "נײַע פרעסע", "פאָרווערטס", "ישׂראל־שטימע", "לעבנס־פראגן" אא. אין א בוך־פאָרם זײַנען דערשינען זײַנע ווערק: "אויפן טשערמוש", דערציילונג, בוקארעשט, 1939; "סם", א זאמלונג נאָוועלן, טשערנאָוויץ, 1940; "דאָס לעבן גייט ווײַטער" (דערציילונגען, נאָוועלן, סקיצן), מאָסקווע, 1980; "איבערוף פון צײַטן", מאָסקווע, 1983; "א פארשפעטיקטער עכאָ", מאָסקווע, 1990; "אונטער איין דאך", טשערנאָוויץ, 1992. זײַנע ווערק זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן אף אוקראַיִניש, דײַטש, ענגליש, אונגעריש, אין עברית. י. בורג איז א פארדינסטפולער קולטור־טוער פון אוקראַיִנע, לאורעאט פון סעגאל־פרעמיע פאר ליטעראטור (1992, ישׂראל). ער איז דער פאָרזיצער פון טשערנאָוויצער ייִדישער קולטור־געזעלשאפט אף נאָמען פון א. שטיינבארג און פונעם ייִדישער בוקאָווינער ראט, דער רעדאקטאָר פון דער צײַטונג "טשערנאָוויצער בלעטער". אף זײַן נאָמען איז אָנגערופן געוואָרן איינע פון די שענסטע גאסן אין זײַן געבורט־שטעטל וויזשניץ.

# מיין בראשית

ווי־פל מאָל איך האָב אָנגעהויבן שרײַבן, אַזוי־פיל מאָל האָב איך געמוזט אוועקלייגן. עפּעס האָט בײַ יעדער אָנגעשריבענער שורה זיך צעבענקט דאָס האַרץ, און די ווערטער האָבן געבריט דעם מוח. ביז אין איינער אַ נאַכט האָבן די אָנגעוואָרפענע שורות מיך געוועקט פון שלאָף, גלײַך זיי וואָלטן געבעטן בײַ מיר אַ תּיקון.

פונוואַנען, פון וואָס פאַר אַ פאַרבאָרגענע קוואַלן האָבן זיי אַרויסגעפלאַטערט?

איך האָב אין האַלבן דרעמל גענומען זיי אויסזדרן. די פען האָט נאָכגיביק געלאָזט זיך פירן, און די שטילע נאַכטישע שעהן זענען געוואָרן אָנגעלאָדן מיט אומרו און געראַנגל פון אַ ווײַטער צײַט.

* * *

אַ שטילע פאַרלייגטע גאַס באַרג־אַראָפּ בײַם ראַנד פון שטאָט, וואָס וואַרט באַנײַט צו ווערן, נאָר דערוויײַל זיך ווייניק־וואָס געביטן.

פון ביידע זײַטן הויקערן נאָך צוויי רייען אַלטע, אָפּגעשיילטע הײַזער, ווי פון יאָרן צעפּרעסענע. אין סאַמע מיט שלענגלט זיך אַן אויסגעביסענער וועג, וואָס לויפט אַראָפּ צו די בלויע פאַרנעפּלטע הינטערשטאָטישע ווײַטן, פונוואַנען סע דערגייט אַ קילער, זאַפטיקער ריח פון צײַטיקע פּרות.

וויפל קײַלעכדיקע יאָרצענדלינג בין איך דאָ נישט געווען?

דער זכּרון לעבט אויף אַ לאַנג שוין פאַרשוווּנדענע צײַט. איך טרעט, ווי אין חלום, אויף די שפּורן פון מײַן אַמאָל, וואָס זינגען אַרויס פון יעדן שטיין, און אין יעדער שפּור ליגן באַהאַלטן סימנים פון מײַנע ווײַטע, יונגע טעג.

איך שטעל זיך אָפּ בײַ אַ הויז מיט צוויי ווײַסע בעריאָזע־ביימער

פון פאָרנט. די פענצטער זענען פאַרשטעלט מיט קאָלירטע בלומען־טעפּ, און די שויבן שפּילן מיט א ווארעמען גלאַנץ פון רו און איינגעזעסנקייט.

איך האָב געקענט יענעם ייִדן, וואָס האָט אמאָל דאָ געלעבט. געזען אים אוועקגיין פון דער שטוב, ווען עס האָבן זיך געריסן די לעצטע פעדעם פון איינגעפונדעוועטע לעבנס און די בלויקייט פונעם הימל האָט געשראָקן.

ווער זשע וווינט עס איצט אין אָט דעם הויז? ווער האָט פאַרזעצט די צוויי ביימער פאַר די פענצטער? וואָלט עס געווען א היימישער, וואָלט ער זיכער פיר ביימער פאַרזעצט.

א לינד דרום־ווינטל שויבערט דאָס גרינס פון די צווייגן, פלאַטערן זיי אזוי, ווי זיי וואָלטן זיך אָנגעשטרענגט עפּעס זאָגן, נאָר קענען נישט. די הייסע אויגוסט־זון צינדט אָן די קרוינען פון די ווייסע בעריאָזקעס, דאַכט זיך, אז צוויי ריזיקע יאָרצייט־ליכט ברענען, ברענען און ווערן נישט פאַרברענט...

פּלוצעם געשעט: דאָס הויז צערעדט זיך מיט דער שפּראַך פון יענעם ייִדן. און קוים פאַרמאַך איך די אויגן, שפּאַנט ער אליין מיר אקעגן פונקט אזוי, ווי ער איז מיט א האַלבן יאָרהונדערט צוריק אריין אין מיין לעבן.

שמואל אבא סופר.

ווער האָט צו יענער צייט נישט געקענט דעם נאָמען, וואָס האָט געצויבערט, געכישופט, געהאַט אין זיך די קראַפט צוצובינדן א פּאָר פליגל, געבן האָפענונגען און גלויבן, געבן אלץ אָדער גאָרנישט...

ער איז געווען דער שעפער און דער רעדאַקטאָר פון די "טשערנאָוויצער בלעטער", דעם איינציקן אדרעס, ארום וועלכן עס האָט, ווי די ערד ארום דער זון, זיך געדרייט א גאַנצער דור יונגע ייִדישע שרייבער, געקומענע פון אלע פאָלקס־שיכטן, פון דער פאַרקאָוועטער אָרעמקייט און פון רייכן שטאַנד, פון אסימילאַטאָרישע און חסידישע סביבות. געקומען מיט נייע רעוואָלטירנדיקע שטימונגען און מיט אויפוואַכנדיקער בענקשאַפט צום לשון פון די ייִדישע פאָלקס־מאַסן. אָט דער געמיש האָט געשאַפן א ווונדערלעכע וועלט, באַשטראַלט מיט אידילישער שיינקייט.

ס'איז געווען דער פרילינג אויף אלע געביטן פון ייִדישן שאַפן.

* * *

נאָענט צו האַלבער נאַכט.

א ווינט האָט געהוליעט איבער די פּוסטע בוידעמער און אַזוי געריסן די צעלעכצטע שינדלען, גלייך עמעצער וואָלט אין שווערע שטיוול געטאָפּטשעט איבער די דעכער און געטריבן:

— גיי, גיי... די נאַכט איז אומענדלעך לאַנג... וועסטו נישט אויסהאַלטן...

און איך בין געגאַנגען.

די נאַכט איז געווען א פינצטערע. איינע פון יענע נעכט, ווען דער הימל און די ערד גיסן זיך צונויף אין איין גאַנצקייט, ווען סע הערט זיך לייכטער, איידער מען זעט. וואָלקנס האָבן פאַרצויגן דעם גאַנצן הימל, און אפילו אויף מערב נישט איבערגעלאָזט יענע ליכטיקע שטרייפעלע, דורך וועלכן מען האָט געקאָנט פעסטשטעלן, ווו עס ענדיקט זיך די ערד און ווו עס הייבט זיך אָן דער הימל.

איך האָב געשפּאַנט איבער די פינצטערע גאַסן באַרג־אַראָפּ. געזוכט דאָס הויז, ווו סופר האָט געוווינט, און א פאַרזאָרגטער שטיין געבליבן ביי דער דרויסן־טיר, וואָס האָט, ווי מיט כּישוף, מיך גערייצט.

— אָנקלינגען, צי נישט...

איך האָב קיין אכט נישט געלייגט אויף די אויסגעלאָשענע פענצטער, גלייך זיי וואָלטן גאָר אינגאַנצן נישט געווען.

ערגעץ האָט א שטאָט־זייגער אויסגעקלאַפּט די צוועלפטע שעה, מיט א ציטערדיקער פאַמעלעכקייט געשפּאָלטן שטיקער צייט פון דער אומענדלעכער אייביקייט, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך שטיי דאָ שוין לאַנג, לאַנג און וועל שוין קיינמאָל פונדאַנען נישט אַוועק.

מיטאַמאָל האָב איך דערהערט לייכטע שאַרנדיקע טריט. א שטראָם פון ליכט האָט מיך באַגאָסן, און אין דער ליכטיקייט איז געשטאַנען סופרס פרוי, א האַלב־פאַרשלאָפענע, אין א גיך אַרויפגעכאַפּט מלבוש אויף זיך, און אירע בלוילעך־שוואַרצע האָר האָבן געשטאַרצט לויז, נישט פאַרקעמט. איך האָב געוואָלט אויסמיידן דעם שאַרפן, פאַרוווּנדערטן בליק פון אירע אויגן, וואָס האָט געפרעגט מיט פאַרוווּרף:

— שפּעטער האָט איר שוין נישט געקאָנט קומען?

איך האָב נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. אינגאַנצן א פאַרלוירענער, האָב איך קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— איך דאַרף צום חבר...

ביים אָנרופן דעם נאָמען האָב איך זיך א ווײַלע פאַרהאַקט, און זי

האָט אויסגעכאַפּט בײַ מיר דאָס לעצטע וואָרט:

— סופר!

און א צווייט מאָל מיך דורכגעבויערט מיט איר בליק, גלײַך זי וואָלט זיך וועלן איבערצײַגן, צי מעג מען מיך אַרײַנלאָזן. און, אָנווײַזנדיק אויף אן אָפענער טיר, געהייסן וואַרטן.

איך בין אַרײַן אין א גרויסן צימער, אַרומגעשטעלט מיט שאַפעס ביכער, און געבליבן אינמיטן פון א דרעמלענדיקער שטילקײַט, וואָס האָט אומהיימלעך און פרעמד געלויערט פון אַלע ווינקלען. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די ביכער קוקן אויף מיר מיט דעם זעלבן פאָרוווּרף, און איך האָב געפּרוּווט זיך אַרײַנגלייבן אין דער ריינקײַט פון מײַן כוונה.

וויפל בין איך עס געשטאַנען אין מײַן אַליינקײַט, א מינוט, א שעה? קיינער האָט זיך נישט באַוויזן, גלײַך מען וואָלט פאַרגעסן, אַז עמעצער וואַרט. פּלוצעם האָט א זײַטיקע טיר א סקריפּע געטאָן, און איין רגע האָב איך דערזען פאַר זיך סופרן און דערהערט זײַן פרײַנדלעכן, צעצויגענעם אויסרוף:

— אָ, דאָס זענט איר?

ער האָט מיך דאָך נישט געקענט. פונוואַנען זשע אַזא היימישע וואַרעמקײַט, וואָס האָט גלײַך אויף מיר א גלי געטאָן, זיך צעגאַנגען איבערן קערפּער און דערלאַנגט ביז די שפּיץ פינגער?

איצט פאַרטראַכט איך זיך צומאָל וועגן אָט דער וואַרעמקײַט, און עס קומען מיר אויפן געדאַנק שורות פון איציק מאַנגערס א ליד, געווידמעט סופרן:

און מיר, דעם יונגן, פאַרליבטן סאָלדאַט,<br>
האָט ער מיט א שמייכל באַגעגנט:<br>
"שטעל אויף דעם קאָלנער, צעדרייטער פּאָעט,<br>
דו זעסט דאָך, אַז ס׳ע רעגנט"...

סופר איז געווען פון מיטלערן וווּקס, נישט עלטער פון א יאָר פערציק. נאָר אין זײַן לאַנגן גרינעם שלאָפראָק און אין די שטעקשיך האָט ער אויסגעזען זייער הויך און געעלטערט.

— נו, וואָס וועט איר זאָגן, נאַכטוואַנדלער?..

ער האָט מיט א פערטל שמייכל א קוק געטאָן, און זײַן בליק איז א לאַנגע ווײַלע געבליבן הענגען אויף מיר.

איך האָב געוואָלט עפּעס ענטפערן, אויסזוכן א תירוץ, נאָר מײַן צונג איז מיטאַמאָל ווי אָפּגעשטאָרבן, און איך האָב א שווײַגנדיקער אים דערלאַנגט מײַן באַשריבן העפטל, דאָס ערשטע דינסטע געוועב פון

מײַן יונגן מוח, די זיסע קוועל פון מײַן אנטפלעקונג.

ער האָט עס א מיש געטאָן אהין און צוריק. זיך אײַנגעקוקט אין דעם כּתב, ווידער א בלעטער געטאָן און פארטיפט זיך אין לייענען. ער האָט געלייענט און אלעמאָל זיך אריבערגעוואָרפן מיט אזעלכע ווערטער, ווי ״בילדערישקײַט״, ״לירישקײַט״. און איך האָב מיט הונגעריקע אויגן נאָכגעפאָלגט יעדן ריר זײַנעם.

די נשמה איז געווען נישט מײַנע. אין איר איז געזעסן עפּעס אן אומרויִקער שד. ער האָט מיך אָט געכאַפּט פארן הארצן מיט קרומע קנאָכיקע פינגער, אָט נאָכגעלאָזט, פּונקט ער וואָלט זיך געררייצט מיט מיר.

דעם שד האָב איך באלד דערקענט.

צום ערשטן מאָל איז ער געקומען צו מיר, ווען איך האָב אלס שילער נאָך געוויזן אין איינעם א טאָג מײַנס א ״ליד״ אליעזר שטיינבארגן. און כאָטש איך האָב פארשוויגן דעם מחבר, האָט שטיינבארג דאָך מיט זײַן גוטן שמייכל מיך פּאָטערלעך א גלעט געטאָן איבערן קאָפּ:

— אײַ ייִנגעלע, שרײַבן לידער איז א שווערע הלכה...

איך האָב נישט אינגאנצן פארשטאנען זײַנע ווערטער, ווײַל שרײַבן איז מיר אָנגעקומען גרינג. איך האָב פּשוט נאָכגעמאכט מאָריס ראָזנפעלד און אברהם רייזען, וועמענס לידער מען האָט געזונגען אין אלע ווארשטאטן. עס האָבן באדארפט פארגיין יאָרן, ביז איך האָב דערפילט דעם אמתן שווערן געראנגל מיט יעדן וואָרט, מיט יעדער שורה... און מער קיין לידער נישט געשריבן.

סופר האָט געלייענט און געלייענט. די שטריכן אויף זײַן שיין־געשניצט פּנים האָבן דערציילט פון א מחשבה, מיט וועלכער ער ראנגלט זיך, און זײַנע קורצזיכטיקע אויגן אונטער די ברילן האָבן געשימערט מיט א באזונדערער שארפקײַט.

ער האָט נאָכן איבערלייענען נאָכאמאָל א מיש געטאָן מײַן העפטל אהין און צוריק און עס מיר דערלאנגט מיט די ווערטער:

— נאט, טראָגט עס אליין מאָרגן אָפּ אין דרוקערײַ...

ער האָט נאָך עפּעס געזאָגט. אפשר זענען עס געווען שטראָף־רייד, אז ס׳איז נישט שיין וועקן מענטשן אינמיטן נאכט. איך האָב אָבער זײַנע רייד שוין נישט געהערט. עפּעס א הפקרדיקײַט האָט אָנגעפילט מײַן קאָפּ, ווי א שיכּרות. דאָס הארץ אין מיר האָט א שפּרונג געטאָן. איך האָב דערפילט, ווי די האָר נעמען מיך שטעכן. און מײַנע אויגן האָבן געקוקט דורכגעבליצטע ווי מיט טרערן.

מיט א צעפלאמט פּנים און מיט א כוואליע ווילדע געדאנקען בין

איך ארויס פון סופרס שטוב. ס'האָט מיך א הייב געטאָן א ווילדע פרייד, גלייך א פּאָר פליגל וואָלטן אין דער מינוט בײַ מיר אויסגעוואקסן און מיך געטראָגן איבער פינצטערע גאסן צום הויז, וווּ עס האָט זיך געפונען די דרוקעריי. זי איז געווען אויסגעלאָשן און פארשלאָסן. און איך בין גרייט געווען אָפּזיצן בײַם טויער ביז אינדערפרי...

אויפן ראָג לעבן דער דרוקעריי האָט, ווי א שאָטן, זיך לײַכט באוועגט דער סילועט פון א גאסנפרוי, וואָס האָט נישט געהאט ווען צו פארקויפן איר ליבע:

— אָ, מײַן קאוואלער, אויף דיר ווארט איך שוין א האלבע נאכט!

— האָבן טעאטראליש ארויסגעמורמלט אירע פעט געשמינקטע ליפּן.

דאָס קאָסע ליכט פון א צעבראָכענעם לאמטערן האָט שטופּעדיק צעווירעט איר זייער בלייך און זייער יונג פּנים. און די לופט ארום איר איז געווען אָנגעפילט מיט א טויטן ריח פון פארעלטערטן, ביליקן פארפום.

— איך האָב קיין געלט נישט.

— א סך מאָן איך נישט, קום!

— אפילו א צעבראָכענעם גראָשן האָב איך אויך נישט.

זי האָט אויסגעשפּיגן א הארב זידלוואָרט, דריבנע זיך פאנאנדערגעלאכט, און איר פּנים האָט זיך פארקרימט אזוי, ווי זי וואָלט איינצײַטיק אי געוויינט, אי געלאכט.

יונגע צוויי לעבנס, הפקרע, ווי די נאכט. זי — מיט א הונגעריקן גלי אין די אונטערגעפארבטע אויגן, איך — מיט א זינגענדיקן מאָרגן אין הארצן...

שוין א האלבער יאָרהונדערט איז פארבײַ זינט יענער נאכט. און יעדעס מאָל, ווען איך דערמאָן זיך אין איר, שטייט זי מיר קלאָר פאר די אויגן, און איך לעב זי נאָכאמאָל איבער.

* * *

דאָס לעצטע מאָל האָב איך סופרן מיט זײַן משפּחה געזען אין יענעם זומערדיקן פארנאכט, ווען פלאמען פון א פײַער־מבול האָבן זיך צעבושעוועט איבער דער וועלט און א ווישטער געלויף האָט זיך געטראָגן איבער אלע יידישע גאסן, פון אלע יידישע היימען.

ער איז געשטאנען בײַם וואָקזאל מיט א קליין פּעקל אונטערן אָרעם און געווארט אויף א צוג קיין מזרח... איך האָב אים פארגעלייגט זיך אויסזעצן אויף אן אָפענער פלאטפאָרם, נאָר ער האָט מורא געהאט

פאר דער פרוי, זי זאָל זיך נישט פארקילן. אפילו אין אזעלכע מינוטן האָט זײַן משפחה־לעבן געזונגען מיט דער ברכה פון גאנצקײַט און זאָרג.

אין יאָרן ארום האָב איך זיך דערוווּסט, אז ער איז ווײַט נישט פארפאָרן...

ערגעץ אויף פארוואָגלטע גאליציאנער וועגן, ווו אָנגערייצטע, צעבושעווטעטע באנדעס האָבן אין גרעסטן שטורעם פון אונדזער געשיכטע זיך געיאָגט נאָך מענטשלעכע לעבנס, איז ער אויף אן אכזריותדיקן אופן אומגעקומען אינײנעם מיט זײַן פרוי און זײַנע צוויי טעכטער.

גאליציאנער וועגן...

וויפל געביין פון נישט־דערגאנגענע, נישט־דערפאָרענע האָט פארשלונגען די חרובע ערד? אויך סופר מיט זײַן משפחה איז, לויט א ווערסיע, צעהאקט געוואָרן אויף שטיקלעך.

די לופט גליווערט בײַ דער דערמאָנונג. אין דער ברוסט פעלט אויס אָטעם. און די פען טונקט זיך אינעם פארגאָסענעם בלוט.

— ווו איז יענע מאָס פון רציחה, וועלכע ס׳איז אָנגעצייכנט פאר א מענטשן? — פרעג איך בײַ זיך. — און אפשר גאָר אינגאנצן קיין מאָס נישט פאראן?..

איצט, ווען איך שרײַב וועגן זײַן אומקום, ווײַזט זיך מיר אויס, אז דער גאנצער רוים איז אָנגעפילט מיט שיכורע קולות און א קלאפערײַ פון צענדליקער פאָר פיס, וואָס טאָפּטשען די אויפגעריסענע ערד, ווי זיי וואָלטן מיט יעדן שפאן עפעס־וואָס צעשמעטערט.

נישט קיין מצבה שטעל איך אים. ער איז אליין א דענקמאָל. און אזוי שטייט ער פאר מיר, גלײַך אויסגעהאמערט פונעם לעבן אליין, זײַן גוטמוטיקער שמייכל, וועלכן די האק פונעם שונא האָט נישט געקאָנט אָפּשפאלטן, איז פארבלוטיקט, און דער פאָלקס־יידיש אין זײַן מויל פארשטומט.

איך זע אויך זײַן פרוי, מיט איר שבתדיקן פנים, וועגן וועלכער מען האָט שטענדיק גערעדט מיט מער אָפּשײַ אפילו, ווי וועגן אים אליין. און איך טראכט:

אויב ס׳איז פאראן א יענע וועלט, זאָלן זיי מיר דאָרט מוחל זײַן, די קדושים, וואָס כ׳האָב געוואגט זיי אויפוועקן אין האלבער נאכט, כּדי איבערגעבן אים, שמואל אבא סופר, מײַן באשריבן העפטל מיט יענע נאיווע לייטמאָטיוון פון בילד און שטימונג, וואָס זעען מיר אויס אין ליכט פון אונדזערע הײַנטיקע טעג אזעלכע ווײַטע, אָבער קיין פרעמדע זענען זיי אויך נישט. ס׳איז נישט געווען קיין טראָפּן שקצערײַ אין מײַן

אויפפירונג, אויך נישט קיין מינדסטער סימן פון דרייסטקייט. ס׳איז גיכער געווען דאָס געשריי פון יונגן וואנזין, וואָס האָט געטריבן:

— גיי, די נאכט איז אומענדלעך לאנג, וועסט נישט אויסהאלטן...

ער האָט זיך נישט געבייזערט. פארקערט, א שמייכל געטאָן צו מיר מיט פארשלאָפענע בליקן... איך האָב דערנאָך געהאט א סך רעדאקטאָרן. זיך געדרוקט אין א סך צייטונגען און זשורנאלן, נאָר נישט איינמאָל באדויערט יענעם ערשטן ״ארויספאָר״ מיינעם און, דערמאָנענדיק זיך, באגאָסן געוואָרן פון בושה. איך בין אָבער דעמלט געווען יונג, און אין מיינע אָדערן איז געפלאָסן דאָס פריידיקע געפיל פון לעבן, שאפן...

* * *

ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן.

שטערן האָבן זיך געלאָשן און פארשוווּנדן, ווי אויסגעלעשטע מענטשלעכע לעבנס. איך האָב זיך איינגעקוקט אין דעם אויסגעשטערנטן חלל. מיר האָט זיך געדאכט, אז איך טראָג אין זיך אן אייגענעם הימל, א באהאלטענעם פאר זיך אליין. און איך דארף נאָר א קוק טאָן אין אים, ווי אויף דער נשמה ווערט ווארעמער און טרויעריקער.

ווארעמער און טרויעריקער אין איין צייט.

און איך דאנק דעם גורל, וואָס האָט אין יאָרן, יאָרן ארום, ווי אויסגעשוווּמענע פון מיין אמאָל, מיך געבראכט אויף א באגעגעניש מיט נײַן פריִער יוגנט, מיט מיין בראשית אין דער ייִדישער ליטעראטור.

# א שטיקל פארטריקנט ברויט

ואתה חשקת נפשי משחת בלי...
(ישעיה לח, יז)

דער הארבסט האָט דעם זומער אויסגעלאָשן.

א רויטלעך־גאָלדיקער גלי, ארײַנגעוועבט אין א חלומדיקער פארנעפּלטער גרויקײַט, ווי א לײַכטזיניקע שפּיל פון ליכט און שאָטן, האָט בײַ די שטיינערנע שוועלן פון דער אוקראַיִנישער הויפּטשטאָט פארשפּינט א נײַעם טאָג.

ס'איז געווען דער פופציקסטער יאָרטאָג נאָך די קדושים פון באבי־יאר.

דורך געקרייצטע גאסן, איבער אספאלטירטע געקניפּטע וועגן, וואָס האָבן זיך געפלאָכטן און געדרייט, לויפנדיק צו די נאָך פארדרימלטע הינטערשטאָטישע ווײַטן, האָבן מענטשן אין א צעטרייסלטן געטומל געשטראָמט צו דער הזכרה. און די גרויקײַט פונעם פרימאָרגן האָט זיך געלייגט אויף זייערע פּנימער מיט פונקט אזא גרויען שטרענגן ערנסט.

אינעם וואלד־פּארק ארום באבי־יאר האָט געהויערט א פארקלעמטע שטילקײַט, און אין אָט דער שטילקײַט האָט אײַנגעם מיט א קלאנגלאָזן געמורמל, ווי מען וואָלט שטיל געדאוונט, א פלאטער געטאָן דער אלטער, דורותדיקער ניגון פון "אל מלא רחמים", דער וויינענדיקער ניגון, וואָס האָט אָנגעיאָגט א הייסן טרויער און זיך צעשאָטן אויף אײַנצלנע צעדרויבלטע קלאנגען, זיך איבערגערופן מיטן רויש פונעם דניעפּער, פונוואנען א פײַכט ווינטל האָט אָנגעטראָגן געלע און רויטע בלעטער און זיי צעשפּרייט איבער באבי־יאר, גלײַך דער הארבסט איז אויך געקומען אויף קבר־אבות.

געווען איז עס עטלעכע טעג נאָך ימים־נוראים, און עס האָט זיך

געדאכט, ווי די וועלט איז אָנגעזאפּט מיטן פרומען אָטעם פון די פּאָרכטיקע טעג. און עפּעס א יום־כּפּורדיקע אימהקייט האָט מיט דער פּיין פון פאַרזונקענע דורות פאנאנדערגעוויגט אין דער לופט, צווישן הימל און ערד, דעם אָפּקלאנג פון א פארשניטן ייִדיש לעבן. און דער גאָלדיקער פלאם פון די צענדליקער, צענדליקער יאָרצייט־ליכט, צעשטעלטע איבערן גאנצן וואלד־פּארק, האָט געטריפט מיט ווייסע חלב־טרערן און דערציילט פאר אלע ווייטן וועגן דער גרויסער שחיטה, וואָס איז פאָרגעקומען דאָ, ביי די ראנדן פון באבי־יאר, מיט גאנצע פופציק יאָר צוריק.

באבי־יאר האָט זיך געוויגט אין אן אויפגערודערטער צעוויגטקייט...

ביים דענקמאָל, עטוואָס אין א זייט, איז טיף געבויגן געשטאנען אן אלטער מאן מיט א ווייסן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט געהאלטן אין די הענט עפּעס א זאך, איינגעוויקלט אין א קויטיק שטיקל לייוונט; א זאך, וועלכע ער האָט ארויסגעצויגן פון דער מאנטל־קעשענע און עס געהאלטן מיט אזא ציטער, גלייך ער וואָלט מורא געהאט, אז עמעצער זאָל עס ביי אים ניט ארויסרייסן.

א יונג מיידל, אָבער שוין מיט דערוואקסנקייט אין די שטריכן פון איר פּנים און מיט צעוויפגעלייגטע הענט, ווי צום געבעט, האָט ניט אָפּגעריסן אירע בליקן פון דעם אלטן מאן, און אירע ברייט־צעעפנטע גרוי־בלויע אויגן, גלייך דער פרימאָרגן וואָלט פון זיי ארויסגעקוקט, האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט א הארציקער ווארעמקייט.

דער אלטער מאן האָט דערפילט אויף זיך דעם מיידלס בליקן. ער האָט זיך אויסגעגלייכט, אויפגעהויבן די אויגן און שטיל, ווי אין א פארטראָגענעם דרימל, א פרעג געטאָן:

— איר קוקט, וואָס איך האלט אין דער האנט?

דעם מיידלס פּנים האָט באשלאָגן א פּלוצעמדיקע ראָזיקייט. זי איז געשטאנען אויסגעגאָסן ווי א העלער פלאם, דעם קאָפּ פארריסן, און אירע האָר, צעפלאָסן טונקל גאָלד, זיינען געווען צעשאָטן איבער איר ווייסלעכן שטערן מיט פארהויבענע דינע ברעמען.

— אנטשולדיקט!

דער אלטער מאן האָט פּלוצעם דערפילט עפּעס א נאָענטקייט צו אָט דעם מיידל. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז ער קען זי פון ערגעץ, פון א היימישער וועלט, פון וועלכער זיי זיינען ביידע דורך פארשידענע צייטן געקומען אהער, צום אָפּגרונט פון ייִדישן אומקום. עס האָט זיך פאר אים א דריי געטאָן א ראַד פון פארלאָפענע טעג און נעכט מיט משונהדיקע פארוואנדלונגען. און באדאכט, ווי ער וואָלט נאָכגעפאָלגט

א ווײַטן, אנטלאָפּענעם געדאַנק, האָט ער צוגעגעבן:

— פּופּציק יאָר האָב איך אָט די זאַך אָפּגעהיט... איצט בין איך אַלט, וויל איך עס באַהאַלטן אין אָט דער הייליקער ערד...

ער האָט ניט אָנגערופן, וואָס פאַר א זאַך דאָס איז, וועלכע ער וויל דאָ באַהאַלטן, און דעם מיידל האָט זיך אויסגעוויזן, ווי סײַ פון אים, סײַ פון דעם פאַרוויקלטן שטיקל לײַוונט ווייעט מיט עפּעס א האַרבן, שטומען טרויער.

ער האָט א טאַפּ געטאָן מיט די פינגער דאָס פאַרקניפּטע טיכעלע. עס איז געווען קענטיק, אז ער ראַנגלט זיך מיט עפּעס אן אייגענעם געדאַנק. דערנאָך האָט ער צוגעוואָרפן דעם מיידל א קורצן בליק, ווי ער וואָלט געפרעגט נאָר מיט די אויגן:

— ווי רופט מען אײַך?

דאָס מיידל, געפּלעפט פון דער אומגעריכטער פראַגע, האָט געענטפערט שטיל, קוים וואָס דאָס געהער האָט עס אויפגעכאַפּט:

— מרים!

דערהערנדיק דעם ייִדישן נאָמען, האָט דער מאַן אויפגעציטערט. זײַנע שיטערע ברעמען האָבן זיך צעטאַנצט פון עפּעס אן אינעווייניקסטן אומרו, און זײַנע ליפּן האָבן זיך באַוועגט אַזוי, ווי ער וואָלט אַרויסגעשטופּט פון מויל ווערטער, וועלכע האָבן ניט געוואָלט זיך אָפּרײַסן.

— מײַן מאַמע האָט אויך געהייסן מרים... איר געביין ליגט דאָ, אין באַבי־יאַר...

און ער האָט, ווי פאַר זיך אַליין, גלײַך ער וואָלט אָפּגעריכט א תּפילה, איבערגעחזרט:

— מרים... מרים...

דאָס מיידל האָט דערפילט דעם צער פון זײַנע רייד, געזען דעם ווייטיק, וואָס שרײַט אַרויס פון זײַנע אויגן, א פאַרהוילענער גליווער האָט פאַרשאָטן אירע שוואַרצאַפּלען, און זי האָט אויף א ווײַלע זיך פאַרטראַכט. אפשר האָט זי געזוכט אין געדאַנק פּאַסיקע ווערטער אויף אים צו טרייסטן. אָבער אויף דעם דאָזיקן אָרט זײַנען אַלע טרייסט־ווערטער זינלאָז און אַלע רייד ניט פּאַסיק... האָט זי באַהאַלטענערהייט אָפּגעזיפצט.

דער אַלטער מאַן האָט באַמערקט דעם מיידלס אינערלעכע פּײַן. ער האָט געקוקט אויף איר אַזוי, גלײַך ער וואָלט געזוכט אן ענלעכקײַט צו זײַן מוטער, וואָס ליגט דאָ, אין באַבי־יאַר. און דערפילנדיק דעם כּוח פון ריינער, אָפּנהאַרציקער צוגעלאָזנקײַט, וואָס האָט געשלאָגן פון דעם מיידל מיטן נאָמען מרים און וואָס האָט זיי דערנעענטערט, האָט ער א

זאָג געטאָן:

— אפשר וואָלטן מיר זיך צוגעזעצט אָט דאָרט?

זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט און זײַנען אויף א ווײַלע דערטרונקען געוואָרן איינער אין דעם צווייטן...

דער־טאָג האָט זיך אויסגעלײַטערט.

די זון האָט גענומען גיסן מיט מילדן גאָלד, באַרירט מיט א וואַרעמען הויך די האַרבסטיקעביימער, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער גאַנצער ארום, ווי באַלויכטן פֿון א מעכטיקן נר־תּמיד, הערט מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם זיך אײַן אין דעם שטילן געוויין, וואָס ריזלט דאָ און דאָרט, און אין דעם קדיש, וואָס אייניקע זאָגן בלחש.

זיי זײַנען געזעסן זאַלבעצווייט, ווי א זיידע מיט אַן אייניקל.

אים האָט פּלוצעם באַפאַלן א פאַרלאַנג נאָכאַמאָל אָנרופן איר נאָמען, וואָס איז אים געוואָרן אַזוי נאָענט, און, גלײַך ער וואָלט אויסגעזונגען אַן אומעטיק ליד, האָט ער צעלייגט אין צוויי טראַפּן:

— מיר־יאַם...

א צאַרטער, א ביסל שעמעוודיקער שמייכל האָט א שפּיל געטאָן אין אירע אויגן.

— איר ווייסט, מרים, איך בין אויך דאָ געווען אין יענעם ווײַטן, מוראַדיקן סעפּטעמבער איין־און־פערציק, ווען די נאַצישע גזילה האָט אָן רחמנות געשענדט אונדזער פאָלק...

ער האָט שווער אָפּגעאָטעמט, ווי עס וואָלט בײַ אים געפּײַפט אין די לונגען, און א פּײַנלעכע גרימאַסע האָט פאַרצויגן זײַן צעאַקערט פּנים.

— איך בין געווען צווישן די לעצטע, וואָס זײַנען אין יענעם טאָג צעשאָסן געוואָרן... אין סאַמע ברען פון זינען־געריזטע ווייגעשרייען און ילָלות, וואָס האָבן צעטרייסלט די לופט, האָט עמעצער, קאָרטשענדיק זיך אין א צעבלוטיקטן משונה־שווינדלענדיק קנויל, זיך פאַרטשעפּעט אין מיר און מיך מיטגעשלעפּט מיט זיך אין ראָוו, נאָך איידער דעם שׂונאס קויל האָט מיך דערגרייכט... איך האָב ניט געהערט מער דאָס בילן פון צערייצטע הינט, ניט אויפגעכאַפּט מער קיין מענטשלעכע שטימען, אלץ איז פאַרצויגן געוואָרן מיט א גרויען נעפּל...

ער האָט גערעדט אָפּגעריסן, אויפגערעגט, מיט א באַהאַלטענער אומרו אין קול.

— איך פאַרשטיי ביז הײַנט ניט, וויאַזוי דאָס איז געשען, וויאַזוי דאָס האָט געקאָנט געשען...

— וויפל איך בין געלעגן? ווער קאָן עס וויסן... אפשר א שעה, און אפשר א מעת־לעת... ווען איך בין א ווײַלע געקומען צו זיך,

גענומען רירן מיט די אברים, איז ארום מיר געווען א געדיכטע פינצטערניש און איבער מיר איז געהאנגען א טונקעלער הימל מיט קאלטע פינקלענדיקע שטערן... איך האָב ניט פארשטאנען, ווו איך בין און וואָס מיט מיר איז געשען... מיך האָט אָנגעהויבן שטיקן דער ריח פון בלוט, און איך האָב זיך גענומען אויספּלאָנטערן פון אונטער דעם וויסטן צעבלוטיקטן לײַבער־געפלעכט... דאָ און דאָרט האָט, ווי פון אונטער דער ערד, זיך ארויסגעריסן א פארשטיקטער קרעכץ... איך בין געקראָכן איבער פרישע הרוגים, און טרערן האָבן געבריט דאָס פנים און דאָס הארץ...

ער איז אויף א רגע אנטשוויגן געוואָרן. אן אומעטיק שווײַגן איז עס געווען. א פארטראכטונג, פול מיט טרויער. און דעם מיידל האָט זיך געדאכט, ווי דאָס שווײַגן איז מיטאמאָל צעזעצט געוואָרן דורך א צעשטורעמטן פלאַם פון בלוט און טויט...

— מיט שווערער מי האָב איך זיך ארויסבאקומען פון דער גרוב, — האָט ער איבערגעריסן דאָס שווײַגן. — מיט אלע חושים האָב איך זיך אײַנגעהערט אין דער נאכט. ס׳איז געווען שטיל. א מוראדיקע פינצטערע שטילקײַט, פונקט ווי דער טויט וואָלט זיך פארטײַעט אונטער יעדן בוים, אונטער יעדן קוסט... איך האָב אָבער די טויט־געפאר ניט געפילט, ניט באנומען. מײַן מוח האָט פיבערהאפט געארבעט, אָבער איך האָב ניט געקענט מער טראכטן, און נאָר אן אינערלעכער קול, א מין זעקסטער חוש, האָט אָן אויפהער געטריבן, געטריבן... ס׳איז געווען דער פארהוילענער לעבנס־ווילן, וואָס האָט מלחמה געהאלטן מיטן מלאך־המוות...

א שאָטן האָט זיך פארקליבן אין די קנייטשן פון זײַן פנים, ווי אין קארבן פון אן אלטן בוים, וואָס האָט איבערגעטראָגן א סך שטורעמס. די ווינקלען פון זײַן מויל האָבן לײַכט געציטערט.

— א געוויסע צײַט בין איך געקראָכן ווי א שלאנג, פילנדיק דעם אָטעם פון דער פײַכטער הארבסטיקער ערד. דערנאָך האָב איך גענומען לויפן, ניט וויסנדיק אפילו, ווּהין איך לויף. איך בין געפאלן אין גריבער, געזונקען אין זומפּן, דערנער־קוסטן האָבן געשטאָכן מײַן פנים, און איך בין אָן אָפּהאלט געלאָפן, געלאָפן אלץ ווײַטער און ווײַטער פון דעם אויסגעהרגעטן יידישן קיִעוו...

— תּהיינה נפשותיהם צרורות בצרור החיים... — האָט א צעצויגענער יאָמער־ניגון זיך געטראָגן צו דעם הארבסטיקן הימל.

* * *

דער טאָג איז געוואָרן אַלץ לויטערער, אַלץ זוניקער. און מרים האָט אויסגעזען אין שײַן פון דער יונגהאַרבסטיקער טרויעריקער זוניקײַט ווי א גאָלדענער שטראָם. זי האָט מיט אירע גרויסע בלויע אויגן צודרינגלעך געקוקט אויף דעם אַלטן מאַן, וועלכער האָט מיט פופציק יאָר צוריק באַדאַרפט זײַן נאָך זייער יונג, געזען אויף זײַן פנים דעם גאַנצן אָפּגרונט פון לייד און פּײַן, גלײַך זי וואָלט געזען א וווּנדער. אירע אָנגעשטרענגטע דינע ברעמען האָבן א צאַפּל געטאָן, און זי האָט אַרויסגעאָטעמט:

— ווי אַלט זענט איר דעמאָלט געווען?

— ניט עלטער, ווי איר איצט.

— איך וועל אינגיכן צוואַנציק.

— איך בין אויך ניט פיל עלטער געווען... אָבער אין יענער נאַכט, ווען דער טויט איז נאָכגעגאַנגען מײַנע פוסטריט, זײַנען הונדערטער דורות געווען אײַנגעזאַמלט אין מײַן איינציק ביסל לעבן. דורות, וואָס זײַנען דורך אַלע צײַטן, אונטער קאַלטע הימלען, אָפּגעגאַנגען דעם בלוטיקן דערנער־וועג פון קידוש־השם...

צו וועמען האָט ער עס גערעדט אַזוי? צו דעם מיידל מיט דעם ייִדישן נאָמען מרים, וואָס איז מיט געוואַלט אַרײַנגעטריבן געוואָרן אין א גײַסטיקן געטאָ, און ער האָט געוואָלט מיט זײַנע רייד פאַרזייען אין איר יונגער נשמה א קערנדל פון ייִדישקײַט? צי אפשר צו זיך אַליין, כּדי אַזויאַרום נאָכאַמאָל אויפשטיין תּחית המתים...

די צײַט האָט זיך א קער געטאָן אויף צוריק.

— איך האָב געבלאָנדזשעט נאָר אין די נעכט. געגאַנגען מיט זײַטיקע וועגן, וואָס זײַנען געווען ליידיק און שטום. און נעכט זײַנען געשטאַנען טויבע, פאַרגליווערטע. בלויז דאָס ווידערקול פון ווײַטע שאָסן האָט פון צײַט צו צײַט דורכגעשטאָכן די פינצטערניש. און די נאַכט־שטילקײַט האָט אָפּגעענטפערט מיט עפּעס אַן אימהדיקן שאָרכן. עס האָט זיך געדאַכט, ווי די שוואַרצע ביימער־שאָטנס שלײַכן מיר נאָך מיט פאַרגנבעטע באָרוועסע טריט. דערנאָך איז דאָס אויך פאַרפאַלן געוואָרן, גלײַך דער אומרו פון דער נאַכט האָט געוואָלט אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

אין איינער אַזאַ נאַכט, ווען איך בין, א געיאָגטער פון גֿעפאַרן, א הפקרער, א האַלב־נאַקעטער, א פאַרחלשטער פון הונגער, געבליבן זיצן אונטער א צעצווײַגטער טרויער־ווערבע, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עפּעס א שרעקלעכער כּוח האָט מיך צעדרויבלט און איך לעב שוין

ניט מער, האָב איך פּלוצעם דערהערט א לײַכטן שאָרך. א מענטש האָט זיך דערנעענטערט צו מיר, ווי אָפּגעשפּאָלטן פון דער נאכט.

— דו וויינסט?

— ניין.

די פינצטערניש איז געוואָרן נאָך אָנגעשוואָלענער, און איך האָב ניט געקענט דערזעען זײַן פּנים. נאָר די אויגן האָבן בײַ אים געברענט, ווי צווי יאָרצײַט־ליכט. אפשר איז עס געווען איינער פון די הפקרע בעטלער, וואָס האָבן געוואנדערט אָן א היים.

— ביסט הונגעריק?

ער האָט א ווײַלע געשטעגערט אין עפּעס א טאָרבע און ארויסגעצויגן פון דאָרט א קליין קלומיקל, פאַרבונדן אין א שטיקל לײַוונט.

— נא, נעם... דו ווילסט ניט? זאָגסט זיך אָפּ פון א ביסן ברויט?

אויף א מינוט האָב איך געהאט א געפיל, ווי עפּעס האָט זיך מיר איבערגעדרייט אין מוח. בין איך פון זינען אראָפּ? איך האָב מיטאמאָל דערפילט די בענקשאפט צו ברויט, דעם דאָזיקן באַגער, וואָס טראָגט דעם נאָמען הונגער. איך האָב אויסגעשטרעקט די הענט צו דעם געשאנק, געוואָלט אין דער רגע צעבינדן דאָס קלומיקל און דעם אינהאלט פאַרשלינגען.

— ווארט א ווײַלע, — האָט ער מיך לײַכט אָנגעכאפּט פאר דער האנט, — איך וויל דיר געבן אן עצה: אײַל זיך ניט מיט אויפעסן דאָס שטיקל ברויט. האלט עס בײַ זיך וואָס לענגער. קוים ווייסטו, אז בײַ דיר אין קעשענע איז פאַראן א סוכארעק, איז דיר פיל לײַכטער איבערטראָגן דעם הונגער... צעוויקל אויך ניט דאָס קלומיקל. ווייניקער נסיון וועט זײַן...

ער איז אוועק, גלײַך די פינצטערניש האָט אים פאַרשלונגען, און איך האָב ניט באוויזן אפילו צו באדאנקען.

טעג און נעכט האָבן זיך אויסגעמישט. איך האָב פאַרלוירן דעם חשבון פון צײַט. מיך האָט געפּלאָגט דער הונגער, געטריקנט אין האלדז, געגרויזט אין קאָפּ. קוים האָב איך פאַרמאכט די אויגן, האָב איך דערזען פּילפּארביקע קרײַזן, וועלכע האָבן זיך אָט פאַרגרעסערט, אָט פאַרקלענערט, ווי איך וואָלט געפיבערט.

איך האָב ארויסגענומען דאָס קלומיקל, זיך אָבער באלד דערמאָנט אין דער עצה.

ניין, איך טאָר ניט אויפעסן אפילו א קרישקע פון דעם ברויט. איצט איז עס דער איינציקער קעגנשטאנד, וואָס גיט מיר קראפט. איך דארף צונויפנעמען אלע כּוחות און גיין, גיין.

און דאָך — פון צײַט צו צײַט, ווען איך האָב געפילט די טרוקענע נעגל פון הונגער אין האלדז, האָב איך ארויסגענומען דאָס שטיקל ברויט. איך האָב זיך אָבער ניט אונטערגעגעבן דעם יצר־הרע. איך האָב עס נאָר א גלעט געטאָן מיט ציכטיקע פינגער. עס איז געווען הארט, אויסגעטריקנט. ווער ווייסט, ווי לאנג דער בעטלער האָט עס געטראָגן אין זײַן טאָרבע. עס האָט אָבער געשמעקט מיט לעבן, און מײַן הארץ האָט פאָרכטיק געקלאַפט, געקלאַפט...

אין א פארטאָג האָב איך, נאָך לאנגע בלאָנדזשעניש, זיך פארקליבן אין א וואלד. דאָרט האָב איך אָנגעטראָפן אויף פארטיזאנער, און דער עול פון וואנדערן האָט זיך אָפּגעטאָן פון מיר.

שטערן האָבן זיך געלאָשן, פארשווונדן אין יענוועלטיקע הייכן. דער מזרח־טייל הימל האָט זיך געלײַיטערט, און איך האָב צום ערשטן מאָל מיט עפּעס א פריידיקן געפיל ארויסגעצויגן פון קעשענע דאָס אײַנגעוויקלטע שטיקל ברויט. איך האָב באשלאָסן עס צו פארשלינגען דאָ אויפן אָרט. און איך האָב מיט אן אינערלעכן ציטער צעבונדן דאָס קויטיקע שמאטקעלע און... גאָט מײַנער! עס איז ארויסגעפאלן אן אָפּגעזעגט שטיקל האָלץ...

אָט וואָס מיך האָט געראטעוועט!

א געמיש פון עטלעכע עכאָס האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין מעכטיקן היסטערישן געלעכטער, און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון די אויגן.

איר זאָלט דעם דאָזיקן בעטלער ניט משפטן. זײַן פארטראכט, איידל און קלוג, האָט פארהיט די פרייד פון א שטיקל ברויט. ער איז געווען דער בעל־מופת, וואָס האָט מיט דעם אויסגעטראכטן "שטיקל ברויט" פארטריבן מײַן הונגער און יעדן טאָג אויפסנײַ באשאָנקען מיך מיט לעבן...

אזוי האָט דער אלטער מאן פארענדיקט זײַן דערציילונג. גערעדט האָט ער רוסיש און געזען, ווי מרימס בלויע אויגן האָבן זיך אָט געלאָשן, אָט ווידער אויפגעלויכטן. ער האָט געקוקט אין זיי מיט אזא שנײַדיקן בליק, גלײַך ער וואָלט באמערקט אין זיי א פארהוילענעם גלי, וועלכן ער וויל פארגעדענקען אויף שטענדיק. פלוצעם האָט ער א פרעג געטאָן:

— ייִדיש רעדט איר?

— יאָ, א ביסל.

און זי האָט אים אויסגעזען צו זײַן אָנגעלאָדן מיט דעם געמיט פון א ייִדישער היים. א היים פון ייִדישער בענקשאַפט אויף אוקראַיִנישער ערד...

# רות

## .1

גערענקסט יענעם גרימיק קאלטן ווינטער־טאָג, זאָלושקא?

געווען א טאָג אזא, מיט ווײַסע נידעריקע וואָלקנס, וואָס זענען, ווי גיגאנטישע ווײַסע פייגל, געהאנגען איבער דער האלב־דאָרפישער גאס. א ברייטע אלטע רוסישער גאס מיט צוויי רייען נידעריקע הײַזער און געפארבטע הילצערנע פלויטן, איבער וועלכע ס׳האָבן אריבערגעקוקט פארשטאַרטע געפרוירענע פענצטער, אַרומגעצוימטע מיט געשניצטע לײַסטן, ווי דין־געפלאָכטענע קרוזשעווע.

דער פינקלענדיקער שניי האָט זיך געקרישלט פון קעלט, שווער געסקריפּעט אונטער פארהוילענע טריט, און שווארצע קראָען האָבן זיך געוויגט אויף פארקריפלטע, נאקעטע צווײַגן.

די באַטאָגיקע קלאנגען זענען געווען געהעמטע, אײַנגעהאלטענע, גלײַך דער פראָסט וואָלט פארקאָוועט דעם רויש פון גאס און מענטש און געדעמערט מיט א בלוילעכער אומעטיקער שטימונג.

די שטימונג פון א קאלטן ווינטער־טאָג.

איך בין געשטאנען מיטן פנים צום פארשנייטן דרויסן און דורך אן אויסגעהויכט שטיקל שויב צוגעזען, ווי אויף יענער זײַט פענצטער האָט דער ווינט, דער אלמעכטיקער ווינט, זיך געוואָרפן אויף א יונגער בעריאָזקע, געוואָלט מיט כוח זי ארויסרײַסן. זענען אָבער אירע וואָרצלען געווען פעסט פארפעסטעט אין דער ערד, האָט זי זיך געאמפּערט, געראנגלט, און דער ווינט האָט מיט רוגזה זי געשמיסן, נאָר בײַקומען נישט געקאָנט.

א יונג ביימעלע און א מעכטיקער ווינט...

זי האָט מיט עפּעס א פארבענקטן קרעכץ געשטרעקט פאָרויס

אירע נאקעטע צוויַיגן, פונקט זי וואָלט געבעטן הילף, און אזא טרויער האָט געיאָגט פון איר גערוואנגל.

און דער פראָסט האָט געצייכנט אויף די שויבן פאנטאסטישע אוזאָרן.

אין שטוב איז געווען ווארעם.

א גאנצן טאָג האָט מען געהייצט דעם גרויסן רוסישן אויוון. איך האָב אָבער נישט געפילט די ווארעמקייַט. מיך האָט געגליוועט א רויע, שנייַדנדיקע קעלט, געפרירט דאָס הארץ, גלייַך מען וואָלט מיר אריַינגעלייגט א שטיק אייַז אין דער ברוסט, עס האָט זיך געדאכט, אז דאָס האָט דער דרויסנדיקער ווינט זיך מיט געוואלד אריַינגעריסן און, ווי א בייזע קללה, ארויסגעהוילט פון א שווארצן טעלער אויף דער וואנט, ווי פון א שווארץ אויפגעריסן מויל:

— מערדער אין וויַיסע כאלאטן!

ווי איבער יעדער מאָס פון מענטשלעכן געהער, האָבן א שניט געטאָן די ווערטער, זיך אריַינגעגאָסן אין דער פארדריקטער שטילקייַט מיט א בלייַערנער שווער־קראפט, און יעדעס וואָרט האָט גלייַך אָן אן אָפּהאלט צוגעשלאָגן צו דעם לויף פון בלוט אין הארצן:

— זיי האָבן פארסמט אונדזערע בעסטע מענטשן...

קלאָר און דייַטלעך האָט פונעם רעפּראָדוקטאָר זיך ווילד א טראָג געטאָן א רשימה פון אָנגעזעענע ייִדישע דאָקטוירים. געטריפט מיט גיפט דער אוראלטער, פון טויזנטער יאָרן געכאָוועטער שקר־בלבול, מיט וועלכן ס׳האָט נישט איינמאָל שוין זיך באנוצט די אכזריותדיקע וועלט. און די ווילדע רכילות האָבן אריַינגעדרונגען נישט נאָר אין די אויערן, נאָר אויך אין מארך, אין בלוט, זיך אָפּגערופן אין הארצן מיט גרויל און שוידער, דורכגעצוקט ביז די נעגל פון די פיס־פינגער און אריַינגעיאָגט אין די אויערן א וויסטע, בלאָנדזשענדיקע שרעק.

און ערגעץ אויף א באן־סטאציע, אויף א זייַטיקער פלאטפאָרמע, זענען, ווי צוגעפרוירענע צו די רעלסן, געשטאנען ליידיקע לאסט־וואגאָנען און געווארט אויף מענטשלעכע לעבנס. געווארט אויף אוועקפירן זיי וויַיט, וויַיט...

איך האָב אויך זיך געגרייט אין וועג אריַין.

איך האָב געזען פאר זיך א לאנגן וועג. לאנג, ווי דאָס לעבן, און שווער, ווי דאָס לעבן... און פארשטאנען, אז מייַן גורל איז געחתמעט. אז די טויערן פון אלע זיבן הימלען זענען פאר מיר פארשלאָסן און קיין גאָט, צו וועמען זיך ווענדן, האָב איך נישט מער.

זיכער בין איך געווען עלטער פון מייַנע אייגענע פינף און צוואנציק יאָר. אין מייַן בלוט האָבן געלעבט דורות גערודפטע, פארוואָגלטע,

געטריבענע פון אָרט צו אָרט.

איך האָב אויך זיך געגרייט אין וועג אַרײַן...

מיר איז פאָרגעשטאנען א פײַנלעכע צעשיידונג. און איך האָב געטראכט פון איר מיט א באהאלטענער שרעק.

דער וואנט־זייגער האָט זיך צעקלונגען, א קליין בלוי־געפארבט שטיבעלע מיט צוויי שווערע אײַזערנע געוויכטן אויף צוויי קייטן, ווי זיי וואָלטן געשלעפט די צײַט אראָפּ, אראָפּ...

דער זייגער האָט געמאָסטן דעם שאָרך פון טרויער, געוויזן די שעה פון ליבע און די שעה פון צעשיידונג.

די שעה האָט געשלאָגן...

## 2.

... זאָלושקא, דו האָסט א צײַט לאנג אזוי ברייטהארציק געטיילט מיט מיר דעם לעצטן ביסן ברויט. אָן מורא פאר דער געפאר, וועלכע איך האָב מיט זיך געטראָגן, מיך באגלייט אויף אלע מײַנע עלנטע וואָגלענישן, באלויכטן, ווי מיט א כּישוף־ליכט, דעם וועג פון מײַן לעבן. מיר איז שווער געווען אפילו צו גלייבן, אז אין דער וועלט פון פײַער און טויט איז פאראן פאר מיר א פרידלעך ווינקעלע.

איך האָב דיך גערופן זאָלושקא... לויט יענעם באליבטן צויבער־מעשׂהלע. און אין פולן בלי פון דײַן יונגער שיינהײַט ביסטו געווען ווי אויסגעוועבט פון עפּעס אן אומבאגרײַפלעכער, רירנדיקער צארטקײַט.

מיר זענען ביידע יונג געווען. ביידע פארליבט איינער אין דעם אנדערן. און די ליבע אונדזערע האָט געשוועבט איבער אונדז און זיך איבערגעגאָסן פון אייביקײַט אין אייביקײַט...

איך האָב געוווּסט, אז מיט מײַן אוועקגיין וועלן אָנרוקן טעג און נעכט, דורך וועלכע ס'וועט טריפן בענקשאפט און טרויער, נאָר די זאָרג פאר דײַן לעבן האָט אלץ פארשאָטנט.

זי איז געשטאנען, די האָר פאנאנדערגעלאָזט איבער אירע שמאָלע פּלייצעס, דאָס פּנים אײַנגעגראָבן אין אירע הענט, ווי אמאָל מײַן מאמע בײַ ליכט־בענטשן, און שטיל געוויינט. אָבער די ציטערנדיקע, הייזעריקלעכע שטילקײַט איז שרעקלעכער געווען פון א הילכיקן געיאָמער.

— וויין נישט, זאָלושקא... מען דארף נישט!

איך האָב געפילט, ווי עס ווערט מיר ענג אין דער ברוסט. נאָר איך

האָב מיט גאָרנישט געוואָלט אַרויסווײַזן מײַן געריכטיקײַט. נישט אַרויסווײַזן, ווי טיף אירע טרערן, לגבי וועלכע איך בין געווען אינגאַנצן מאַכטלאָז, האָבן געקלעמט בײַם האַרצן. עס האָט מיך ווידער אַרומגענומען יענע ביטערע פאַרצווייפלונג, וואָס האָט מיך געמאַטערט אַזוי לאַנג, ביז איך האָב געפונען אַן אָנשפּאַר און אַ טרייסט אין אַט דער שטוב, מיט וועלכער איך מוז זיך איצט שיידן. און בילדער, איינס שרעקלעכער פונעם צווייטן, האָבן געצונדן מײַן מוח, אַרויסגעשריגן פון מײַן נשמה מיטן געשריי פון צעריסענע גורלות. און אינמיטן פון אַט דעם גורל – איך מיט מײַן אומגליקלעכער ליבע, מיט מײַן מאָרגן...

זי האָט שטיל געוויינט, און אַלע פיר ווינקעלעך זענען פול געווען מיטן טרויער פון איר געוויין.

פּלוצעם האָט זי, ווי אַ דערשראָקענער פויגל, זיך אָפּגעריסן פונעם אָרט, זיך דערנעענטערט צו מיר. זי איז געווען בלייך, אויפגערעגט, מיט אַ מאָדנעם גלי אין אירע אויגן, און, צוקנדיק מיט אַלע מוסקולן פון איר פאַרוויינט פּנים, האָט זי, ווי אין עפּעס אַ הייליקער עקסטאַטישקײַט, אַ זאָג געטאָן:

– איך גיי מיט דיר... דײַן וועג איז מײַן וועג... דײַן גורל איז מײַן גורל...

פאַראַן ווערטער זייער וואָגיקע.

נאָר זי האָט די ווערטער אַרויסגעבראַכט מיט אַזאַ הייסן אָטעם, מיט אַזויפיל אָפענער אַנטשלאָסנקײַט, אַז איך בין אויף אַ ווײַלע געבליבן ווי געפּלעפט. אפשר האָב איך זי ריכטיק ניט פאַרשטאַנען? אפשר האָט זי געזאָגט עפּעס אַנדערש, אויף אַן אַנדערער שפּראַך? אָבער איך האָב פּאָרט געהערט.

איך האָב נישט געוווּסט, וואָס איך דאַרף טאָן, כּדי צו לעשן דעם ברענענדיקן ווייטיק פון אירע ווערטער. מיט עפּעס אַ ווילדן אומרו האָב איך זי אַרומגעכאַפּט, אויפגעהויבן איבער זיך, און זי האָט געקוקט אויף מיר פון אויבן אַראָפּ, ווי ס'קיקט אַ בוים, וואָס פאַררײַסט זײַן קרוין צו די הימלען. און איך האָב איר אָפענעם בליק נישט געקאָנט אַריבערטראָגן.

מיטאַמאָל איז אַלץ פאַרשוווּנדן – דער שוואַרצער טעלער אויף דער וואַנט מיט זײַן קללה און סם. דער זייגער, וואָס האָט געוויזן די שעה פון צעשיידונג. אַזוי ווערן אינעם אויסברוך פונעם בליץ פאַרלאָשן אַלע אַנדערע פײַערן. געבליבן איז בלויז איר פּנים מיט די אויגן, וואָס האָבן מער נישט געוויינט. אין זיי איז מער גאָרנישט געווען, אויסער אַ מעכטיקן פאַרלאַנג.

— איך גיי מיט דיר...

און איך בין נישט אימשטאַנד געווען זיך אָקעגנשטעלן אָט דעם פֿאַרלאַנג. און אויך נישט געוווּסט, צי דאַרף איך זיך אָקעגנשטעלן. איך האָב מיט אַן אינערלעכן ציטער אַרויפֿגעלייגט מײַנע בײדע הענט אויף איר קאָפּ, ווי מײַן טאַטע פֿלעגט עס טאָן יעדן ערבֿ־יום־כּיפּור, און זי האָט געענטפֿערט מיט אַן איינזאַמען פֿאַרשפּעטיקטן שמייכל.

נאָר אָנשטאָט זי צו בענטשן, האָב איך געפּרוּווט איר דערקלערן, אַז זי האַנדלט צו אײַליק, נישט גענוג באַטראַכט.

— דו ביסט נישט קיין ייִדישקע... דיר דראָט קיין שום געפֿאַר נישט... יעדנפֿאַלס נישט אַזעלכע, ווי מיר...

פֿאַראַן ווערטער זייער וואָגיקע.

נאָר פֿאַרוואָס האָבן אירע שוואַרצאַפּלען אַ שפּריץ געטאָן מיט אַזעלכע גרינע און געלע פֿײַערלעך?

איך האָב דערפֿילט,אַז נישט דאָס האָב איך באַדאַרפֿט זאָגן, נישט אַזוי... דערפֿילט, ווי עס לויפֿן צו גיך מײַנע געדאַנקען, שטויסן זיך אָן איינער אין צווייטן און צעפּאַלן, צעפּאַלן.

וואָס האָט זי געשטויסן צו אַזאַ שריט? וועלכער רוח האָט איר באַפֿוילן אײַנשטעלן דאָס לעבן?

און זי איז נאָך קיין גאַנצע צוואַנציק נישט אַלט געווען. געשטאַמט פֿון אַן אַלטער רוסישער היים, וואָס פֿריִער כּמעט נישט באַטרעטן געוואָרן פֿון אַזעלכן, ווי איך... אירע גלאַטיק פֿאַרקעמטע קויל־שוואַרצע האָר און פּונקט אַזעלכע שוואַרצע שײן־געפֿאָרמטע ברעמען, צונויפֿגערוקט איבער עטוואָס געשליצטע אויגן, האָבן פֿאַרהיט סימנים פֿון אַ מאָנגאָליש־רוסישער געמישטקייט.

... זאָלושקאַ טײַערע! ביז איצט נאָך מאַטערט מיך דער סוד פֿון דײַן אײדעלער, קרישטאָל־ריינער נשמה, וואָס האָט אַזוי גרויסציגיק זיך אַנטפּלעקט אינײנעם מיט דײַן ליבע.

פֿאַר די אויגן נעמט זיך דרייען אַ גאַנצער קאַרוזעל פֿון פֿאַרביקע זעונגען, און אין פּלאָנטער פֿון אָט די זעונגען צאַפּלט אַ מעכטיקע טויזנטשטימיקע פֿרייד.

זײַ געבענטשט, זאָלושקאַ,
זײַ טויזנט מאָל געבענטשט!
פֿאַר דער שטילער, געוואַגטער ליבע דײַנער,
אין אַ צײַט,
ווען מיר האָט געפֿעלט אַן אַקסל
דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן...

מיר קומט אויפן זיכּרון דאָס אלטע הויז אין דער אלטער רוסישער פאָרשטאָט, מיט די געשניצטע פענצטער־ראמען, די סקריפּענדיקע קאליטקע, וואָס האָט אָפּט אזוי געשראָקן, און די ווײַסע בעריאָזקע...

מיטאמאָל האָבן אירע שווארצאפּלען זיך אויסגעלאָשן, און זי האָט ווידער זיך צעוויינט, נאָר שוין געוויינט, ווי א באעוולט קינד, מיט א כליפּערײַ. אירע שמאָלע פּלייצעס האָבן זיך פארשפּיצט, און זי האָט אומעטיק און צארט געבעטן:

— שליס אויס די ראדיאָ!

און עס זײַנען געפאלן צוויי גרויסע בלוטיקע טרערן, ווי צוויי רובינען רויטע.

דער שוואַרצער טעלער האָט מיט א געשפּאָלטן וואָרט פארשטומט געוואָרן. מיר האָבן אויך געשוויגן. א שווײַגעניש, וואָס טאָר נישט פארלעצט ווערן. און איך האָב שווײַגנדיק געקוקט אויף איר איידל פּנים, ווי איך וואָלט עס צום ערשטן מאָל געזען. געקוקט אין אירע גוטע פארוויינטע אויגן. זיי האָבן געפינקלט, ווי שפּליטער פון צעבראָכענע שטערן. און זי האָט מיר אויסגעזען ווי פון א ווײַטער עפּאָכע, וואָס איז שוין לאנג פארשוווּנדן, נאָר פון וועלכער עס ווייעט נאָך א פארשטיקטער עכאָ... און איך האָב געטראכט, אז מיט אָט אזעלכע טרערן וועט מען אמאָל, ווי מיט בריליאנטן, אויסזעצן א לויבגעזאנג פאר אלע יענע רוסישע טעכטער, וועלכע האָבן אײַנגעשטעלט א לעבן פאר א לעבן...

איך האָב טיף פארמאכט די אויגן, זיי אראָפּגעלאָזט אין מײַן נשמה, ווי א דורשטיקער לאָזט מיט ציטערנדיקע הענט אראָפּ אין ברונעם דעם ליידיקן עמער, און אזוי, מיט פארמאכטע אויגן, זי ארומגענומען, געטוליעט אין מײַנע אָרעמס. איך האָב געפילט די ווארעמקײַט פון איר קערפּער, וואָס האָט געשטראָמט פונעם קלאפּנדיקן הארץ ארויס. און איך האָב, ווי פאר א קינד, איר גענומען דערציילן אן אלט מעשׂהלע פון טויזנטער יאָרן צוריק. א מעשהלע פון א יונגער פרוי מיטן נאָמען רות, א טאָכטער פון א מואָבישן שבט, וועלכע האָט אין אנדערע אומשטענדן מיט דער זעלבער אנטשלאָסנקײַט געזאָגט:

— כי אל אשר תלכי אלך...

ס'איז געוועןגוט און אומעטיק.

איך האָב דאָרשטיק געשלונגען אָט די פלוצעמדיקע, אומבאגרײַפלעכע פרייד און נישט געוואָלט אפילו וויסן, אויף וואָס פאר א געפאר מיר ביידע זענען אויסגעשטעלט...

אומבאמערקט איז צוגעפאלן דער פארנאכט. א טונקל־בלויער

ווינטערדיקער בין־השמשות, ווען פאַרבענקטע מענטשן בענקען נאָך שטאַרקער און טיפער...

3.

... זאָלושקאַ, מײַן יונגע ריינע ליבע!

קאָן זײַן, אַז דו האָסט שוין אָנגעווירן דעם רייץ און חן פֿון דײַן אַמאָליקער שיינקײַט. דאָס לעבן טוט זיך זײַנס... נאָר אין מײַנע חלומות וועסטו נאָך לאַנג אַרויסשווימען פֿון דער פֿאַרגאַנגענהײַט פּונקט אַזאַ יונגע, פּונקט אַזאַ אײדעלע, ווי אין יענע ווײַטע פֿינצטערע יאָרן...

# עלנט

עטוואָס געעלטערט, כאָטש קוים פערציק אריבערגעשפּאנט. א פולבלעכע, וואָס האָט נאָך אלץ געטראָגן איר קערפּער לייַכט און שפּילעוודיק. א שטילע, מיט א פאַרטראָגענעם ברען אין די שווארצע, עטוואָס פאַרוואָלקנטע, קינדערשע רויִקע אויגן. און עטוואָס א פאַרלוירענע, מיט א בלייכער פאַרטראַכטקייַט אויפן פּנים. גלייַך זי וואָלט געהאלטן אין אויסמעקן אלע אירע חשבונות מיט דער ארומיקער וועלט.

ווען מען זאָל אָט די אלע "עטוואָסן" צונויפלייגן אינײנעם, וואָלט זיך באַקומען שפרה די וועשערין, אָדער — ווי מען האָט זי נאָך אלץ גערופן — שפרה די יתומה, וואָס איז אלע יאָרן געשטאַנען איבער גרויסע פּרעמדע באַליעס וועש, באַקומען רויטע, אויסגעווייקטע הענט, וואָס האָבן דערמאָנט אין רוי פלייש, און געוווינט איינע אליין אין א פאַרוואָרפן אלקערל, ערגעץ־ווו בייַם סאַמע ראַנד פון שטאָט, ווו זי האָט אַן עלנטע, אויסגעמאַטערטע פאַרבראַכט אירע נעכט, און ס'האָט זיך געדאַכט, ווי די גרויסע באַליעס וועש האָבן אָפּגעטויט אין איר אלע געפילן פון א פרוי, אלע בענקענישן. און נאָר דאָס קידושין־רינגל פון ביליקן גאָלד אויף דער רעכטער האַנט האָט אפשר געזוּוסט צו דערציילן פון א פריצייַטיק פאַרלאָשן, נישט־אויסגעלעבט לעבן.

פאַרנאַכט.

דער אָפּגלאַנץ פון א פראָסטיק צאַנקענדיקן ווינטערטאָג האָט בלוילעך געשימערט אויף די שויבן, געצייכנט פאַנטאַסטישע אַראַבעסקן. א שטעכיקער ווינט, ווי א פאַרשטיקט געוויין, האָט הפקר זיך געטראָגן איבער דער הינטערשטאָטישער פּוסטקייַט, און די

נאקעטע ביימער האָבן געקרעכצט פון קעלט.

אין שטיבל מיט אן אָפּגעשמירטן ערדענעם דיל, וועלכער האָט אָפּגעהיט דעם ריח פון ליים, איבערגעמישט מיט פערדישן מיסט, איז אויך געווען קאלט און פריקרע. אויף די ווענט זײַנען געהאנגען לאנגע, פארשטארצטע שאָטנס, און אן אומעטיקער פלאָנטער פון טאָג און נאכט האָט ארויסגעשפּארט פון די ווינקלען, ווי א שרעקיקס געהיימניש.

דער פארנאכט האָט אָנגערוקט מיט א דערדריקטן טרויער, און שפרה די וועשערין איז געזעסן בײַם אײַזערנעם הרובעלע, געוואָרעמט אירע רויטע, צעווייקטע הענט, און געדאנקען, ווי שאָטנס, זײַנען געקראָכן אין קאָפּ. זי איז געזעסן באוועגלאָז, גלײַך זי וואָלט געדרימלט, און עפּעס א טויטע מידקײַט האָט אויסגעקוקט דורך די שפּעלטעלעך פון אירע האלבפארמאכטע פארשאָטנטע אויגן.

די שעהן האָבן זיך געצויגן, ווי די קעלט, לאנג און אומעטיק. יעדע רגע אן אייביקײַט, און ארום איז געשטאנען א פארגליווערטע שטילקײַט, געאָטעמט מיט בענקשאפט, און די שטילקײַט האָט מאָדנע געקלונגען אין די אויערן.

א רגע צו א רגע זײַנען נישט קיין צוויי רגעס...

שפרה האָט זיך אײַנגעניורעט אין זיך אליין. די געל־רויטע פלאַמען האָבן געטאנצט אויף איר פנים, וואָס איז אינעם אָראנזשעווע ליכט געווען באזונדערס בליך, ערנסט און אויסגעזען ווי צעשניטן, און די שטילקײַט האָט מאָדנע געקלונגען אין די אויערן.

א רגע צו א רגע זײַנען לאנגע צענדליקער יאָרן, איבערגעלאָדענע מיט פּײַן!

שפרה האָט מיט געטרײַשאפט געטראָגן די יאָרן אין איר הארצן, אָנגעהויבן פון יענעם ווײַטן ווינטערדיקן בין־השמשות, ווען זוניע, דער יונגער חנעוודיקער וואלדהעקער, האָט זי ארומגענומען, איר ארײַנגעקוקט גלײַך אין די אויגן און שטיל, ווי א פארבאָרגן געזאנג, ארויסגעשטאמלט:

— מיר איז אזוי גוט מיט דיר, שפרה!

זי האָט כמעט געזען אָט די ווערטער, ליכטיקע ווי די פלאַמען פײַער. איר האָט זיך געדאכט, ווי ער זיצט נעבן איר, זי הערט זײַן שטימע, זעט זײַן פנים, באלויכטן פון ווארעמען, רויטלעכן ליכט, פילט זײַן שווערע האנט אויף איר פלייצע.

— מיר איז אזוי גוט מיט דיר...

... אין דרויסן פאלט א שניי, א ווײַסער געדיכטער שניי. די ערשטע שטערן ווינקען ארײַן אין פענצטער מיט אזא יומטובדיקער פרייד. אין

שטוב איז אויסגעהייצט וואַרעם. בליצלאָמפּן, געליִענע אויף איין אָוונט, צעגיסן ברייטווילליק א העלע, היימישע ליכטיקייט. טישן זײַנען געדעקט מיט אַלעם גוטן, ווי אויף א רײַכער חתונה; פרעמדע מענטשן פירן צוויי יתומים צו דער חופּה.

— מזל־טוב!

קיינער וויינט נישט בײַם באַזעצן די כּלה. א שטילע חתונה אָן קלעזמער, פרייען זיך זײַטיקע מענטשן, צוגעווינטע צו אייגענע פאַרלאַנגען נאָך פאַרגעניגן, קושן זיך אין די מײַלער.

— מזל־טוב!

שפרה קוקט אויף איר באַשערטן; אירע בליקן זײַנען פול מיט צאַרטקײַט, און אויפן פּנים שפּילט אזא וואַרעמער, אָפענער שמייכל, ווי אַן אָפענע טיר. אין איר ווײַס געבאָרגט הופּה־קלייד, ווי אויסגעוועבט פון שניי, איז זי אויסטערליש שיין. א שיינקייט, וואָס וואַרפט זיך נישט אין די אויגן, וואָס שרײַט נישט, נאָר שפּילט אין יעדן גליד, אין יעדער באַוועגונג.

זוניע האַלט איר האַנט אין צערטלעכן קלאַמער, און איבער איר קערפּער צעגיסט זיך א פאַרשיכּורטע הייסקייט, ווי צעגליטע קוילן, פון וועלכע ס'נעמען זייער אָנהייב אַלע פײַערן פון דער וועלט... ער ציט אַרויף א רינגל אויף איר פינגער.

— הרי את מקודשת לי...

זיי שטייען איינער נעבן אַנדערן, ווי דערשראָקענע קינדער, און ליכטיקע קלאַנגען, ווי די אייביקע שבועה, פליִען אַרויף צו די שטערן, און דער פאַרנאַכט היט אָפּ דעם ציטער פון פרייד און דאָס געזאַנג פון האָפענונג.

ווען זי וואָלט געקאָנט, וואָלט זי אָפּגעשטעלט דעם האַסטיקן לויף פון דער צײַט, אים פאַרהאַלטן; אָפּגעדרוקט די וואָכעדיקע טעג, וואָס דאַרפן זוניען צוריקרופן אין די בערג.

— אפשר וואָלסטו דיך אָן אַנדערע אַרבעט אויסגעזוכט?

נאָר זוניע איז א וואַלדהעקער, און זײַן אָרט איז אין די וועלדער; באַרויִקט ער שפרהן, נעמט זי אײַן, ווי מ'נעמט אײַן א וויינענדיק קינד:

— איך וועל זיך לאַנג נישט זאַמען!

פאַרליבטע זײַנען שטענדיק קאַרג.

* * *

מאָרגן דאַרף זוניע אַוועק אין די בערג.

מאָרגן וועט שוין נישט זײַן קיין ווײַסער שניי, ס'וועט זײַן

פארנעפלט, ווי עמעצער וואָלט אויסגעלאָשן דעם דרויסן.

נאָר ביז מאָרגן איז ווײַט. א סך שעהן זײַנען נאָך פאראן, און מינוטן, און רגעס — א גאנצע אייביקייט.

זוניע ווייסט נישט, אז עס לויערט אויף אים אן אונטערגעזעגטער בוים, און שפרה ווייסט אויך נישט...

מאָרגן...

מאָרגן וועט זוניע ליגן א פארבלוטיקטער, מיט א צעבראָכענעם געביין, און דאָס וואָרט "דערהרגעט" וועט שטיין ווי א גרויסע, שווארצע שרעק.

אין דרויסן גייט א שניי, א ווײַסער געדיכטער שניי. ער שיט א גאנצע נאכט, און דער הימל פארבט אים מיט זײַן בלוילעכער פארב.

זוניע כאפט זיך אויף, און זײַנע טרוקענע, מיט בלוט פארבאקענע ליפן בעטן:

— שפרהן רופט צו!

אן אנדערע פרוי, אין ווײַסן אָנגעטאָן, גלעט צערטלעך זײַן שטערן, גלײַך זי וואָלט געפרווווט לעשן די היץ אויף זײַן פנים, שארט מיט א ווארעמען באריר איבער זײַנע האָר.

— שפרה, מיר איז אזוי גוט מיט דיר...

ער ווערט אנטשלאָפן, און דאָס לעבן שטילט לאנגזאם זיך אײַן, ווי דער אָפקלאנג פון א ווײַטן ניגון.

דער שניי איז בלוי, און דאָס בלוט איז רויט, הונגעריקע וועלף וויען איבערן שניי, לויפן דורך דער נאכט מיט הייסע אויסגעשטרעקטע צינגער און רויטע, פײַערדיקע אויגן. הונגעריקע וועלף דערשפירן פונווײַטן דעם ריח פון בלוט...

און שפרה איז געוואָרן א יונגע אלמנה.

די בערג האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט, די וועלדער — נישט אויפגעהערט רוישן.

שפרה איז דאָס צווייטע מאָל פאריתומט געוואָרן.

א יונגע אלמנה מיט א קידושין־רינגל אויפן פינגער.

— הרי את...

ווי פיל ראָמאנען צעוויקלען זיך אויף די סטעזשקעס פון לעבן... ראָמאנען, וועלכע מ׳קאָן קויפן, נאָר פאר וועלכע מען באצאָלט שטענדיק זייער טײַער...

פארליבטע ווייסן נישט פון קיין פרײַזן!

* * *

זיבן טויזנט פארנאכטן זײַנען פארבײַ, ווי עפּעס א בייזע האנט וואָלט זיי געטריבן. שפרה איז געזעסן בײַם אייוועלע, עלנט, פאריתומט, מיט א צעריסן הארץ.

און א רגע צו א רגע זײַנען אלץ נאָך צוויי רגעס...

זי האָט זיך צוגעהערט צום געוויין פונעם ווינט, וועלכער האָט, ווי דורך א שפּעלטעלע, ארײַנגעקוקט אין איר אייגענעם לעבן, וואָס האָט זיך אויסגעדרייט צו איר מיט דער טונקעלער זײַט. זי האָט זיך נישט באקלאָגט אויף איר גורל. פאר וועמען זיך קלאָגן? מענטשן זײַנען נאָענט אויף צו באדויערן און זייער ווײַט צו טרייסטן.

זי איז געזעסן מיט דער בענקשאפט אין הארצן, און זוניע איז געווען מיט איר... זי האָט געזען זײַן פּנים, געהערט זײַן שטימע:

— האָסט מיך גערופן, בין איך געקומען!

און נאָר א גריל הינטערן אויוון האָט שטיפעריש געזונגען:

— טויטע קומען נאָר אין חלום צו גיין...

עמעצער האָט פאר דער טיר אָפּגעטרעסעט דעם שניי פון די אייגענע טריט. דער פראָסט, ווי א ווײַסער דורכזיכטיקער נעפל, האָט א זעץ געטאָן מיט שנײַדנדיקער קעלט. און איידער שפרה איז געקומען צו זיך, איז אויף דער שוועל, ווי א געשפּענסט, באלויכטן פון דרויסנדיקן ליכט, געשטאנען א קליין יִידל, אײַנגעהילט אין אן אָפּגעטראָגן פוטער. דער רויטער פלאם פונעם אייוועלע האָט געפלאטערט אויף זײַן שמאָל באוואָקסן פּנים, און פינקלענדיקע אויגן האָבן אומרויִק געפינטלט, ווי צוויי גליִענדיקע קוילן. זײַן דינע אָפּגעהאקטע שטימע האָט געעקבערט די פארקלעמטע שטילקייט:

— א גוטן אָוונט, שפרה... וואָס עפּעס אין דער פינצטער?

שפרה האָט מיט א באהאלטענער פאַרשערישקײַט געמאכט א שפּאן אים אנטקעגן, א קוק געטאָן אויף אים מיט אָפענע בליקן, אין וועלכע דער יִיד האָט באלד דערזען א ים פון טרויער און געפאלנקײַט. ער האָט געוואָלט זיך אָפּרוקן פון דער טיר, נאָר שפרה איז געשטאַנען ווי צוגעוואָקסן צום אָרט, גלײַך זי וואָלט מיט איר גאנצער גרייס געפּרוּווט פארשטעלן די נאקעטע אָרעמקײַט, וואָס האָט שטום געוויינט מיט עלנט.

— פארשטייסט. מ'דאַרף חתונה מאכן א יתומה... גיי איך איבער די הײַזער...

זײַן קול האָט געקלונגען מיט א פרומען ציטער, פונקט ער וואָלט געזאָגט תהילים, און ער האָט געקוקט אויף שפרהן מיט צוגעלאָזטער

ערנסטקייט.

שפרה האָט דערפילט, ווי העפטיק ס'שלאָגט איר האַרץ. אינגאַנצן א פאַרלוירענע, האָט זי מיט באַדויערן צעשפּרייט די אָרעמס, גלייך זי וואָלט מיט אָט דעם זשעסט געגעבן צו פאַרשטיין:

— מיין גאַנץ פאַרמעגן איז פאַר אייערע אויגן...

מ'האָט נישט באַדאַרפט קיין ווערטער אויף צו פאַרשטיין איר פאַרלוירנקייט, אויף צו זען איר פאַרבלוטיקט האַרץ, און דער ייִד האָט זיך גענומען ווי פאַרענטפערן:

— איך ווייס, דו ביסט נישט קיין גבירטע... כ'האָב געמיינט א פּאָר איבעריקע, אָפּגעשפּאָרטע גראָשן... צדקה — הייליק געבאָט... פּאָרט א יתומה... — נאָר פּלוצעם האָבן זיינע שאַרפע, פינקלענדיקע אויגן פאַרזיכטיק אָנגערירט איר קידושין־רינגל.

ביידנס בליקן האָבן זיך באַגעגנט, און שפרה האָט געמאַכט א שפּאַן אויף צוריק, נאָך א שפּאַן, נעענטער צו א קאַלטער וואַנט. אין דער אומעטיקער שטילקייט האָט זיך געהערט, ווי זי שלינגט גאַנצע שטיקער לופט. זי האָט געוואָלט שרייען, גלייך עמעצער איז זי באַפאַלן, שרייען אַזוי, אַז הימל און ערד זאָלן ציטערן. זי האָט דערפילט, ווי טרערן וואַרגן האַלדז, ס'ווערט איר ענגער אין דער ברוסט. און, אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, האָט זי גענומען אויף גיך באַהאַלטן די הענט הינטערן פאַרטעך, אירע רויטע, געשוואָלענע הענט, וואָס האָבן דערמאָנט אין רוי פלייש.

א רגע זיינען זיי אַזוי געשטאַנען איינער קעגן צווייטן, און צווישן זיי — א מוראַדיקער אומעט.

פּלוצעם האָט זיך שפרהן אויסגעדאַכט, ווי דער ייִד קוקט אויף איר מיט א בעטנדיקן פלאַם אין די אויגן, פול מיט רחמנות און חרטה, און זיינע ליפּן באַוועגן זיך קוים:

— פּאָרט א יתומה...

און שפרה טראַכט:

... ס'וועט זיין א ווינטערדיקער פאַרנאַכט. א שניי וועט שיטן, און די שטערן וועלן גיין א מצווה־טאַנץ. א יתומה וועט מען פירן צו דער חופה, זי וועט מיט הייסע פאַרליבטע אויגן קוקן אויף איר באַשערטן.

פאַרליבטע זיינען שטענדיק גליקלעך.

און שפרה האָט, ווי אין חלום, גענומען שלעפּן דאָס רינגל פון עם פליישיקן פינגער, פונקט ווי זי וואָלט געריסן שטיקער פון איר באַוואוסטן לעבן, צוקנדיק דערביי מיט די שמאָלע אַקסלען, ווי א וויינענדיק קינד.

מיט גרויס מי, פאַרבייסנדיק די ליפּן פון ווייטיק, האָט זי

אראָפּגעצויגן דעם רינג פונעם פינגער, דאָס ערשטע מאָל פאר צוואנציק יאָר, און מיט עפּעס א גיכקייט אויסגעשטרעקט די האנט:

— נאט, נעמט... דאָס איז אלץ, וואָס איך פארמאָג... און זאָל זיין מיט מזל...

... ס׳וועט זיין פארנאכט, די שטערן וועלן פינקלען, ווי ליכטיקע אויגן, און דער ייִד וועט געבן חופּה־וקידושין.

— הרי את מקודשת לי...

און ס׳וועט אויף לאנגע יאָרן געשלאָסן ווערן א גליקלעכער בונד פון צוויי עלנטע יתומים...

— נעמט, און זאָל זיין מיט מזל!

אויף שפרהס פינגער האָט א בליץ געטאָן א שמאָל רייפעלע ווייס לייב און געבלענדט מיט ווייסער אומזיניקער נאקעטקייט — דאָס איינציקע פארבליבענע יונגע שטיקל קערפּער...

און ארום איז געשטאנען א פייערלעכע רויִקייט, איבערגעפלאָכטן מיטן אָנקומענדיקן אָוונט, מיט אויסגעברענטע קוילן, וואָס האָבן געהאלטן אין פארלאָשן ווערן. און זי האָט געפילט, ווי ס׳ווערן פארלאָשן אין איר הארץ די לעצטע טליִענדיקע פונקען.

* * *

דער ווינט האָט פאר דער נאכט זיך נישט איינגעשטילט, זיך געשלענגלט איבער פארשנייטן וועג, און דער פארטאָגיקער פראָסט האָט געסקריפּעט אונטער די פיס.

שפרה איז געגאנגען אינמיטן וועג, און דער ווינט האָט געריסן שטיקער פון אירע קליידער, זיך געוואָרפן אויף איר מיט רציחה, געפרוווט זי אומוואַרפן, לאָזן ליגן אינמיטן וועג. דינינקע, פינקלענדיקע שפּיזלעך האָבן געשטאָכן די הויט פון פנים, געבלענדט די אויגן. זי האָט געאיילט, גלייך זי וואָלט מורא געהאט צו פארשפּעטיקן, כאָטש זי האָט געוווּסט, אז ער גייט אין ערגעץ נישט אוועק, ער וואַרט אויף איר... און וועט שטענדיק וואַרטן.

זי האָט נישט געטראכט, וווּהין זי גייט. זי האָט געוווּסט, אז דער וועג פירט נאָר צום בית־עולם. און זי האָט אויף אים אן אייגענע סטעזשקע אויסגעטראָטן.

איבערן הייליקן אָרט האָט געשפּאנט א טיפע, א מיט גאָרנישט פארגלייכנדיקע שטילקייט. נאָר די ביימער האָבן זיך געשפּאָלטן פון קעלט, און ס׳האָט זיך געדאכט, אז דאָס קרעכצן אזוי די קברים.

שפרה האָט אראָפּגעשאַרט דעם שניי פונעם שטיין. גרויע

פאַראיאָריקע סטעבליעס האָבן אַרויסגעשטאַרצט, ווי אָפּגעפּרוירענע פינגער. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס וואַקסן זיי אַרויס פון גאַנץ טיף, פון דאָרט, ווו עס ליגט איר זוניע, און זי האָט פאַרזיכטיק זיך פאַרבויגן אין אַ זײַט.

די מצבה האָט געפינקלט אינעם פאַרשנייטן מאָרגן, געווען באַצירט מיט הונדערטער ווײַסע שטערנדלעך, און שפּרהן האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז ער יונגערהייט ווײַס געוואָרן. זי האָט זיך אַריבערגעבויגן, מיט דער פויסט דרײַ מאָל אַ קלאַפּ געטאָן אין שטיין און שטיל, ווי אַ מאַמע, אים גענומען וועקן:

— זוניע!

און איבערן בית־עולם האָט זיך צעוויגט אַ שטילער, קלאָגנדיקער תּחינה־ניגון:

— איך קום בײַ דיר בעטן מחילה... נעכטן אַוועקגעגעבן דײַן קידושין־רינגל... צוואַנציק יאָר האָב איך עס געטראָגן אָפּגעהיט... איין גאָט ווייסט, ווי שווער מיר איז געווען זיך צו שיידן... פאָרט אָבער אַ יתומה... זאָלסט זיך מיִען פאַר איר, זוניע...

זי האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר די איבעריקע ווערטער זײַנען פאַרגליווערט געוואָרן אויף די ליפּן.

דער ווינט האָט זיך פאַרשטאַרקט, געוווּיעט אין די נאַקעטע צווײַגן, ווי עמעצער וואָלט געיאָמערט. שפּרהן האָט זיך געדאַכט, ווי זוניע רעדט צו איר:

— ווען איך וואָלט געקאָנט, וואָלט איך אויסגעקושט יעדן פינגער אויף דײַנע געשוואָלענע הענט... אויסגעגלײַכט יעדן קנייטש אויף דײַן פּנים...

איר איז געוואָרן לײַכט און וואַרעם פון זײַנע רייד; זי האָט געוויינט אָן טרערן, נאָר מיט האַרץ. און דערנאָך זיך אומגעקערט אהיים, באַמיִענדיק זיך צו גיין אין די שפּורן פון אירע פאַרגאַנגענע טריט...

* * *

צענדליקער ווינטערס זײַנען פון דעמלט אָן פאַרבײַ, נאָר שפּורן, ווי געקרייצטע שניי־וועגן, זײַנען געבליבן. און איך האָב אויף די שפּורן איבערגעלייענט שפּרהס לעבן. זיך דערמאָנט אין איר אין איינעם אַ ווינטערדיקן פאַרנאַכט בײַ זיך אין דער היים, ווען ווינטן פון אַן אַנדערן דור האָבן געראַשט אין די וועלדער...

# נײַנצן

א קלײן מאָלעריש דערפל, באהאלטן אין דער טיף פון די קארפאטן־בערג, ארומגעזוימט פון א געדיכט צעצווײַגטן סאָסנע־וואלד, וועלכן א פײַכטער אָפּגרונט האָט געשפּאָלטן אין צווײ טײלן. און צווישן די בערג אין א שמאָליקן טאָל האָבן, צעשטעלטע ווי בינענשטאָקן, אײנזאם זיך געשווארצט א פּאָר צענדליק פויערישע כאטקעס.

ס'האָט געשפּראָצט אויף טאָג.

אויף אן אויסגעפּאָרענעם וועג האָבן אָן א צאָל מענטשן, ייִדן און נישט־ייִדן, זיך געצויגן צו יענעם אָפּגרונט, ווו, אויסגעהאקט פון שטײנער, האָט זיך דורכן בײמער־געפלעכט געריסן צו דער וועלט א דענקמאָל אין געשטעל פון א מנורה — א מצבה איבער אונדזערן א קלײנעם באבי־יאר.

קלײנער באבי־יאר...

וויפל אזעלכע באבי־יארס, ווי קלײנע אונטערערדישע ריטשקעלעך, צונויפגעגאָסענע אין אײן מעכטיקן ים פון בלוט, שטראָמען ביז הײַנט נאָך פארגעסענע און פארלאָזטע, צעוואָרפענע איבער דער גאנצער לענג פון די בוקאָווינער קארפאטן?

ס'האָט זײ נאָך קײנער נישט געצײלט!

אויך דער יאר וואָלט אויף זיכער געבליבן א פארגעסענער, ווען נישט די היגע פויערים, וואָס האָבן אויף אײגענעם חשבון אוועקגעשטעלט בײַם סאמע אָפּגרונט א דענקמאָל זײערע אמאָליקע ייִדישע שכנים, וואָס האָבן מכּמה יאָרן געלעבט אין אָט דעם דערפל. אויך געהאקט וועלדער, געטריבן ספּלאַוועס אויפן טײַך און זיך קײנמאָל נישט באקלאָגט אויף זײער בידנעם גורל. געהאלטן, אז אזוי איז אָנגעצײכנט מן השמים.

און ס'וואָלט מסתּמא אזוי געפלאָסן דאָס דאָרפישע ייִדישע לעבן,

פון יאָר צו יאָר, פון דור צו דור. האָט אין א זומער־טאָג זיך צעפלאַקערט די וועלט־שׂרפה, און אירע פלאמען האָבן דערגרייכט ביז צו די טיפסטע טיפענישן פון די קארפאטן.

דער מאָרגן איז ביסלעכווײַז געוואָרן אן אויסגעלײַטערטער, א זוניקער. פארגאָסן די בארגשפּיצן מיט יונגן ליכט, וואָס האָט געפארבט די בערג אין אָן־א־שיעור קאָלירן, און נאָר צופוסנס האָבן זיך געוויקלט און געדרויכערט דינע נעפּלען, געטריבענע פון א לײַכט ווינטל.

און אזוי שטיל איז געווען. אזא פארהוילענע בראשיתדיקע שטילקײַט, גלײַך די ארומיקע וועלט איז מיטאמאָל פארגליווערט געוואָרן. און מענטשן זענען געשטאנען אויך ווי פארגליווערט.

פּלוצלם, גלײַך א צעוועקטער פויגל וואָלט מיט זײַנע קרעפטיקע פליגל געשפּאָלטן די שטילקײַט, האָט א שוועב געטאָן צו די הימלען א צעוויטיקט, וויברירנדיק קול, אָפּגעהילכט אין די בערג. א ווײַלע פארפאלן געוואָרן צווישן די בארג־שפּאלטן, און באלד זיך ווידער צעיאָמערט:

— אל מלא רחמים...

א לײַכטער דראָזש איז אדורך איבערן לײַב, זיך פארקליבן ביז די שפּיץ פינגער, דערנאָך זיך אומגעקערט און זיך אָפּגעשטעלט ערגעץ לעבן הארץ.

און דער וואלד האָט זיך צעוויגט, צעברומט, ווי פארכאפּט פון א פארשטיקטן געוויין. און די ווײַסע ברענענדיקע יאָרצײַט־ליכט האָבן געטריפט מיט עפּעס א פארהוילענעם טרויער.

* * *

אין יענעם פרימאָרגן, שטייענדיק בײַם קבר פון אכצן אומגעקומענע ייִדן און הערנדיק א מוראדיקע געשיכטע, וואָס איז זיך דאָ, אויף דעם אָרט, פארלאָפן, האָט די צײַט מיטאמאָל א רוק געטאָן אויף א האלבן יאָרהונדערט צוריק.

... לעצטע אלול־טעג טויזנט נײַן הונדערט איין און פערציק.

שוין עטלעכע חדשים, ווי איבער דער וועלט פלאקערט די מלחמה, פארשלינגט גאנצע שטעט און דערפער. אָבער דאָס קליינע דערפל איז ווײַט פארוואָרפן, אָפּגעשניטן פון דער וועלט. דאכט זיך, אז אהער וועט דער וויסטער פײַער־אָפּשײַן קיינמאָל נישט דערגיין, און די קליינע עדה ייִדן גרייט זיך צו ימים־נוראים.

פארטאָג.

ס'איז נאָך היפּש פינצטערלעך. צעריסענע שטיקלעך וואָלקנס

בלאַנדזשען עלנטע איבער אַן אָפּגעלאָשענעם הימל מיט שטערן, וואָס האַלטן זיך אויך אין לעשן. דאָס דערפֿל שלאָפֿט אין פֿרידלעכער רו און הערט, ווי אין חלום, אַן אָפּגעהאַקט געשריי פֿון אַ נאַכט־פֿויגל, וואָס האָט ווײַט אין די בערג זיך יאָמערלעך צעשריגן.

— אוי, ניִשט צום גוטן!

אַ פֿאַרקלעמטער אומרו האָט אָנגעפֿילט דעם דרויסן און זיך אָנגעהויבן וויגן, ווי דער שטורעמווינט.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט, ווי ס'האָבן אין דעם אומהיימלעכן פֿאַרטאָג זיך פֿלוצעם אַ שאָט געטאָן שאַרפֿע קולות, געמישט מיט אַ קלאַפּערײַ פֿון שווערע טריט, גלײַך מיט יעדן שפּאַן וואָלט עפּעס צעשמעטערט געוואָרן. אַ צענדליק באַוואָפֿנטע זשאַנדאַרן, געקומענע פֿון דער רומענישער זײַט, בלוטדורשטיקע און פֿאַרשיכּורטע פֿון אַ ווילדן האַס, האָבן, ווי צערייצטע הינט, זיך געוואָרפֿן אויף די פֿאַרדרימלטע ייִדישע הײַזלעך, געריסן פֿון שלאָף און געטריבן, געיאָגט: צום וואַלד, צום אָפּגרונט...

ווער האָט זיך דערמאָנט אין דעם דערפֿל? ווועמען האָט געפֿעלט צום חשבון אָט דאָס קליינע הײַפֿעלע ייִדן, געהילטע אין אַ פֿאַרטאָגיקער נעפּלדיקײַט, געקניפּטע אין איין פֿינצטערן גורל? —

און די ייִדן האָבן זיך געשלעפּט פֿאָרויס, אײַנגעהויקערטע, געבראָכענע אונטער דער לאַסט פֿונעם אייגענעם נישט־דערשלאָפֿענעם קערפּער, געגאַנגען פֿאַרבײַ דאָס אַלטע שולעכל, וווּ אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט מען געזאָלט דאָרט אויפֿשטיין צו סליחות. פֿון די אויסגעלאָשענע בית־מדרש־פֿענצטער האָט אויסגעדרימלט קדושה.

* * *

עס האָט אָנגעהויבן טאָגן.

די שטערן האָבן זיך אויסגעלאָשן. נאָר דער אויפֿגייענדיקער מאָרגנשטערן האָט אין דער טיף פֿון סאַמעט־בלויען הימל געבליט מיט אַ גרינלעך־דימענטלעך געשטראַל. ס'האָט אויסגעזען, ווי דער פֿאַרטאָג וואָלט גאָר קיין פֿאַרטאָג נישט געווען, נאָר עפּעס אַ באַזילבערטע דעמערונג. און אַזאַ שלווה אין דער דעמערונג, אַזאַ האַרמאָנישע מילדקײַט, אַז אין אַזאַ פֿרימאָרגן, דאַכט זיך, נישטאָ קיין אָרט פֿאַר מענטשלעכער שׂנאה.

און דאָך...

דאָס הײַפֿל צונויפֿגעטריבענע ייִדן זענען געשטאַנען בײַם באַרג־שפּאַלט. זיי האָבן מיט אַ בלינדער איבערגעשראָקנקײַט זיך

געטוליעט איינער צום צווייטן. און איבער זיי זענען געשטאנען די בערג, פארטראכטע און פארשטומטע אין זייער אייביקייט.

א זקן, אָנגעזעטיקט מיט יאָרן, איז געשטאנען אײַנגעהויקערט. ער האָט געהאלטן די רעכטע האנט אויף דער ברוסט און שטיל, מיט קלאנגלאָזע ליפּן, געמורמלט:

— אשמנו, בגדנו...

דער ייִד האָט געזאָגט ווידוי, און עפּעס א פײַנלעכע נישט־דאָיִקייט האָט געשאָטנט בלייך אויף זײַן פּנים.

נאָענט צו אים האָט זיך געטוליעט א יונגע מוטער, מיט א פארגליווערט פּנים און אויסגעזעצטע אויגן, אָנגעפילטע מיט שרעק. זי האָט געהאלטן א קינד אויף די הענט און געציטערט מיט אלע אברים. זי האָט נישט געוויינט, נאָר עפּעס פארהאקט געכליפּעט. און ס׳איז געווען אזוי יאָמערדיק, אזוי פארצערט, אז ס׳האָט זיך געדאכט — דער גאנצער ארום כליפּעט מיט.

פון צווישן די זשאנדארן האָט זיך אויסגעטיילט א גאָר יונגער, א ברייטפּלייציקער, מיט א טונקל אָפּגעברענט פּנים און שווארצע גליִענדיקע אויגן. און די אויגן האָבן מיטאמאָל דערזען פאר זיך דעם גאנצן פּײַן פון מענטשלעכער שוצלאָזיקייט. און נאָך האָבן די אויגן דערזען — געווענדטע צו אים צארטע מיידלשע בליקן. אים האָט זיך געדאכט, ווי די בליקן פרעגן בײַ אים:

— פארוואָס קוקסטו אויף מיר אזוי מאָדנע?

און ער האָט דערהערט, ווי דאָס בלוט האָט א רויש געטאָן אין די שלייפן, ווי דאָס הארץ האָט גענומען האסטיק קלאפּן.

— ניין!

ער האָט אויפגעציטערט, ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן פארן אייגענעם זאָג. ער האָט דאָס וואָרט ארויסגעשטופּט פונעם מויל, אזוי ווי ער וואָלט עס אויסגעהוסט. ער האָט אָפּגעכאפּט דעם אָטעם, זיך אויסגעגלײַכט. ס׳איז געווען קענטיק, אז ער וויל נאָך עפּעס זאָגן:

— ניין, איך וועל נישט שיסן!

ער האָט א הייב געטאָן מיט אן אקסל, ווי ער וואָלט עפּעס אָפּגעטרייסלט פון זיך, און וואָס שטארקער ער האָט געוואָלט שטילן זײַן אומרו, אלץ אומרויִקער איז ער געוואָרן.

דערהערט דעם זאָג, האָט בײַם אָפיציר זיך געביטן דאָס פּנים פון ברוין אויף רויט. ער האָט א שלײַדער געטאָן אויפן סאָלדאט א פּאָר גרוי־גרינע אויגן און מיט עפּעס א פארכליניעטן אָטעם א ריטשע געטאָן:

— אויב אזוי, מארש צו די זשידעס!

דער סאָלדאט האָט א ווײַלע זיך נישט גערירט פון אָרט. געביסן מיט די אונטערשטע ציין די אייבערשטע ליפּ, געביסן ביז בלוט. א כריפּ האָט זיך א ריס געטאָן פונעם האלדז און באלד זיך אײַנגעבראָכן. און די פארב אויף זײַן פנים האָט זיך געביטן. אָט אויפגעפלאמט א צונטער־רויטער קאָליר, און אָט זיך פארצויגן מיט א טויטלעכער בלייכקײַט.

עטלעכע געציילטע רגעס, און דער מאָרגן האָט זיך אויסגעלאָשן. עס איז געוואָרן פינצטער, און אלץ איז צערונען...

* * *

פון די בערג האָט א יאָג געטאָן א צארט ווינטל, געריזלט מיט א שטיל געפליסטער, ווי א פארשטיקט געוויין, זיך פארהאלטן א ווײַלע איבערן שווארצן אָפּגרונט, איבערן גרוב פון נײַנצן קדושים — אכצן יידן און איין רומענישן סאָלדאט.

ת. נ. צ. ב. ה

# צוויי וועלטן...

שוין א היפשע פּאָר חדשים, ווי עס פאַרפּאָלגט מיך א מעשׂה שהיה. א מעשׂה פון צעווייטיקטער געלײַטערטקײַט, באַשטראַלט מיט א פלאַטער פון קדושה און געוואַגטקײַט.

איך האָב די מעשׂה געהערט אין מאָסקווע, בײַ א צוזאַמענפּאָר פון ליובאַוויטשער חסידים. נאָר דערהערט אין איר אויך פיל אַנדערע אָפּקלאַנגען, דערהערט יענעם פרומען, מיט הייסע טרערן אָנגעזאַפּטן שמע־ישׂראל־אויסגעשריי און יענעם פאַראַבלטן איכה אין דער אומענדלעך־דורותדיקער ייִדישער טראַגיק.

***.

א קאַלטער ווינטער־טאָג איז גוססדיק אויסגעגאַנגען.

א פאַרגליווערטער הימל איז אימהדיק געהאַנגען איבער א קליין שולעכל, וואָס איז פאַרבליבן אין א ייִדיש שטעטל ווי א זכר נאָך אַלע פאַרשווענכטע און פאַרטיליקטע בתי־מדרשים און געאָטעמט מיטן לעצטן אָטעם פון ייִדישקייט.

ס'איז געווען פרײַטיק־צו־נאַכט.

דער פריִער ווינטערדיקער ערב־שבת איז מיט קעלט און פינצטערניש געקראָכן איבערן שטעטל, געקערט וועלטן און אויסגעבלאָזן אינעם שולעכל דאָס לעצטע ביסל צאַנקענדיקע וואַרעמקייט.

פאַרן עמוד איז געשטאַנען א ייִד אין א לאַנגן פאַרגעלטן טלית, איבערן קאָפּ פאַרוואָרפן. ער האָט געדאַוונט מיט עפּעס א פאַרהוילענעם, , פאַרכטיק־פרומען טרויער. און דער עלנט־טאָן פון זײַנע תפילות האָט געפיבערט מיט א ציטער פון רחמים, פון בענקשאַפט און בטחון. און דער מנין ייִדן, וואָס האָט זיך

צונויפגעקליבן צו באגעגענען דעם אָנקומענדיקן שבת, האָט מיטגעדאווונט אזוי, אז עס האָט זיך געדאכט, ווי אלעמענס דאוונען גיסט זיך צונויף אין איין מעכטיקער תּפילה.

— ואהבת את ה׳ אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך...

זיי האָבן די תּפילה ארויסגעבראכט מיט אזא ציטער, ווי זיי וואָלטן מורא געהאט, אז אנדערש וועט ניט דערגיין צו די הימלען די וואָג פון די ווערטער. און געווען איז אין זייער געבעט א מין באגער צו געפינען טרייסט אין גאָט־באהעפטונג און אין תּפילה צו גאָט, דעם האר פון דער וועלט.

פלוצעם האָבן אינעם דאווענען זיך ארײַנגעריסן א דרויסנדיקער גערויש פון א מאָטאָר און א ריטשע פון רעדער.

די ייִדן זײַנען מיטאמאָל אנטשוויגן געוואָרן. מיט טויט־שרעק זיך צוגעהערט צו דעם רויש, וואָס האָט, ווי א בהלה, זיך אָנגעטראָגן פון יענער זײַט ווענט, און דאָס גאנצע שולעכל האָט אָנגעהויבן זיך וויגן, ווי אין א שטורעמווינט.

א ברוכטייל פון א סעקונדע האָט געדויערט, ביז די טיר האָט מיט א בלינדן אימפעט זיך צעפראלט. א ווײַסער פראָסט־וואָלקן האָט א זעץ געטאָן מיט א קאלטן שטראָם לופט, און פון דער אָפענער טיר האָבן זיך עפּעס פרעמד און פארטראָגן ארויסגעקנוילט צוויי באשטיוולטע געשטאלטן אין שווארצע לעדערנע קורטקעס, ווי צוויי פארטונקלטע געשפענסטער. זיי האָבן זיך א ווײַלע פארהאלטן, גלײַך זיי וואָלטן זיך געישובט, צי אהער טאקע האָבן זיי באדארפט קומען.

באלד אָבער האָט איינער פון די פארשוינען זיך א לאָז געטאָן צום עמוד און מיט א מעטאלענער שטים, גלײַך זי וואָלט געקומען פון אונטערערדישע טיפענישן, באפעלעריש אויסגערופן אויף רוסיש:

— קאָנטשײַ... פּאָיעכאלי... (א סוף... לאָמיר פאָרן...)

דאָס איז געווען עפּעס אן אָפּשטויסנדיקע שטים. כּמעט ניט קיין מענטשלעכע, כּמעט א טײַוולישע.

אָבער דער ייִד פארן עמוד האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן פונעם אָרט, גלײַך ער וואָלט גאָר קיינעם לעבן זיך ניט געזען. ער האָט גאנץ רויִק, ווי פארטראָגן אין אנדערע וועלטן, עפּעס געמורמלט מיט א שטילן צעצויגענעם גמרא־ניגון. און דער פאָרכטיקער געברום האָט געריזלט מיט א נאָגנדיקן קול־דממה־דקה־פלאטער.

— אשמנו, בגדנו...

דער ייִד בײַם עמוד האָט געזאָגט ווידוי...

בײַם פארשוין, נאָך א גאנץ יונגן, האָט, זעט אויס, געפּלאצט די געדולד, און ער האָט א בריל געטאָן מיט דער זעלבער שטים:

— דאָלגאָ יעשטשאָ? (נאָך לאנג?)

און א טעמפּע שרעק האָט אָנגעפּלייצט מיט ווילדן הפקר.

אָבער דער ייִד האָט זיך ווידער נישט גערירט פון אָרט, ביז ער האָט זײַנס נישט אָפּגעזאָגט. דערנאָך האָט ער אויסגעטאָן דעם טלית, זאָרגפעלטיק אים צונויפגעלייגט, אָפּגעבונדן דאָס שווארצע גארטעלע פון ארום די לענדן, זיך אָפּגערוקט פון דעם עמוד, ווײַטער פון די ברענענדיקע ליכט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אז ער וועט פארשוועכן די הייליקײַט פון דעם שטילן פלאַם, און אנטשלאָסן, גלײַך ער וואָלט נאָרוואָס באמערקט דעם פארשוין בײַ זײַן זײַט, א זאָג געטאָן:

— פּאָידיאָם! (לאָמיר גיין!)

און הייסן האָט עס באדארפט, אז ער וועט ניט פאָרן. ער וועט ניט מחלל־שבת זײַן. זאָלן זיי גיין מיט אים צופוס. און לאָזנדיק זיך צו דער טיר, האָבן דורכגעשלײַכט דרײַ טונקעלע פּלייצעס. איינע, עטוואָס געבויגן, פאָרויס. צוויי אנדערע נאָך איר.

— רררבי! — האָט דאָס שולעכל זיך א וויג געטאָן, גלײַך אלע קולות וואָלטן זיך צונויפגעגאָסן אין איין מוראדיק קול. און עפּעס אן אָנגעיאָגטער פּחד, ווי פײַער רויט, האָט דורכגענומען דאָס הארץ פון דעם מנין ייִדן. און דאָס הארץ איז פארגאנגען אין צער.

— דעם רבין אוועקגעפירט, וויי, וויי...

און עפּעס אן אייביקע ייִדישע פּײַן האָט פארפּלייצט דאָס שולעכל. און געהויערט מיט א שווערן קלעם פון שטומער פארלוירנקײַט.

— דער רבי — אן אומשולדיקער קרבן...

ייִדן זײַנען אָבער נישט געווען די איינציקע קרבנות. אנדערע פעלקער האָבן אין יענע פינצטערע טעג פון סוף דרײַסיקער יאָרן געטיילט דעם זעלבן גורל. א סך עקדות האָבן דעמלט געברענט איבערן גאנצן לאנד, און הונדערטער מזבחות האָבן געפלאקערט...

נאָכדעם ווי מען האָט דעם רבין אָפּגעפירט, זײַנען מיטאמאָל אלע קלאנגען אָפּגעשטאָרבן, און אָנגעלאָדענע שטילקײַט האָט אָנגערוקט, געטראָגן געפאר און אומגליק. און די ייִדן, וועלכע האָבן נאָך לאנג ניט געקענט קומען צו זיך, זײַנען געשטאנען ווי פארגליווערטע, און נאָר דער חלב פון די ברענענדיקע ליכט האָט אומגעשטערט געטריפט מיט א שטומען טרויער.

ס'איז געווען דער טרויער פון געזעגענונג, פון אָפּשייד...

* * *

נאָענט צו האַלבער נאַכט.

שוין די וויפלטע נאַכט, ווי מען פירט דעם רבין צום אויספאָרשער. פירט אים צו יענער שמאָלער, געוועלבטער קאַמער, ווו פון איין זייט קעסטלט זיך א פאַרגראַטעוועט פענצטער, און פון דער צווייטער — אויף דער וואַנט איבערן שרײַבטיש הענגט דאָס בילד פונעם "פאָטער פון אַלע פעלקער".

שוין די וויפלטע נאַכט, ווי מען רויבט בײַ דעם רבין דעם שלאָף. און אויף יענער זײַט וואַנט איז גאָטס וועלט. דאָרט איז שוין פרילינג. דאָרטן שלאָפן ביימער און געוויקסן. אין די הײַזער שלאָפן מענטשן.

וואָס וואַרט אויף זיי מאָרגן?

דער אויספאָרשער איז ניט דער זעלבער, וואָס האָט אים אין די פאַבריקע נעכט געפײַניקט, אים צוגעשריבן ווילדע אויסטראַכטענישן, געשלײַדערט אים אין פנים זינד, וועלכע ער איז נישט באַגאַנגען, נישט אויפגעהערט שעלטן אים מיט האַרבע קללות, באַליידיקן מיט די פרעכסטע ווערטער און פרוּוון אים אַרײַנפּלאָנטערן אין א נעץ פון שרעק.

— וועסט בײַ מיר אַלץ אונטערשרײַבן!

דער רבי אָבער איז ניט אַרײַנגעפאַלן אין קיין פחדנות, נאָר געזעסן פאַר זײַן פײַניקער א רויִקער, א באַדאַכטער. און אַזויפיל צער און ווייטיק איז געלעגן אויף זײַן בלייכן, אויסגעצערטן פנים.

דער דרויסנדיקער אויסזען פון דעם נײַעם אויספאָרשער האָט דעם רבין אין די ערשטע מינוטן דווקא יאָ געשראָקן. דאָס איז געווען א הויכער, שטאַרקער מאַן. אַלץ אין אים איז געווען שטאַרק און אומגעווײַנטלעך: זײַן מיליטערישער שטעל, זײַן ברייט פנים, געקאַנטעוועט אין א קוואַדראַט, זײַן נאַקעט-געגאָלטער שאַרבן און געדיכטע שוואַרצע ברעמען איבער קאַלטע, שטעכיקע אויגן, אײַנגעפאַסטע אין טיפע אויגן-לעכער. ניט קיין פנים איז עס געווען, נאָר א מאַסקע מיט אַן אויסדרוק פון טעמפּקײַט און עקשנות.

וואָס איז געווען אונטער דער מאַסקע?

ער איז גלײַך צוגעטראָטן צו דער "אַרבעט".

— דו ווערסט באַשולדיקט...

ער האָט אַרויסגעלייענט פון א פּאַפּיר אַלע זינד, וועלכע דער רבי אַלס "פײַנט פונעם פאָלק" זאָל האָבן באַגאַנגען. און אים אונטערגערוקט דאָס בייגעלע פּאַפּיר צו שטעלן זײַן חתימה.

— איך שרײַב גאָרנישט אונטער, — האָט דער רבי מיט א לײַכטער האנטבאוועגונג אָפּגערוקט פון זיך דאָס פּאפּיר.

— אזוי גאָר?!

דעם אויספאָרשערס מאסקע־פּנים איז געוואָרן צונטער־רויט. די ברעמען האָבן זיך פאררוקט ארויף צום נאקעטן שארבן, און די אויסגעגלאָצטע אויגן זײַנען פארגאָסן געוואָרן מיט רציחה.

— יאָ, דו ביסט טאקע א שׂונא.

אין דער זעלבער מינוט האָט א בליץ געטאָן א גאנצער ליכט־שטראָם, ווי צענדליקער גלי־לאָמפּן וואָלטן זיך אָנגעצונדן. און דער ליכט־שטראָם האָט געשמיסן דעם רבין אין פּנים, געשטאָכן אין די אויגן, ווי אָנגעגליטע שפּיזן. ס'איז געווען ממש אוממעגלעך בײַצוקומען דעם גזלנישן פארטראכט, און דער רבי האָט געהאט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט פלוצעם אין אן אנדער וועלט ארײַנגעפאלן, און די אנדערע וועלט איז דאָס שטעכיקע ליכט אין די אויגן.

אנגסטן האָבן אים באשלאָגן.

א קאלטער שווייס איז גערונען איבער זײַן פּנים, פארקראָכן אין די אויגן, געצעצט די וויעס, אויף וועלכע עס זענען געהאנגען נישט דערשלאָפענע נעכט.

— נישט שלאָפן! — האָט ווי א דונער א שאל געטאָן דעם אויספאָרשערס שטים. — וועסט אונטערשרײַבן, וועסטו דערנאָך א גאנצן מעת־לעת קענען שלאָפן.

דער רבי אָבער איז געזעסן אין א תפילהדיקן צושטאנד און עקשנותדיק געשוויגן. זײַנע חושים, אָנגעצויגן שארף ביז ווייטיק, אויסגעטאָן פון אלץ, וואָס רינגלט אים ארום, האָבן געהאט נאָר איין ציל, איין צוועק — אויסהאלטן, אויסשטיין אלע מאטערנישן און יסורים. נישט נאָכגעבן בלינדערהייט, זיך דורכשלײַכן ווי א פײַל דורך די טויטע תפיסה־ווענט און דערגרייכן די שכינה, וואָס ער זוכט צו באהעפטן זיך מיט איר. ער האלט פארעקשנט אין זײַן דמיון דעם הייליקן שפּרוך:

— ואהבת את ה'

און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז איצט שטייט ער פאר דעם כּביכול נאקעט און בלויז, אויסגעטאָן פון אלעם ערדישן.

— העלף מיר, גאָט, אויב ניט אין מײַן זכות, איז אין זכות פון אלע פארפאָלגטע, פארפּײַניקטע, גערודפטע...

מיטאמאָל האָט דאָס ליכט זיך פאנאנדערגעפלאקערט אין טויזנטער פלאמען. דאָס זײַנען געווען די פלאמען פון יענע ווײַטע אינקוויזיציע־פײַערן, אין וועלכע פארפּײַניקטע ייִדן זײַנען

אויפגעגאנגען אויף קידוש־השם. און דעם רבין האָט זיך געדאכט, אַז ער אליין איז געשטאנען דערבײַ און געריסן קריעה, און איצט גייט ער אָפּ מיט אלע דורות דעם לאנגן בלוטיקן וועג פון אייביקן יידישן פּײַן.

און דער ליכט־שטראָם האָט זיך פארשטארקט, געבלענדט די אויגן, געשרפעט דאָס פנים. און דער רבי האָט אלץ געשוויגן.

דעם רבינס שווײַגן האָט דעם אויספאָרשער ווילד געמאכט. ער איז גרייט געווען אומצוברענגען א גאנצע וועלט, אבי צו ברעכן דעם רבינס אײַנגעשפארטקײַט.

— וועסט בײַ מיר אונטערשרײַבן, קאנאליע!

און מיט זײַן גאנצער קראפט האָט ער זיך געוואָרפן אויף זײַן קרבן. אים אָנגעכאפּט פאר די לאצן און גענומען טרייסלען, טרייסלען...

זײַן אָטעם האָט געקײַכט פון רוגזה. געוואָרגן אים אין האלדז, און אינמיטן פון דער ווארגעניש, מיט א קראמף פון אָנגעלאָדענעם כעס, האָט ער א שלײַדער געטאָן דעם רבין צוריק אויפן אָרט, ארויסגעכאפּט דעם נאגאן פון דער קאָבורע און אים אָנגעשטעלט אויפן רבינס הארצן.

— דו אנערקענסט דײַן שולד, אָדער... — ער האָט געמאכט א שוידערלעכן זשעסט, איבערגעכאפּט דעם אָטעם און צוגעגעבן: — אנדערע, פיל שטארקערע פון דיר, האָבן, דערפילנדיק דעם קאלטן נאגאן אויף זייער ברוסט, זיך געהאָרכזאם אונטערגעגעבן.

ווי ניט ווילנדיק איז דעם רבינס בליק געפאלן אויף דעם "פאָטער פון אלע פעלקער", און אין איין רגע, גלײַך אן עלעקטרישער שטראָם וואָלט דורכגעשטראָמט דורך זײַן הארץ, האָט ער א זאָג געטאָן:

— יענע שטארקערע האָבן צוויי געטער און איין וועלט, ווילן זיי די איינע וועלט ניט אָנווערן. מיר, יידן, אָבער האָבן צוויי וועלטן און איין גאָט...

זײַן פנים איז געוואָרן נאָך בלייכער. נאָר זײַן קול, עטוואָס הייזעריקלעך, אפשר פון די פארשלונגענע טראָפּנס שווייס, און אפשר פון באהאלטענע טרערן, האָט געקלונגען קלאָר און אנטשלאָסן.

דער רבי איז ווידער אנטשוויגן געוואָרן. און די נאכט אויף יענער זײַט פארגראטעוועטן פענצטער, אין וועלכן עס האָט אָנגעהויבן זיך ארײַנוועבן א דינע גרוילעכע פארטאָגיקײַט, האָט אויך געשוויגן. א לאנג און אימהדיק שווײַגן...

* * *

זאָל זײַן, אַז דער סדר פֿון דער געשעעניש איז זיך אפֿשר גאַנץ אַנדערש פֿאָרלאָפֿן. איך האָב אָבער געוואָלט זײַן ניט געשטערט אין דער פֿרײַהײַט פֿון באַלויכטן די געשעעניש מיט מײַן אייגן אינערלעך ליכט.

# בענקשאפט

אין יענעם פרילינג האָט ווילד געבליט דער מײַ.
באזונדערס אין די נעכט האָט דער פלידער[1] געאָטעמט שארף און זיס, און דעם פרישן טוי אויף די זאפטיקע צווײַגן האָט באגאָסן א צארטער, זילבערנער לבנה־שײַן.
ס׳האָט זיך אָפּגעשטעלט דער בלוטיקער געראנגל פון מענטש מיט מענטש, פון פאָלק קעגן פאָלק. די ״נאציאָן פאָן דיכטער אונד דענקער״, וואָס האָט צוגעשטײַערט פאָרם און פארב דער אייראָפּעיִשער ציוויליזאציע און גאנצע לענדער פארטרונקען אין בלוט, האָט פאר דער וועלט געקניט, א באזיגטע אין שטויב פון איר אייגענער מפּלה.
פון פארוויסטע ווײַטן האָבן וועגן גענומען פירן אויף צוריק דורך חרובע שטעט, דורך דערפער, ארומגעביסענע פון שׂרפות, און מענטשן הפקרע, אָפּגעראטעוועטע פון טויט, האָבן ארומגעבלאָנקעט, ווי שאָף אין א פײַער. רעלסן זענען אויך געלאָפן אויף צוריק, און איבערפולטע באנען מיט יובלדיקע שלאכטלײַט, באגלייטע פון נצחון־פײַערן אויפן הימל, האָבן געאײַלט צו זייערע פארבענקטע היימען, באהויכטע פון מענטשלעכער ווארעמקײַט.
נישט אלע האָבן זיך אומגעקערט!
קברים זענען געבליבן צעזייטע איבער אונדזער אלטן קאָנטינענט. הונדערטער קברים מיט נעמען, פון קיינעם ניט פארשריבענע.
און איבער דער וועלט איז געשטאנען א גרויסע, ליכטיקע רויִקײַט...

---

[1] בעז (דיִאל.)

* * *

די צײַט לויפט, פֿאַרוואַנדלט מעת־לעתן אין וואָכן, חדשים.
שוין ווידער האַלבע נאַכט...

אַ וואַרעמע דרומדיקע נאַכט, אויסגעשטערנט און דורכיכטיק, ווי אַ שלײַער, און אַרום אַזאַ לײַכטע, בלויע שטילקייט מיט צעבליטע דרימלענדיקע ביימער און אומרויִקע חלומות.

ערגעץ נישט ווײַט האָט אַ באַרגטײַך איבערגעגאָסן זײַנע וואַסערן, גלײַך ער וואָלט אָפּגעוואַשן די מידקייט און דעם טרויער אויפֿן פּנים פֿון קרומע שלאָפֿנדיקע געסלעך מיט פֿאַרהאַקטע טיר־און־טויער, און אין זײַן רויש האָט זיך געפּלאָנטערט אַ פֿאַרחלשט סקריפּען פֿון אַ דיל, ווי עמעצער וואָלט געכליפּעט אין שלאָף, און שווערע באָרוועסע טריט האָבן זיך איבערגערופֿן מיטן יאָמער פֿון אַ שוואַך ווײַבעריש קול:

— וואָס מאַטערסטו זיך אַזוי, בעריש?.. מיר זענען נישט די איינציקע... צי אפֿשר מיינסטו, חלילה, אַז מײַן האַרץ איז פֿון שטיין?

דאָס קול האָט פֿאַרטיידיקט די רעכט אויף אַ הייליקן אמת, גרויס און פּראַקטיק, ווי אַ גלויבן. און בערל דער סטאָליער פֿונעם ציגײַנערישער הינטערגעסל האָט נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפֿערן. ער האָט געשוויגן, און די נאַכט האָט אויך געשוויגן אַ מוראדיק שווײַגן, וואָס האָט דערמאָנט אַ פֿאַרשטומט געשריי...

די צײַט לויפט.

און בײַ בערל דעם סטאָליער האָט זי צוגענומען דעם שלאָף. אין האַלבער נאַכט האָבן קאָשמאַרן אים געוועקט, ווי עמעצער וואָלט אים געטאָרעט:

— הערסט נישט... מ'רײַסט די טיר...

ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט מיט אַ טומל אין קאָפּ. אים האָט אויף אַ רגע זיך אויסגעוויזן, אַז מען זוכט טאַקע די טיר און אין דער שטילקייט הערן זיך מענטשלעכע טריט. יעדער שאָרך האָט אַרויסגערופֿן אַ געשפּאַנטע פֿאַרשפּיצטקייט פֿון זײַן געהער און אָנגעפּילט זײַן האַרץ מיט יענעם אייביקן אומרו פֿון נאַכט און פֿינצטערניש.

די טונקעלע ווענט האָבן זיך ווי צונויפֿגערוקט, ענג געמאַכט דעם אָטעם, און אין זײַן פֿאַרשלאָפֿענעם מוח האָבן מיט אַ מאָדנער פֿאַרטראָגנקייט זיך געפּלאָנטערט לשון־קודש־ווערטער, געירשנטע פֿון זײַן טאַטן, אַ ייִד מיט אַ פֿאַרדעכטיק הוסטל אינעם דאַרן ברוסטקאַסטן און אַ פֿיבערדיקן גלאַנץ אין די אויגן. ער האָט מורא געהאַט פֿאַר דער עלטער און איז אַוועק פֿון דער וועלט מיט יאָרן. די ווערטער אָבער זײַנען געבליבן פֿאַרקריצטע אין בערלס זכּרון, און איצט פּלוצעם

אויפגעוואַכט ווי א בלינדער כּוח.

אל תשליכנו לעת זקנה...

נאָר בערל האָט נישט געטראַכט פון זײַן עלטער. ער איז געווען קרעפּטיק, קוים די פּופציק איבערגעשפּאַנט. אים האָט עפּעס א נאָגנדיקע בענקשאַפט עקשנותדיק געפּײַניקט, געוועקט פון שלאָף, און א באָרוועסער האָט ער אויסגעשפּאַנט די קילקײַט פונעם דיל, שאַרנדיק אין דער פינצטער מיט אומרויִקע בליקן, גלײַך ער וואָלט עמעצן געזוכט, וואָס האָט שוין לאַנג באַדאַרפט קומען און איז נאָך אַלץ נישטאָ... אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זײַן ווײַב טראָגט עפּעס א מוראַדיקן סוד אויף דער נשמה. אירע רייד זענען געווען, גלײַך א פאַרגליווערטע האַנט וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט אין זײַן האַרץ, ווי אין אַן אָפּענער קעשענע, און אַרויסגעצויגן פון דאָרט אַן אמת, צו וועלכן ער האָט נישט דערלאָזט, נאָר וועלכער האָט געלעבט אומאָפּהענגיק פון אים, באַהאַלטן טיף אויפן סאַמע דנאָ...

ניין, ס'קאָן נישט זײַן!

האָפענונג און גלויבן האָבן זיך אָבער אויסגעמישט מיט פאַרצווייפלונג, געוואָרן איינס. און ער האָט געטריבן אָנגעלאָפענע געדאַנקען, ווי מען טרײַבט בײַסיקע פליגן.

... וואָלקנס שווימען איבערן הימל, גיסן זיך אָן מיט פאַרנאַכט. ביימער סודען זיך אין דער שטיל, ווי פאַרליבטע. אָט וועט עפּעס אַן אומזעבאַרע האַנט אַראָפּשלעפּן אין די מערבדיקע אָפּגרונטן די לעצטע זונען־שטראַלן. דער טאָג וועט אויסגעלאָשן ווערן, און ס'וועט א פרידלעכער אָוונט באַהערשן די וועלט.

פּלוצעם צינדן זיך אָן די וואָלקנס, נעמען קײַקלען אָנגעגליטע דונערן. הימל און ערד ווערן אויפגעריסן. א שטיק פײַער טוט א בלענד פאַר די אויגן.

— הורראַאַא!

שאָטנס לויפן מיט א טויבן געבריל דעם פײַער אַקעגן, בליצן און דונערן יאָגן מיט זיי.

— טאַ־טעעע!

עמעצער פאַלט צו דער ערד, ווי אין די אָרעמס פון א מאַמען, און די זעלבע ביימער, נאָר שוין מיט פאַרשׂרפעטע צווײַגן, ווי מיט אויסגעשטרעקטע הענט, דיריגירן א משוגענעם טאַנץ פון רויטע און געלע פײַערצונגען. דערנאָך ווערט שטיל, גלײַך די נאַכט וואָלט אין א מינוט שווײַגן באַערט דעם אָנדענק פון די געפאַלענע...

ניין, זײַן זון איז נישט אומגעקומען!

פּשוט קאָשמאַרן מוטשען דעם צעגליטן מוח, ווען דער שלאָף גייט

דרימלען איינער אליין.

... זײַן זון האָט ליב געהאַט שניצערײַ. א האַרט שײַטל האָלץ האָט אין זײַנע הענט באַקומען לעבן. ער האָט געטרוימט וועגן א קונסטשטול, פון אויסשפּילן אויף האָלץ דעם חלום פון זײַן פאַנטאַזיע און די וואַרעמקײַט פון זײַן האַרץ. איצט איז ער טויט, און די הענט וועלן מער נישט אויסשניצן קיין פיגורלעך, וואָס וועלן אויסזען ווי לעבעדיקע. און הענט זענען געווען בײַ אים אַזעלכע צערטלעך־ווײַסע, מיט איידעלע לאַנגע פינגער. איצט איז ער געפאַלן, און די הענט וועלן מער נישט ווײַסלען זיך אין דער פינצטער, דערמאָנענדיק קאַיאָר.

ס'קאָן נישט זײַן!

נאָר פאַרוואָס האָט ער פלוצעם זיך דערמאָנט די ערשטע וועלט־מלחמה? ער איז דעמלט שוין געווען א סטאָליער־געזעלן, דער איינציקער פאַרדינער אין שטוב, און די מאַמע זײַנע, א קליינע, אײַנגעשרומפּענע אלמנה מיט אויסגעלאָשענע אויגן, האָט לאַנג באַוויינט דעם אומקום פון זײַן עלטערן ברודער, וואָס האָט פאַרלייגט דאָס געביין ערגעץ־ווּ הינטער סטרי... און שלינגענדיק די טרערן, געטענהט:

— ווּ איז עס געהערט געוואָרן, אַז מאַמעס זאָלן קינדער באַוויינען?..

און ווען זי האָט מיט דער צײַט אויסגעוויינט אלע אירע טרערן און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי הייבט ביסלעכווײַז אָן פאַרגעסן, פלעגט זי אָפּט שבת פאַרנאַכט, א באַפרײַטע פון וואָכעדיקע זאָרגן, זיצן אין האַלבפינצטערן אַלקערל, אונטערברומען א לידל, מיט וועלכן מען האָט א צײַט מיט יאָרן קינדער אײַנגעשלעפֿרט:

אויף די גרינע פעלדער, וועלדער
ליגט מיט קוילן באַדעקט א זעלנער,
וויי, וויי...

און יעדן קופּלעט האָט זי באַגלייט מיט א שווערן צעצויגענעם קרעכץ, גלײַך מען וואָלט פון איר פּאַסן געשניטן. זי האָט מער נישט געוויינט, נאָר מיט עפּעס א קלאָג־ניגון גענומען זאָגן "גאָט פון אברהם".

ניין, זײַן זון לעבט...

אין טישקעסטל איז געלעגן א געדיכט באַשריבן בייגעלע פּאַפּיר, צונויפגעלייגט אין א דרײַעק. דאָס לעצטע בריוועלע, דער לעצטער לעבנסצייכן:

„פאַר מיר זײַט נישט באַזאָרגט. איך בין געזונט... דורכן בינאָקל זעט מען שוין בערלין... נאָך א ביסעלע, און איך וועל זײַן מיט אײַך...״

פון יעדער שורה האָט געברענט דער דורשט נאָך לעבן, וועלכן ער האָט געטראָגן דורך אלע געפאַרן, געבושעוועט מיט א העלן פלאַם, און ס׳האָט געציטערט אין די ווערטער דאָס אומבאַגרענעצטע גליק פון המשך, פון ווײַטערדיקן לעבן.

און פון יענער זײַט פענצטער האָט ארײַנגעאָטעמט דער שמייכל פון א יונגן פרילינג.

* * *

בערל האָט געקוקט אויפן טישקעסטל: וואָס באַדײַט לעבן אָן המשך? א פאַרטריקנטער בוים אינמיטן פעלד, א טײַך, וועמענס וואַסערן ס׳האָט אויסגעטרונקען די זון...

אל תשליכנו לעת זקנה...

— בעריש, וואָלסט זיך כאָטש צוגעלייגט א ביסל... ס׳הייבט שוין באַלד אָן טאָגן!

בערל, וואָס איז שוין דורכגעגאַנגען דעם וועג פון בלוט און פײַער, איז אין דער טיפעניש פון זײַן נשמה געוועזן ווי אן איינזאַם, באַעוולט קינד און געהאַט דאָס געפיל, ווי מען וואָלט געהרגעט אים אליין, זײַן אייגן, אייגן לײַב און לעבן...

— יאָ, מ׳דאַרף זיך טאַקע צולייגן, מאָרגן איז א גרויסער אַרבעטסטאָג!

ער האָט געקוקט אויפן טישקעסטל, ווי אויף זײַן אייגענעם זון, און די אויגן זענען צוגעפאַלן אין א לײַכטן דרימל.

... א סאָלדאַטישער גערודער אויף עפּעס א ווײַטער באַנסטאַציע, און בערל דערזעט פּלוצעם זײַן זון. א יינגל נאָך, כמעט א קינד, אין א גרויסן, אומגעלומפּערטן שינעל ביז דער ערד. אויפן פּנים, אויף די הענט צייכנס פון הונגער, פון שווערער אַרבעט.

זעט אויס, נאָרוואָס פון געפאַנגענשאַפט אַנטרונען!

ער גייט, ווי אין שלאָף, און די אויגן זוכן דעם וואַגאָן, וואָס דאַרף אים ברענגען אהיים. ער שפּרינגט אײַליק אַרויף אויף די טרעפּ, און דער צוג ריהט. אומרויִק קלאַפּן די רעדער, ווי די בענקשאַפט אין בערלס האַרץ. דער צוג טראָגט זיך איבער ווײַטע און נאָענטע רחבותן, און בײַם זון פינקלט אין די אויגן אַזאַ פריידיק, שטיפעריש פײַערל:

— איך לעב... איך פאָר אהיים!

בערל אײַלט צום וואָקזאַל, פּלאָנטערט זיך צווישן הינטערגעסלעך,

ביז ער קומט ארויס אויף דער צענטראַלער גאַס, ווו דאָס לעבן טומלט, שרײַט אויף יעדן טראָט. ער פאַרקערעוועט צום סקווער, כאַפּט אַ פאַרבײַלויפיקן קוק אויפן דענקמאָל, וואָס שטייט אינמיטן מאַרק, גלײַך אויסגעוואָקסן צווישן בלומען. ער באַמערקט אַן אַלטיטשקע, אין שוואַרצן אָנגעטאָן, ווי אַן אָפּגעלאָשענע האַלאַוועשקע. זי שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי זי וואָלט געזוכט אַן אָרט אויף אַ קבר פאַר איר אייגן געביין. און בערלען דאַכט זיך, ווי ער הערט זי רעדן:

— מיר איז אַזוי אומעטיק אָן דיר, זון מײַנער!

דער אָפּגלאַנץ פון שקיעה ברענט געשפּענסטיק אויף איר שוואַרצן שאַלעכל, אַריבערגעוואָרפן איבערן קאָפּ, און אַ ווינטל שפּילט מיט עטלעכע אַרויסשטאַרצנדיקע האָר. זי הייבט אויף אַ פּאָר פאַרוויינטע אויגן, פול מיט מוטערלעכער זאָרג, און אירע טרוקענע ליפּן קוים וואָס באַוועגן זיך:

— ס'איז דיר נישט קאַלט בײַנאַכט אין אַ הוילער גימנאַסטיאָרקע?

און דער סאָלדאַט אויפן שטיינערדיקן מאָנומענט שמייכלט:

— ניין, מאַמע, מיר איז קיינמאָל נישט קאַלט...

זײַנע פאַרשטיינערטע בליקן שטראַלן מיט וואַרעמקייט:

— ווי גערן וואָלט איך דיך, מאַמעניו, צוגעטוליעט צו מײַן האַרץ... מײַנע הענט אָבער זענען אָנגעטאָן אין גראַניט...

די אַלטיטשקע וויל נאָך עפּעס זאָגן, נאָר איר קול רײַסט איבער אַ פאַרשטיקט געוויין, און זי טראָגט טרויער אויף איר טיף געדרונצלט פּנים, ווי מען טראָגט אַ שוואַרצן שלייער.

בערלען קלאַפּט דאָס האַרץ פאַר מורא צו פאַרשפּעטיקן. ער פאַרגיכערט דעם גאַנג און לויפט נאָך דאָס הודען פון אַ געדיכטער נעץ טעלעפאָן־דראָטן, ווי זיי וואָלטן אים אונטערגעטריבן:

— גיכער, בערל...

איבערן פעראָן שפּאַצירן מענטשן. זיי זעען אויס אָפּגעפרישטע, באַנײַטע. פון אַלעמענס פּנימער פרייד פון באַגעגענען, אָנקומען. בערל שטייט אין אַ זײַט; ער וויל קיינעם נישט אָנהענגען זײַן שטימונג. און אַ פאַרקלעמט וואַרטן האַמעוועט די מינוטן. ער נעמט אַרויס פון קעשענע אַ פּעקל פּאַפּיראָסן, פאַרדרויכערט און וואַרפט ווײַט אַוועק דאָס ברענענדיקע שוועבעלע. דורכן מויל, דורך די נאָזלעכער ווירבלען זיך געדיכטע קנוילן רויך, און דער דימיון מאָלט דערווײַל די באַגעגעניש מיטן זון.

... אָט שטײַגט דער זון אויס פון אַ וואַגאָן, גייט אים אַקעגן. ער איז אויסגעוואַקסן, מענלעכער געוואָרן. די שינעל איז גאָר נישט אַזוי אומגעלומפּערט לאַנג. נאָר זײַן פּנים איז בלייך און טונקל פון דעם

ערשטן אָנגעוואָקסענעם בערדל.

פון יענער זײַט וואָקזאַל פאַרטראָגט א ווינטל דעם צוויט פון די ביימער. דער ווײַסער פלידער באַדעקט דעם זונס קאָפּ, און בערלען דאַכט זיך, אַז דאָס איז ער אַזוי גרוי געוואָרן אין זײַן צוואַנציקסטן פרילינג. זיי דערנעענטערן זיך.

— טאַ־טעו!

ער וואַרפט זיך בערלען אויפן האַלדז, און ביידע וויינען פון גליק. ניין, דער זון וויינט נישט. ער שטרעקט אים אויס א פעסטע, פאַרהאַרטעוועטע האַנט, און בערל שטייט פאַר אים מיט א נישט־אויסגעוויינטער טרער אין האַרצן...

א שאַרפער פײַף רײַסט איבער זײַן געדאַנק. דער צוג לויפט אָן מיט א שווער סאַפּען, און דאָס איינציקע אָנגעצונדענע אויג פונעם לאָקאָמאָטיוו ווינקט אים שעלמיש צו:

— וואַרטסט? נו וואַרט, וואַרט...

א מחנה קעפּ זענען געווענדט אין זײַן ריכטונג. אויגן זוכן אין די וואַגאָן־פענצטער באַקאַנטע אויגן. מיט אַן אײַזערנעם געקלימפּער שטעלט לאַנגזאַם דער צוג זיך אָפּ. די טירן עפענען זיך, און מענטשן שטײַגן פאַרזיכטיק אויס.

עטלעכע רגעס — און דער צוג ווערט ליידיק.

בערל וואַרפט מיט א פאַרלוירענעם זשעסט אוועק דעם נישט־דעררויכערטן פּאַפּיראָס, לאָזט אַרויס דעם לעצטן רויך. ער טוט זיך א וויג אויף די פּיסשפּיצן, נישטערט מיט אויסגעלאָשענע בליקן אין דער לענג פונעם צוג. מענטשן ווערן ווינציקער, צעגייען ווי א חלום. און קיינער באַמערקט נישט, אַז צווישן זיי פעלט עמעצער, אַז עמעצער איז נישט אָנגעקומען...

* * *

אין יענעם פרילינג האָט ווילד געבליט דער מײַ, און אויף דער וועלט איז געשטאַנען א גרויסע, ליכטיקע רויִקײַט.

# בײַם וואַגאָן־פּענצטער

דער עקספּרעס האָט געאײַלט צו דער ווײַסרוסישער גרענעץ, זיך געטראָגן איבער סאַמעטענע לאָנקעס און פעלדער, געיאָגט דורך אַ געמיש פון טונקעלע סאָסנעס און ווײַסע בערעזעס, וואָס האָבן געאָטעמט מיט יונגע זאַפטן. און דער אײַזערנער געקלימפּער פון די רעדער האָט זיך געפּלאָנטערט אין פאַרשיכּורטע ריחות פון ווילדע קרײַטעכצער און אויסגעקלאַפּט דעם אייביקן לויף פון מינוטן און שעהן.

פאַרנאַכטלעך.

די מײַ־זון האָט אויף מערב געלאָשן אירע לעצטע שטראַלן, אַרויסגעשפּריצט מיט פײַערדיקן גאָלד, און אַ פלאַמיק־רויטער אָפּשײַן האָט אָנגעצונדן דעם געוועלבטן הימלראַנד.

און ווײַט, אומענדלעך ווײַט האָט פאַרן לויפנדיקן וואַגאָן־פּענצטער זיך געדרייט אַ שווינדלענדיקע וועלט, אַרומגעזוימט פון אַ צעפלאַקערטן האָריזאָנט. דאָס אויג איז פאַרלוירן געוואָרן אין אַ פאַרפלייצונג פון ליכט, אין אַ ים פון אויסטערלישער ביך־השמשותדיקער פאַרבן־שפּיל, און דער גאַנצער זיך באַוועגנדיקער אַרום האָט אויסגעזען ווי אַ מיראַזש, ווי אַ חלום.

און איך האָב באַגערט, אַז ס'זאָל דויערן דער וועג און ס'זאָל וואָס לענגער אָנהאַלטן דער כּישוף פון עם פאַרנאַכט.

נישט ווײַט פון מיר איז געשטאַנען אַ הויכער, לײַכט־אײַנגעהויקערטער מאַן אין די עלטערע יאָרן שוין. עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן זײַן טרוקן פּנים, אויף וועלכן ס'האָט באַזונדערס זיך אויסגעטיילט אַ רויטלעך פאַרהיילטער שניט איבער דער גאַנצער ברייט פון דער רעכטער באַק.

ער האָט מיט אַ דורשטיקער גיריקײַט זיך אײַנגעקוקט אין דער זיך לעשנדיקער שקיעה. זײַן שטערן איז אַלעמאָל אויפגעלאָפן מיט

קנייטשן, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט.

גיי וויס, וואָס א מענטש טראַכט, שטייענדיק בײַם לויפנדיקן וואַגאָן־פענצטער.

מיטאמאָל האָב איך דערפילט אויף זיך זײַנע בליקן. ער האָט געקוקט אזוי, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס פרעגן. און אין א ווײַלע ארום האָט ער זיך טאקע געווענדט צו מיר.

— איר זענט א מאָסקווער?

— ניין.

איך האָב אָבער פון זײַן פראגע ארויסגעהערט א ווילן נאָך עפּעס צו זאָגן.

— אָט דאָ, — האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף די לויפנדיקע רחבותן, — אָט דאָ זענען אין איין־און־פערציקסטן יאָר אָנגעגאנגען שווערע, ביטערע שלאכטן... דער שׂונא האָט זיך געריסן קיין מאָסקווע...

זײַנע ווערטער האָבן זיך געלייגט מיט א בלײַערנער שווערקײַט. דער שראם אויף זײַן פּנים האָט געקראָגן א שווארצלעך־רויטן קאָליר. און צוזאמען מיט דער דערמאָנונג האָבן זיך א טראָג געטאָן פיר לאנגע בלוטיקע מלחמה־יאָרן. עס האָט זיך א דריי געטאָן א ריזיקע ראָד פון שלאכטן, וואָס זענען פלוצעם דאָ, בײַם וואַגאָן־פענצטער, ארויסגעטראָטן מיט אזא נאָענטקײַט, ווי ארויסגעשוועבט פון א פײַנלעכער פארגעסונג.

דער צוג האָט האסטיק געשניטן זײַן וועג דורך אלץ נײַע פעלדער און וועלדער, וואָס האָבן זיך געדרייט פארן וואַגאָן־פענצטער אין א ווירבלענדיקן געדריי.

ער האָט אָנגעשטרענגט זײַנע בליקן, ווי ער וואָלט נאָך עפּעס געזוכט אין דעם משונהדיקן געיעג, און פלוצעם א זאָג געטאָן:

— דאָרט, העט ווײַט, בײַם סאמע האָריזאָנט, ליגן טאטע־מאמע צוזאמען מיט הונדערטער אנדערע דערמאָרדעטע ייִדן...

ער האָט איבערגעכאפּט דעם אָטעם, ווי די רייד וואָלטן אים פלוצעם שטעקן געבליבן אין האלדז. זײַן טאָן איז געווען פול מיט טרויער. א וואָלקן האָט פארצויגן זײַן פּנים. און עס האָט אויסגעזען, ווי זײַנע רייד וואָלטן געווען די רייד פון א מענטשן, וועלכער האָט צום ערשטן מאָל געפונען פאר וועמען זיך מתוודה צו זײַן.

און דאָרטן ווײַט־ווײַט, ווו דער הימל בייגט זיך צו דער ערד, האָט זיך געלאָשן א רויטע פײַערדיקע שקיעה, גלײַך דער הימל וואָלט זיך נאָך אלץ געטרונקען אינעם פארגאָסענעם ייִדישן בלוט.

אין שכנות, בײַ א צווייטן פענצטער, איז געשטאנען א קרעפּטיקער מאנצבל, אזוי, אריבער די זעכציק. זייער א בלאָנדער און זייער אן

אויסגעקעכלטער. ער האָט געטראָגן א העל־ברוינעם, ווי נאָרוואָס אויסגעפרעסטן קאָסטיום, א פריש געווירעט העמד און געלע גלאַנציקע שיך. פון זײַן גאנצן, נישט לויט דער עלטער אויסגעפראַנטעוועטן שטאַלט האָט געווייעט מיט עפּעס א פאַרהוילענער פרעמדקײַט.

בײַם טישל. פאַרזונקען אין לייענען א בוך, איז געזעסן א יונגע פרוי. מיר זענען אויפגעפאלן אירע פעך־שוואַרצע, קורץ געשוירענע האָר, מענעריש פאַרקעמט, דער אויפגעדעקטער האלדז מיטן גאָלדענעם קייטעלע. מיר האָט זיך געדאכט, אַז זי שטעלט בכּיוונדיק אויס דעם פלאַם פון אירע שוואַרצע, מיט א גרינלעכן בײַ־קאָליר, אומרויִקע אויגן און לאָזט אָפּן דעם שימער פון אירע ווײַסע ציין.

זי האָט פּלוצעם אָפּגעריסן אירע אויגן פון דעם אָפענעם בוך, געכאַפּט א פאַרשערישן קוק אויף דעם מאַנצביל, און א קוים באמערקבארער שמייכל האָט א שנירל געטאָן אירע היפש־רויטע און היפש־פולע ליפּן.

ס'איז שווער געווען טרעפן, צו וועמען דער שמייכל איז געווענדט — צו דעם מאַן בײַם פענצטער אָדער צום בוך, וואָס זי לייענט.

דערנאָך האָט זי אומגעקערט אירע אויגן צום בוך. א פּאָר מאָל געמישט עפּעס א זײַטל אהין און צוריק, א ווײַלע זיך פאַרקלערט מיט עפּעס א ווײַטן פאַרטראָגענעם בליק און, ווי פאַרגעסן דעם גאַנצן אַרום, עפּעס א פליסטער געטאָן מיט קוים באַוועגדיקע ליפּן.

איך האָב נישט געקאָנט צוימען מײַן נײַגער, צוגעוואָרפן א זײַטיקן בליק צו דעם אָפענעם בוך, געוואָלט אויפכאַפּן כאָטש א שורה פון דעם, וואָס זי האָט אזוי פאַרטיפט געלייענט. מעגלעך, אַז די שיינע פרוי האָט גלײַכצײַטיק אויך געלייענט מײַנע געדאנקען, ווײַל זי האָט גענומען דאָס בוך אין די הענט אזוי, אַז איך זאָל קאָנען זען דעם שערבלאט. און מיטאמאָל — ווונדער איבער ווונדער, ס'איז דאָך ייִדיש.

— איך לייענט ייִדיש?

זי האָט אויפגעריסן די שמאָלע שפּעלטלעך פון אירע גרויסע אויגן, גלײַך זי וואָלט מיך ערשט איצט דערזען. אירע בליקן האָבן זיך ווי אָנגעגאָסן מיט א צאַפּלדיקער פריילעכקײַט, און די וואַרעמע ווײַסקײַט פון אירע ציין האָט א שפּיל געטאָן מיט א פּערלדיקער פײַכטקײַט:

— פאַרוואָס נישט?

איך האָב זיך דערוווּסט, אַז זי איז א קראַנקן־שוועסטער, אַרבעט אין א קליניק און פאָרט צו אירע עלטערן, וואָס וווינען אין קלײַפּעדע.

דערהערט דאָס וואָרט "קלײַפּעדע", האָט דער

אויסגעפּראַנטעוועטער מאַנצביל בײַם פענצטער זיך האַסטיק אויסגעדרייט צו אונדז, זיך צעשמייכלט מיט אַ סך קנייטשן אַרום זײַנע קאַלטע, אָפּגעבליאַקעוועטע אויגן און ליבלעך אַ פרעג געטאָן:

— שפּריכט יעמאַנד פאָן אינען דויטש?

מיר איז עפּעס נישט געוועזן צום האַרצן זיך אַרײַנצולאָזן מיט אים אין אַ געשפּרעך, נאָר אָפּזאָגן האָט אויך אויסגעזען נישט־לײַטיש, און איך האָב קורץ געענטפערט פאַר אונדז ביידן: יאָ.

אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, און איך האָב זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַ טוריסט פון דײַטשלאַנד, געווען שוין אין מאָסקווע, אין פיל אַנדערע שטעט, איצט פאָרט ער צום באַלטישן ים.

ער האָט גערעדט מיט אַ מאָדנע אויסשפּראַך, דאָס זענען געווען עפּעס צעוויקלטע קלאַנגען מיט נאָכקלאַנגען, וועלכע האָבן כּמעט אומפאַרשטענדלעך געמאַכט די פּשוטסטע דײַטשישע ווערטער. און מיר, איך ווייס אַפילו נישט פאַרוואָס, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מיט זײַנע זיסלעכע רייד האַמערט ער אויס אַ מאַסקע אויף צו פאַרשטעלן זײַן אמתדיק פּנים.

ווער איז ער? פון וועלכע קאַנטאָן?

גלײַך ער וואָלט דערהערט מײַן פראַגע, האָט ער באַמבאַסטיש אויסגערופן:

— איך בין פאָן מעמעל!

מיר איז תּיכּף קלאָר געוואָרן סײַ דער אַקצענט זײַנער, סײַ דאָס האַסטיקע רעאַגירן, דערהערנדיק דאָס וואָרט "קלײַפּעדע".

איך בין געוואָר געוואָרן, אַז ער איז פון די "פאָלקסדויטשען", וועלכע האָבן אין פערציקסטן יאָר, זײַענדיק פאַרשיכּורט פונעם נאַציסטישן דורמאַן, פאַרלאָזט זייערע אײַנגעזעסענע באַלטישע היימען.

מעמעל — קלײַפּעדע... ערשטע יוגנט־יאָרן...

זיי האָבן צאָרנדיק געריסן די פעדעם, וועלכע האָבן זיי פאַרבונדן מיט אָט דער ערד, און קיין אַנונג נישט געהאַט, גיכער נישט געוואָלט האָבן, אַז אין אַ טאָג וועלן זיי זיך פאַרבענקען נאָך די אַלע וועגן, וואָס זענען געווען זייער לעבן, זייער ביִאָגראַפיע...

מעמעל — קלײַפּעדע...

ער האָט געוואָלט שאַפן דעם אײַנדרוק, אַז אויך אין אים צאַפּלען נאָך שפּורן פון בענקשאַפט, פון וועלן זיך אָפּקייטלען פון אַלץ, וואָס איז געווען.

— איך בין דעמלט יונג געווען, און די וועלט איז געווען ייִנגער...

האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט און נישט געפילט, אַז ער רעדט מיט דער שפּראַך פון אַ פאַרשווּנדן לעבן.

מיך אָבער האָבן אויפגערעגט די דאָזיקע ווערטער זײַנע, די שאבלאָן־ווערטער. איך האָב א קוק געטאָן צום פענצטער, בײַ וועלכן איך בין געשטאַנען מיט פיר שעה צוריק. דער אלטער וועטעראן האָט נאָך אלץ געמאָסטן מיט זײַנע בליקן דעם לויפנדיקן דרויסן, ווי ער וואָלט געסילעוועט זײַנע ווײַטע דערמאָנונגען. און איך האָב א טראכט געטאָן: ער איז דאָך אויך דעמלט יונג געווען און זיכער נישט געוואָלט קיין מלחמה, וואָס האָט איבערגעלאָזט נישט נאָר א פארצויגענע ווונד אויף זײַן פנים, נאָר אויך א טיפן ריס אין דער נשמה, נישט געוואָלט אונדזער יידישן חורבן... און איך האָב פון אויפרעגונג, וועלכע איך האָב מיך באמיט צו האמעווען, איבערגעפרעגט:

— וועלכע וועלט? — און קוים מײַן אייגן קול דערהערט. — אפשר יענע, וואָס האָבן מיט אונדזער בלוט געשריבן גאנצע קאפיטלען געשיכטע פון צוואנציקסטן יאָרהונדערט?

זײַנע וואסערדיקע אויגן האָבן זיך געצונדן און געלאָשן. די פאָדערשטע ציין זײַנע, געלבלעכע, אָפּגעניצטע, נאָר גענוג שטײַפע, האָבן ארויסגעשמייכלט מיט א בײַסיק צערונענעם שמייכל.

א נישט־אָנגענעמע שטילקײַט האָט א ווײַלע זיך אוועקגעשטעלט ווי א פרעמדע וואנט, און די רעדער האָבן די שטילקײַט צעוואקלט.

ס'האָט זיך געפילט, אז ער וויל אויסמײַדן גראָד די דערמאָנונגען פון יענער צײַט. מיר האָט זיך אויך נישט איבעריק געגלוסט אויפצורײַסן אלטע ווונדן. אָבער מיטאמאָל האָבן זײַנע קאלטע אויגן מיך דורכגענומען מיט אזא שארפן בליק, ווי ער וואָלט פלוצעם דערזען פאר זיך א ווונדער, און ער האָט אָן שום באשיידנקײַט א פרעג געטאָן:

— זינט זי יודע?

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז זײַן שטים האָט זיך באמיט ארײַנצולייגן אין דעם וואָרט "יודע" אן איבערגעטריבענע צעצויגנקײַט.

די יונגע פרוי, וואָס האָט די גאנצע צײַט זיך צוגעהערט א שווײַגנדיקע צו אונדזער געשפרעך און, זעט אויס, עפּעס־וואָס פארשטאנען, האָט געקוקט אויף אים מיט גרויסע שטרענגע אויגן, ווי זיי וואָלטן בײַ אים עפּעס געמאָנט. און זי האָט פילדײַטיק א זאָג געטאָן צו מיר אויף רוסיש:

— אָן ווידימאָ איז טעך... (ער איז, זעט אויס, פון יענע).

זי האָט נישט פארפינקטלעכט פון וועלכע... נאָר איך האָב געקאָנט שווערן, אז אָט דער טוריסט, וועלכער האָט אָן שום נויטווענדיקײַט זיך געווענדט צו אונדז, האָט אין דער לעצטער וועלט־מלחמה געטראָגן נישט קיין העל־ברוינעם אָנצוג, נאָר א שווארצן מונדיר פון אן אנדערן שניט...

איך האָב נישט באמערקט, ווען די זון איז אונטערגעגאנגען און ווי לאנג ס'האָט געדויערט די דעמערונג, און אויך נישט, ווען עס האָט זיך אין לויפנדיקן פענצטער באוויזן א זילבערנע לבנה.

# אין רויש פון גאסן

דאָרט, ווו די צפון־וואסערן פונעם באלטישן ים באשווענקען די מאָלערישע ברעגן פון עסטאָניע, ליגט ברייט צעוואָרפן די ווונדערלעכע אלט־נײַע שטאָט טאלין.

קיינער האָט מיך בײַם אָנקומען אהין נישט אָפּגעוואַרט.

איך בין אראָפּ פון באן, און, אויסמײַדנדיק בכיוון דעם שטאָטישן טראנספּאָרט, האָב איך זיך אוועקגעלאָזט צופוס איבער דער אייגנאַרטיקער שטאָט, וואָס פארדרײַסט זיך צו די הימלען מיט אירע פּילצאָליקע פארשפּיצטע טורעמס, מיט גאנצע אנסאמבלען מיטלאלטערלעכע דענקמעלער און געבײַדעס.

די וועלט איז געווען פארגאָסן מיט זון. דער טאָג, בלענדנדיק העלער, האָט מיט ליכטיקע אויגן ארײַנגעקוקט אין די שערענגעס גראטעספּאָרמיקע פענצטער, צעלייגט אויף די שווערע פּאָרטאלן, באַפּוצטע מיט אָרנאמענטאלער שניצערײַ, שפּילעוודיקע גאָלדפלעקן. שטראל מיט שטראל האָבן געשטיפּט, זיך צונויפגעגאָסן אין איין ברייטן פּאס און באשײַנט די פּילצאָליקע אלעגאָרישע רעליעפן אויף די פּאסאדן.

מיט עפּעס א געבענטשטער זאָרגלאָזיקײַט שנײַד איך דורך איין גאס, א צווייטע, פלאָנטער זיך ארײַן אין א געדיכטן קניפּ שמאָלע, איבערגעפלאָכטענע, אלטשטייגערישע גאסן. עס קרייצן זיך פארשידענע סטילן, פארשידענע נאציאָנאלע טראדיציעס, עס טראָגן זיך דורך יאָרהונדערטער פון שטורמישער געשיכטע. און עס דאכט זיך, ס'לעבן נאָך אין די אלטע ווענט שאָטנס, סודות, קלאנגען פון פארצײַטנס.

אויף א קרייצוועג שטייט א הויכער שווארצער צלם. בײַ זײַן צופוסנס, ווי א טונקעלער שאָטן, קאָרטשעט זיך אן אלטע בעטלערקע. דעם קאָפּ געבויגן עטוואָס פאָרויס. א בלייכקײַט באדעקט איר

צעקנייטשט פנים. זי מורמלט עפּעס שטיל מיט די ליפּן.

א תּפילה? און אפשר א פּאַרדראָס אויף די גלײַכגילטיקע פאַרבײַגייער, וואָס באַמערקן זי כּמעט נישט, כאָטש זי שטעכט אַלעמען דורך מיט אירע בליקן. און נאָר די טאָפּאָלן אַרום, וואָס היטן דעם הויכן צלם, וויגן זיך אין א לײַכטן רויש, גלײַך זיי וואָלטן אויך געבעטן נדבות.

איך פאַרהאַלט זיך א ווײַלע לעבן דער בעטלערקע. זי זעט מיר אויס באַקאַנט, כאָטש איך בין זיכער, אַז איך האָב זי פריִער קיינמאָל נישט געזען. איך לייג איר אַרײַן אין האַנט א מטבע און פרעג זיך נאָך בײַ איר אויף רוסיש, פונוואַנען זי שטאַמט.

א קרומער שמייכל פאַרציט אירע טרוקענע ליפּן, וואָס דעקן אויף נאַקעטע יאַסלעס מיט א פּאָר אַרויסשטאַרצנדיקע געלע ציין. מיטאַמאָל לעשט זיך אויס איר שמייכל, און זי טוט מיט א צעריסן קול, א כריפּלע:

— נע מישײַ... (שטער נישט).

שאָטנס אײַלן פאַרבײַ, רײַסן זיך צו טרעפּיקע שוועלן. איך לאָז זיך נאָך זיי און שפּאַן אַרײַן אין א נײַעם שטאָט־טייל, וווּ א לעבעדיק שטיק מיטלאַלטער איז ווי אײַנגעראַמט אין מאָדערנער אַרכיטעקטור, וועלכע הויבט זיך אַרויס מיט א שימער פון נײַקײַט, און וווּ קאָנסטרוקטיווע צוועקמעסיקײַט רופט זיך איבער מיט האַרמאָנישער עסטעטיק. גלאָז און מעטאַל, צונויפגעשמאָלצן אין איין גאַנצקײַט, שפּאַרן אונטער די הימלען מיט אַזאַ לײַכטקײַט, גלײַך זיי וואָלטן זיך געלאָזט אין א געוועט מיט אַלטערטימלעכע טורעמס.

טרעפּ אַראָפּ, טרעפּ אַרויף.

ווי א זעלטענע פּאַנאָראַמע, האָט זיך געעפנט און געשפּרייט די ווײַט פון דער שטאָט מיט די באַרימטע ציגל־רויטע דעכער און גרינע שפּיציקע קלויסטער־טורעמס, וואָס רעדן מיט די וואָלקנס. און דער ים, אָט יענע מעכטיקע גרויסקײַט, וואָס האָט זשעדנע געשלונגען די שטראַלן פון דער זון, האָט אויסגעבלאַנקעט מיט זילבער.

שטיינערנע טרעפּ, פון דורות אויסגעטראָטענע, און קופּערנע טאָוולען, אויף וועלכע עס קײַטלען זיך געציקטע גערמאַנישע אויפשריפטן — נעמען פון ריטער און מאָנאַכן. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך הער די טריט פון די אַסקעטיש־יעזויִטישע אָרדן־טרעגער, אָנגעטאָנענע אין שוואַרצע סוטאַנעס, מיט שפּיציקע קאַפּיושאָנען אויף די געגאָלטע קעפּ און מיט גראָבע שטריק אַרום די לענדן — די אורזיידעס פון יענע, וואָס האָבן מיט דורות שפּעטער געטראָגן שוואַרצע מונדירן מיט האַקנקרייץ־בענדער אויף די אָרעמס.

אַלץ גייט, און די צײַט גייט.

שוין א היפשע פאָר שעה זענען אומבאמערקט פאַרבײַ. די זון האָט זיך שוין געשארט צום מערבדיקן האָריזאָנט, לאנגזאם געוואָרן גרעסער און רויטלעכער און געלאָשן אירע שטראלן אין די טונקל־ווערנדיקע ים־טיפענישן.

פלוצעם האָב איך דערפילט הינטער זיך עמעצנס בליקן און דערהערט שטילע טריט, קודם אײַלנדיקע, ווײַטלעכע, דערנאָך אלץ נעענטערע און נעענטערע. מיר איז נישט געווען באקוועם זיך אומצוקוקן, און איך האָב פארלאנגזאמט דעם גאנג.

באלד טאקע האָבן די טריט מיך דעריאָגט. איך האָב דערפילט א ווארעמע האנט אונטער מײַן אָרעם און דערהערט א פארוווּנדערטן אויסרוף:

— וואָס טוט איר דאָ?

איך האָב אויך נישט ווינציק זיך פארחידושט, דערזעענדיק לעבן מיר מײַן ליבן אלטן דאָקטער פירע לוואָוונע, וועלכער ס'איז דאָרטן, אין מײַן היים, בײַם ראנד פון די קארפאטן, נישט איינמאָל אויסגעקומען דערגיין דעם סוד פון די זיגזאגן, וואָס מײַן הארץ האָט פארשריבן אויף דער קארדיאָגראמע. און כאָטש איך האָב געוווּסט, אז זי איז נישט פון אונדזערע קאנטן, אז איר היים איז חרוב געוואָרן און די מלחמה האָט איר, א מיליטער־דאָקטער, צוגעשריבן א נײַעם אדרעס, האָבן פונדעסטוועגן באדארפט דויערן עטלעכע רגעס, ביז איך האָב אלץ אָנגעהויבן באנעמען.

... אין קלאָאגא, וואָס ווערט אָנגערופן אין איין אָטעם מיט פּאָנאר אין ווילנע און סאלאספילס אין ריגע, איז אומגעקומען איר משפחה, פאָרט זי יעדעס יאָר אויף קבר־אבות. פאָרט געוויינטלעך אין הארבסט צום יאָרצײַט. די פאשיסטן האָבן אין סעפטעמבער פיר און פערציק פארניכטעט דעם לאגער, און די אסירים צעשאָסן און פארברענט, אָבער דאָס מאָל האָט זי עובר געווען אויף דעם אײַנגעשטעלטן סדר און געקומען אין פרילינג.

— איך בין געקומען זיך געזעגענען מיטן אש פון די קדושים, — האָט זי א פליסטער געטאָן מיט איר ווייכער, ווארעמער שטים. א ווײַלע פארהאלטן דעם אָטעם, דערנאָך צוגעגעבן:

— גענוג, איבערגענוג אָפּגעריכט גלות...

און עס האָט זיך געדאכט, ווי די הימלען איבער אונדז הענגען פרעמדע און טויזנטיאָריקע יידישע פײַן טראָגט זיך איבער די געדיכטע שטאָטישע גאסן.

איך האָב געפילט, אז איך דארף עפּעס זאָגן, עפּעס ווינטשן, אָבער דאָס, וואָס איז נאָרוואָס געפאלן פון אירע ליפּן, איז געווען פיל

שטארקער פון אלץ, וואָס איך האָב געקאָנט זאָגן...

מיטאמאָל, גלײַך זי וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט, האָט זי אויף מיר א קוק געטאָן מיט א ווײַטן בליק, און איר שטים האָט זיך איבערגעמישט מיטן האוועדיקן גאסן־געוויש.

— אפילו אין חלום וואָלט מיר נישט אײַנגעפאלן, אז מיר קאָנען זיך דאָ טרעפן... אָט ווי קליין איז אונדזער וועלטל...

און מיט פארטראַגנקײַט, ווי זי וואָלט נאָכגעפאָלגט אן אנטלאָפענעם געדאנק, האָט זי מיט א פלוצעמדיקן ערנסט און שטרענגקײַט ווײַטער געזאָגט:

— אוי, ווי דארפן מיר אָט דאָס וועלטל אונדזערס היטן, ס'זאָל אזעלכעס, ווי קלאָאגא, זיך מער נישט איבערחזרן...

איר פנים האָט זיך פארצויגן מיט א וואָלקן. אירע שמאָלע, קינדעריש־געוואָרענע אקסלען האָבן לײַכט א ציטער געטאָן, און אירע שווארצע ייִדישע אויגן זענען באהויכט געוואָרן פון א פײַכטער מילדקײַט.

מיר האָבן זיך פרײַנטלעך געזעגנט. אין א מינוט ארום איז זי שוין נישט געווען לעבן מיר. זי האָט זיך דערווײַטערט און ביסלעכווײַז אינגאנצן פארשוונדן, געבליבן זענען בלויז אירע ווערטער און נישט געוואָלט אוועק...

# א ייִדישע שטוב

איך האָב געהערט וועגן דער פרוי, מיט וועלכער כ'האָב זיך באדארפט טרעפן, געהאט אָבער וועגן איר קנאפּע ידיעות. געוווּסט, אז זי איז א געוועזענע ייִדישע אקטריסע. איר שטים האָב איך געהערט סך־הכּל איין מאָל — דורכן טעלעפאָן:

— האלאָ, דאָס רעדט מאלי...

אין אָט דער שטים איז געווען אזויפיל ווארעמקייט, אזויפיל גוטהארציקייט, אז עס איז נישט מעגלעך געווען נישט צו וועלן הערן זי אוממיטלבאר, אָן דער הילף פון מעטאל און פלאסטמאסע.

זי האָט געוווינט אויפן צפון אין א נייעם ראיאָן, ביים סאמע ים־ברעג, ווו די הייזער זענען געווען אזוי ענלעך איינער צום אנדערן, אז ווען ניט די אָנגעקלאפּטע הויז־נומערן, וואָלט מען זיי ניט געקאָנט אונטערשיידן.

די טיר אויפן צווייטן שטאָק האָט זיך געעפנט באלד נאָכן ערשטן אומדרייסטן קלונג. זי איז געשטאנען פאר מיר אָנגעטאָן אזוי, גלייך זי וואָלט באדארפט ארויסקומען אויף דער בינע. איר פּנים, פון וועלכן ס'איז שווער געווען ארויפצולייענען איר עלטער, באלויכטן פון א גוטמוטיקן שמייכל, האָט שוין ביים ערשטן בליק אלץ געזאָגט, און מיין שטים האָט מיטאמאָל באקומען א היימישן און זיכערן קלאַנג:

— מאלי?

— ... ביטע, קומט אריין.

און זי האָט אויסגעשטרעקט צו מיר איר האנט, אָן איבערגעפלאָכטענע מיט דינע בלויע אָדערלעך.

דאָס קליינע, באשיידענע, ציכטיק אויפגערוימטע צימער, ווו זי האָט געלעבט אינאיינעם מיט איר קראנקן מאן, האָט גלייך ביים ארייַנקומען דערציילט פון געניטע פרויישע הענט. די ריינקייט פון דער שטוב האָט זיך געשפּיגלט אין דער געגלאָזטער ביכער־שאפע, אין די

פאָטאָגראַפיעס אויף די ווענט, אויף וועלכע מען האָט זי געקאָנט זען אין פאַרשיידענע ראָלן. פון אַלץ האָט געטריפט אַזאַ היימישע, געמיטלעכע אײַנגעזעסנקייט.

איר מאַן, געטראָפן פון אַ שווערן פּאַראַליטש, האָט, האַלב ליגנדיק אויף אַ ווייכן שטול, באַוועגלאָז געקוקט אין אַ ווײַטן ווינקל. ס'איז געווען קענטיק, אַז ער פילט נישט די אייגענע אברים. ווי נאָר אָבער ער האָט דערשפּירט הינטער זיך מײַן אָנוועזנהייט, איז זײַן אַשיק פּנים, מיט אויסגעטריקנטע, פאַרשפּיצטע באַקנביינער, מיטאַמאָל בלייך געוואָרן, די אַלטע שיטערע ברעמען האָבן זיך צעטאַנצט פון אַן אינעווייניקסטן אומרו. ער האָט הילפלאָז פאַנאַנדערגעוואָרפן זײַנע בלוי־אָדערדיקע הענט, און אַ ביטערע גרימאַסע האָט לײַדנדיק פאַרצויגן זײַנע בלוטלאָזע ליפּן:

— ש־שאָ־לעם אַל־ליי־כעם!

זי האָט אים געהאָלפן אויפשטיין, אים אונטערגעשפּאַרט מיט איר שטאַלטנעם, כמעט מיידלשן קערפּער, און פון איר האָט געשטראָמט אַזאַ מענטשלעכע צוגעלאָזנקייט, אַזאַ גוטסקייט, וואָס האָט ניט קיין גרענעץ.

ביידע זענען אויף פאַרשיידענע וועגן געקומען פון פּוילן. ביידע אָנגעגאַרטע .מיט פאַנטאַזיע און חלומות. זי — פון אַ קליין גאַליציאַניש שטעטל, וווּ אַפילו די גוייִשע שכנים האָבן גערעדט ייִדיש. ער — פון וואַרשע, פאַרהאַרטעוועט אינעם קאַמף פאַר וועלן איבעראַנדערשן די וועלט, פאַר וועלן ברענגען אַ נײַע תּורה... ביידע האָבן זיי געחלומט אויף דער וואָר און מיט יונגן אומרו זיך געוואָרפן אינעם סאַמע געווירבל פון לעבן.

זי האָט אים אַוועקגעזעצט בײַם טיש נעבן זיך, פאַרריכט דעם הער־אַפּאַראַט. איך האָב געפּרוּווט פאַרקניפּן אָט דעם קראַנקן מאַן, וואָס זיצט פאַר מיר אַזוי אומבאַהאָלפן, מיטן בילד פון אַ גאַנץ יונגן מאַן אויף דער וואַנט, און ס'האָט זיך מיר בשום אופן ניט אײַנגעגעבן.

ביסלעכווײַז האָט זיך צעוויקלט אַ געשפּרעך. ריידן איז געווען וועגן וואָס. דאָס גאַנצע לעבן האָט זיך מיטאַמאָל אַוועקגעשטעלט אין זײַן פולן פאַרנעם. און, ווי עס וואָלט ניט געווען קיין אָפּגרענעצונג פון צײַט, האָט זיך אומגעקערט דאָס שטעטל, די יוגנט, ליבע, קאַמף.

ווען זי האָט גערעדט, האָט פון אירע רייד אַרויסגעשריגן די בענקשאַפט צו דער ייִדישער בינע — אָנגעווייטיקטע פּעדעם, וואָס האָבן זי פאַרבונדן אין משך פון לאַנגע יאָרן. זי האָט ניט דערציילט, נאָר ווי אויסגעשפּילט איר לעבנסוועג. און עס האָבן רייענווײַז זיך אַנטפּלעקט די צוואַנציקער יאָרן אין בערלין, לעקציעס אין דער

באוווסטער ריינהארד־שול, די באקאנטשאפט מיט וועלטבארימטע שוישפילער, דערנאָך מאָסקווער טעאטער־סטודיע און הויפט־ראָלן אין פארשיידענע טעאטערס.

איר שטים האָט וויברירט יונג, קלאנגפול, הארמאָניש, ווי א זעלטענער מוזיקאלישער אינסטרומענט, און ווערטער, ווי לידער, האָבן זיך צעקלונגען אין איר געמיט. אלץ איז געווען אזוי נאָענט און אזוי ווײַט. איך האָב אויפגעכאפט איר בליק, דעם פארהוילענעם שליסל צו די צונויפגעקליבענע ברעקלעך פון איר דערוואכטן זכרון...

ווען ער האָט גערעדט, האָבן זיך ארויסגעהערט ווײַטע אָפקלאנגען פון קאַמף אין די רייען פונעם פוילישן פראָלעטאריאט. ער האָט גערעדט שווער, ווי ער וואָלט די ווערטער מיט צוואנגען געשלעפט. יעדע ווײַלע אָנגעהויבן פון אָנהייב, ארײַנגעמישט זײַטיקע זאכן און שטיקלעך געשעענישן, וועלכע האָבן בײַ אים ערגעץ טיף געדרימלט און האָבן מיטאמאָל דערוואכט.

אויף וויפל אויסגעשעפט פון פיזישע יסורים ס'איז געווען זײַן גוף, אויף אזויפיל וואך איז געווען זײַן מוח און האָט ניט דערלאָזט אויסלעשן דאָס פײַער, וואָס האלט אויף די נשמה, ווען דער קערפער ווערט חרוב... ווי א געדיכטער נעפל וואָלט זיך צעגאנגען, האָבן זיך אויסגעשטעלט אלץ נײַע שטיקער פארלאָפן לעבן: קאָמינטערן, פארטיי־שול, די באוווסטע "מײַרעווקע", רויטע ארמיי, דערנאָך... דערנאָך — וואָרקוטא!.. א געפײַניקטע וועלט, אין וועלכער ס'איז אויסגעשטעלט געוואָרן אויף אומקום זײַן אייגן שטיקל לעבן.

טאָג־אײַן, טאָג־אויס האָט מען אים דערנידעריקט, באליידיקט, געפלאָגט מיט דער לעצטער מאָס פון חיהשער רציחה, און קאלטע גרימיקע נעכט האָבן זיך געראנגלט מיט פונקט אזעלכע יונגע פארטאָגן, אָן יעדן מינדסטן שטראל פון האָפענונג, פון דערלייזונג...

אזוי גאנצע צען יאָר!..

און מאָדנע, דער חלום אין אים האָט נאָך אלץ ערגעץ געטליעט. נאָר פון די ווײַסלעך אין זײַנע אויגן האָבן ארויסגעשריגן און ארויסגעוויינט די פארשוועכטע אידעאלן...

אזוי זענעןביידע געווען געבונדן מיט איין יוגנט, מיט איין צײַט.

— געדענקסט, מאלי?

— געדענקסט, באָריס?

און עס האָט זיך געדאכט, אז איינער זוכט בײַם אנדערן די ניט־אויסגעלעבטע שטיקער לעבן.

זייערע בליקן האָבן אויף א רגע זיך באגעגנט. וויפל האָט געדויערט די רגע? ווער ווייסט. די לענג פון אזעלכע רגעס לאָזט זיך ניט מעסטן

לויטן סעקונדע־ווײַזער...

דער אלטער זייגער האָט אויסגעכאָרכלט די שעהן.

ס'איז אונטערגעקומען די צײַט פון געזעגענען זיך, פון פארלאָזן די ליבלעכע, גאסטפרײַנטלעכע ייִדישע שטוב, ווו עס האָבן איינזאם געצאנקט די רעשטלעך פון אן אמאָליק גרויס ייִדיש לעבן.

— נו, איך וועל גיין!

זי האָט שפּילעוודיק א שמייכל געטאָן. זײַנע אויגן האָבן זיך אויך צעשמייכלט. אָבער באלד פארלאָשן געוואָרן. און זײַן פּנים האָט זיך ווידער פארצויגן מיט פינצטערקײַט און אומרו.

אין דרויסן איז צוגעפאלן א ווײַסע צפונדיקע נאכט. פון ווײַטן האָט דער ים געמורמלט זײַנע פון קיינעם ניט פארשטאנענע רייד. און די גאס און דעם ים האָט אײַנגעהילט א דינע איידעלע בלויקײַט, איבערגעמישט מיט בלינצלענדיקע פײַערלעך, ווי גאָלדענע שטערן. און מיר האָט זיך געדאכט, ווי אין אָט דער טרוימעריש פארהוילענער בלויקײַט, צווישן פרעמדע געבײַדעס, אויף א פרעמדער גאס, גייען מיר נאָך די שאָטנס פון די צוויי אלטע הארציקע ייִדישע מענטשן.

# א ווײַסע נאַכט

ריגע, אָנהייב יוני.

שווער צו געפינען נאָך אזא אייגנאַרטיקן פייזאַזש, ווי דער, וואָס האָט זיך געשפרייט פאר מײַן פענצטער אויפן צווייטן שטאָק אין ריגער פּאַנסיאָנאַט "באַלטיקאַ".

בײַ א שמאָלן לאַנדפּאַס, צעטיילט, ווי מיט א שרונט, פון א גלאַנציק אַספּאַלטירטן וועג, האָט פון איין זײַט געברויזט דער שטורמישער ים־אײַנגוס, אויפגעהויבן שוימיקע וואַסער־ווענט און געשווענקט מיט א ווילדער בלינדקײַט די ווייך פאַרקעמטע דיונעס, און פון דער צווייטער — דער סודותפולער, גרינלעך פאַרגליווערטער טײַך ליעלופּע, וואָס זײַנע גערונצלטע וואַסערן געדענקען נאָך מסתּמא דעם יונגן רוסישן דיכטער פּיסאַרעוו, ווען זיי האָבן פאַרשלונגען אין זייערע טיפענישן.

ס'איז געווען נאָענט צו האַלבער נאַכט.

א דין־גרוילעכע ווײַסקײַט האָט זיך פאַרקליבן אין צימער, געקראָכן פון אַלע ווינקלען. א שטומקײַט האָט אַרומגעשוועבט, געבויערט אין די אויערן מיט אָנגעלאָפענע קלאַנגען.

איך האָב נישט געקאָנט זיך צוגעוווינען צו די ווײַסע נאָרדישע נעכט, וואָס האָבן מיר דערמאָנט דאָס יונגע ליכט פון באַגינען אין מײַן בוקאָווינער היים. זיי האָבן בײַ־מיר אָפּגענומען דעם שלאָף. און וויאַזוי איך זאָל נישט געווען פאַרהענגען די פענצטער, אַנטשלאָפן ווערן האָב איך נישט געקענט.

איך האָב זיך געדרייט אויפן בעט, אויף וועלכן ביז מיר זענען פיל אַנדערע מענטשן געשלאָפן און, זיכער, געזען חלומות, נאָר קיינער פון זיי האָט קיין ברעקל חלום נישט איבערגעלאָזט.

וואָס האָב איך געקאָנט טאָן מיט זיך אַליין?

א העלקײַט האָט זיך געשוימט פאר די אויגן, דאָס אויפגערעגטע

געמיט האָט געצאפּלט פון אומרו, און צווישן טעג און נעכט איז קיין שטח נישט געווען.

איך האָב געעפנט דאָס פענצטער.

אויף יענער זײַט האָבן אלע קעגנשטאנדן אָנגעווירן זייערע שאָטנס. א קיל ווינטל האָט פארשפרייט א שארפן ריח פון בוימנאָדלען און בלומען. איך האָב געקוקט אויף די פרידלעך דרימלענדיקע הײַזער, פארנומען דעם פּײַכטן רויש פון די ים־ווײַטן.

פלוצעם האָט עפּעס א בלענד געטאָן אין דער בלוילעכער לײדיקײַט. און איך האָב דערזען אינמיטן וועג, געאָרעמט, ווי ארײַנגעוואקסן איינער אינעם אנדערן, א יונג פּאָרל, וואָס האָט מיט יעדן שפּאן זיך אלץ מער דערנעענטערט.

ער איז געווען פון הויכן וווקס, ברייט־פּלייציק, מיט א סנאָפּ העל־בלאָנדע האָר, וואָס דער ים־ווינט האָט צעשויבערט. זי, מיט א קאפּ נידעריקער, איז געווען שווארצהנעוודיק, גראציִעז, ווי אויסגעהאמערט מיט דער געניטער האנט פון א סקולפּטאָר. און איך האָב געטראכט: סארא פראכט, סארא הארמאָניע, און מיר האָט זיך געוואָלט אויסרופן א לויב דעם באשעפער, וואָס האָט באשאפן אזא שלימות.

מיטאמאָל איז פונעם חלל ווי ארויסגעשוווּמען פונקט אזא ענלעכע געשטאלט, אפשר נאָר עטוואָס ייִנגער און עטוואָס צניעותדיקער. זי האָט געפלאטערט פאר מײַנע אויגן, ווי א שפּליטער פון אַן איבערגעריסענעם חלום. ס'איז געווען די געשטאלט פון מײַן שוועסטערל, וואָס האָט ניט באוויזן א כלה צו ווערן און געבליבן אויף אייביק א זעכצניאָריקע... א דינער שטאָך האָט א ברי געטאָן אין הארצן.

דאָס פּאָרל איז שוין געווען גאנץ נאָענט. זייערע שטימען האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיטן פארהוילענעם אָטעם פון דער נאכט, אָפּגעקלונגען איבער דער גאס, כאָטש האָבן מער געפליסטערט, ווי הויך גערעדט. און צו מײַן אָפענעם פענצטער זענען דערפלויגן אָפּגעריסענע פראזעס:

— דו האָסט עס געזאָגט?

— ווער דען?

— און דו קאָנסט עס איבערחזרן?

— אפילו טויזנט מאָל...

זי האָט זיך געוויקלט אין זײַן ברייט־פּלייציקײַט. אים אָפּגעלאָזט א ווײַלע, כדי אין א רגע ארום אים שטארקער צוציִען, טוליענדיק זיך צו אים, אזא צעשטראלטע, אזא ליכטיקע אין איר אייגענער ליכטיקײַט. איר איידעלער קערפּער איז געווען פול מיט ווײַבלעכקײַט, און דער

בלויער דרויסן האָט רעליעף געצייכנט צאַרטע, רירנדיקע שיינהײַט.

זיי האָבן מיטאַמאָל זיך אָפּגעשטעלט. געשטאַנען איינער נעבן אַנדערן אין אַ שווײַגנדיקער פאַרליבטקײַט. ער האָט גקוקט אויף איר עטוואָס פאַרטראַכט, עטוואָס אומעטיק, און זײַנע פינגער האָבן אַרומגעגלעטעט אין אירע געדיכטע פעך־שוואַרצע האָר.

עטלעכע געציילטע מינוטן זענען זיי אַזוי געשטאַנען, ביז ער האָט, ווי מיט עפּעס אַ באַהאַלטענעם געבעט, אַ פליסטער געטאָן:

— דו מוזסט טאַקע פאָרן?

זי האָט אָנשטאָט אַן ענטפער זיך אַ צי געטאָן צו אים אויף די שפּיץ פינגער, גלײַך זי וואָלט אָט אַזוי געוואָלט זיך אויפהייבן העכער פון אים. אירע פעסטע, אָנגעשטרענגטע ליטקעס האָבן ווײַסלעך געשימערט, און אַ ווילדער ברען איז געווען אין איר גאַנצן געשפּאַנטן גוף.

— ווען גייט אָפּ דײַן צוג? — האָט ער געפרעגט.

— זעקס, — האָט זי קורץ געענטפערט.

און זיי זענען ווײַטער געגאַנגען.

זעקס אינדערפרי וועלן זייערע וועגן זיך פאַנאַנדערגיין. און ווידער וועלן זיי זוכן די שליסלען צו ערדישן גליק...

אין דרויסן האָט אַלץ נאָך געדעמערט אַ ווײַסע נאַכט. זיך געצויגן, געצויגן. די שעהן האָבן זיך גערוקט, ווי דער שאָרך פון פאַלנדיקע בלעטער. און דער שלאָף האָט זיך געוויגט צווישן חלום און וואָר...

# מײַן פֿאַרגעסן לידעלע

איך האָב געקענט אמאָל א לידעלע.

געווען איז עס, מסתּמא, אין מײַן ווײַטער קינדהײַט, ווײַל איך געדענק נישט מער דעם ניגון, און די ווערטער האָב איך אויך פֿאַרגעסן.

געווען איז עס אין א בוקאָווינער שטעטעלע מיט אן אײַנגעשטעלטן ייִדישן לעבנסשטייגער, וואָס האָט טאָג־אײַן, טאָג־אויס זיך געפֿירט, ווי גאָט האָט געבאָטן. און עס האָט זיך געדאַכט, אז אזוי וועט עס אייביק דויערן.

אָפּט טוט מיר באנג מײַן פֿאַרגעסן לידעלע.

וועגן וואָס איז עס געווען?

קאָן זײַן, עס האָט דערציילט פֿון מײַן קליין אָרעם שטיבל בײַם סאמע ברעג טײַך. אן איינזאם שטיבל בײַ אן איינזאמען ברעג, ווו מײַן וויגל איז געשטאנען און מײַן מאמע האָט אין חלום געבראַכט מיר "ראָזשינקעס מיט מאנדלען".

וויאזוי האָב איך דעמלט געקאָנט פֿאַרשטיין, אז דאָס האָט מיך גאָר אן אנדערע וויג געוויגט — א גרויסע וויג.

עס האָט א ספּלאוו געטראָגן מײַן וויגל אינאיינעם מיט די בעבעכעס פֿון שטוב, און ס'האָבן געוויגט מיך די כוואליעס, געטריבן אלץ ווײַטער און ווײַטער פֿון די שׂרפֿות, וואָס האָבן געצונדן מײַן היים אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, געטראָגן מיך איבער וואסערן אינאיינעם מיט טעג און נעכט.

און געוויגט, געוויגט...

אין זכּרון שווימט אויף עפּעס נאָענטס, ליבלעכס. און די אויגן מיינען צו געפֿינען דאָס אלטע ליימיקע הײַזל מיט א גאנעקל אויף הינערשע פּיסלעך, מיט א פֿענצטער און א טיר, דורכגעשניטן צום טײַך.

אויף דער שוועל איז געזעסן מײַן מאמע, געלאטעט דעם טאטנס אלט, פֿון שווייס דורכגעפּרעסן העמד און געזונגען דערבײַ א לידעלע,

וואָס האָט פאַרמאָגט אין זיך סײַ ייִדישן טרויער, סײַ אוקראַיִנישע רחבות.

איך גיי אַראָפּ צום טײַך — צו מײַנע פאַרשווונדענע נעכטנס.

בײַ די ברעגן איז זומער, און אין די אַרומיקע וועלדער איז אויך זומער. איך הער דעם שטילן שאָרך פון גרעזער און דעם ווילדן רויש פון כוואַליעס. פּיִאַלקעס קוקן מיר נאָך מיט שעמעוודיקע בליקן, און דער ווינט טראָגט אַ מין מעלאָדישן קלאַנג, גלײַך ער וויל העלפן מיר אין עפּעס זיך דערמאָנען.

נאָר דער ניגון איז ווײַט און אומקלאָר...

צעזינגט זיך פּלוצעם מײַן האַרץ, ווי אַ פידל, קינדעריש־פאַרשעמט, און ס'וועבט מײַן געזאַנג זיך אַרײַן אינעם ניגון פונעם ווינט.

איז דער זומער אָבער נישט אייביק!

דער האַרבסט רוקט אָן מיט זוניקע זוימען, ווי אַ שטילע גסיסה. פײַערדיקע און גאָלדענע וואונדן באַדעקן די בערג. און אונטער די צעצונדענע וואָלקנס פליִען אָפּ די פייגל, די גרעזער ווערן קראַנק און ס'שטאַרבן די בלומען...

נעמט מיך אַרום אַ בענקשאַפט נאָך מײַן פאַרגעסן לידעלע!

מ'זאָגט, אַז צײַטן קערן זיך נישט אום, איז דאָך אין יאָרן אַרום מײַן היים ווידער געשטאַנען אין פלאַמען, און איך בין, שוין אַ דערוואַקסענער, ווידער געלאָפן פון מײַנע היימישע ברעגן. נאָר דאָסמאָל אָן מײַן מאַמען, וואָס האָט מיך נאָר מיט אַ גליִענדיקן בליק פון צער באַגלייט, גלײַך זי וואָלט פון זיך אָפּגעריסן אַ שטיק האַרץ און עס מיר נאָכגעשיקט. און איך בין אַוועק, נישט אומקוקנדיק זיך אפילו.

וואַכט איצט אויף אין מיר איר בליק, איר ווייטיק!

סאַראַ פײַנפולער ס'האָט באַדאַרפט צו זײַן דער ווייטיק אירער, אויב ער רופט זיך אין מיר אָפּ דורך צענדליקער יאָרן.

און אפשר איז עס די פאַרשפּעטיקטע בושה פון אַ פאַרזינדיקטן זון...

* * *

איבערן טײַך הענגט אַ ברוינער פעלדז, ווי אָפּגעבראָכן פון דער זון. ערטערווײַז שלענגלען זיך איבער אים טונקעלע שפּאַלטן, ווי עפּעס אַ סודותפולע שריפט, גלײַך דער ווינט האָט אויסגעקריצט אויף זײַן שטיינערדיק לײַב עפּעס אַ פאַרהוילענעם טרויער.

מיט יאָרן, יאָרן צוריק האָט מען די סקאַלע גערופן

„פארשטיינערטע פריצה". און דערציילט האָט מען א מעשׂה וועגן א רײַכער באראָנעסע, וואָס האָט אין צײַטן פון פינצטערע גזירות אָן א פארוואָס געהייסן אויסשמײַסן א ייִדן בײַם ברעג פון טײַך.

די פריצה האָט געוואָלט הערן זײַן ווייגעשריי, לעשן מיט זײַן ווייטיק די גליִענדיקע שׂנאה, וואָס האָט אין איר געברענט. ווי א האָגל זענען שמיץ געפאלן אויף זײַן לײַב, אָבער דער ייִד האָט נישט געשריגן, אפילו קיין קרעכץ נישט געטאָן, נאָר עפּעס א פאַרכטיקער געברום האָט מיט א שטילן נאָגנדיקן פלאטער געריזלט אין זײַן האלדז.

דאָס האָט ער ווידוי געזאָגט. און וואָס ווײַטער די בײַטשן האָבן געשניטן זײַן לײַב, אלץ עקשנותדיקער איז געוואָרן זײַן געברום. און ווען די בלוטיקע עקזעקוציע האָט זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט, האָט דער זקן מיט דער זילבער־ווײַסער באָרד און צעממיתן גוף, וואָס האָט געפיבערט, זיך אויסגעגלײַכט, און פון זײַן פארבלוטיקטן מויל האָט זיך ארויסגעריסן א קללה:

— פארשטיינערט זאָלסטו ווערן!

לעגענדע און לעבן — א שנירל בלוטיק־רויטע קארעלן!

און די „פארשטיינערטע פריצה" שטייט אזוי שוין הונדערטער יאָרן, ערטערווײַז טונקלען זיך שלענגלענדיקע שפּאלטן, ווי אָפענע נישט־פארהיילטע שראמען, וואָס דער ווינט האָט אויסגעקריצט אויף איר שטיינערנעם לײַב.

איך קוק ארויף צו דער סקאלע, ווו כ'האָב קינדווײַז געשפּילט זיך אין באהעלטעניש, און מיר דאכט, אז זי האָט מיטאמאָל זיך צעזונגען מיט א דינעם שטיינערדיקן קלאנג, ווי עמעצער וואָלט פון אונטערן שטיין א ניגון געצויגן און אים אָנגעפּילט מיט לעבן...

שמעקט מיט גרעזער און בלומען דער ווינט
איבער מײַן טײַך דעם לינדן,
און פון דעם שטיינערנעם בארג די בענקשאפט רינט
איבער טונקעלע שפאלטן, ווי צעיורענע ווונדן.
זינגט אין מײַן הארץ א ליד,
דערמאָנט מײַן קינדערישן אמאָל,
ציט, ווי א סטרונע, אָן מיין געמיט
און מיט בענקשאפט פארפלייצט דעם זוניקן טאָל...

פרווו איך נאָכאמאָל און נאָכאמאָל זיך דערמאָנען מײַן פארגעסן לידעלע. וועגן וואָס איז עס פאַרט געווען?

אפשר איז עס געווען דער ניגון פון יענעם ייִדן , וואָס האָט אין די

זומערדיקע פריש־געבוירענע פאַרטאָגן, אָנגעטאָן אין טלית און תּפילין, געשטעלט זיך דאַווענען, שווימענדיק אויף א ספּלאַוו, און בײַ דער זײַט איז געשטאַנען דער יונגער, בלאָנדהאָריקער וואַסילע, שטיל געקערמעוועט, ווי ער וואָלט אָפּגעהיט דעם ייִדנס תּפילה־טאָן, און געקוקט מיט פאַרגאַפּטע בליקן...

דער ייִד האָט איבער די צעשטאָכענע פינגער, ווי איבער וווּנדן, געוויקלט די פאַרפּלאָנטערטע, קויטיקע ציצית, צוגעטראָגן די אַרבע־כּנפות צו די טרוקענע ליפּן און, פאַרשטעלנדיק מיטן טלית די אויגן, אויסגערופן דערהויבן און פרום, גלײַך די שכינה וואָלט אויף אים געהערט:

— שמע, ישראל!

איבער זײַן קאָפּ האָט געשײַנט דער מאָרגנרויט. און די בערג האָבן, ווי א מעכטיקער מנין, נאָכגעזאָגט:

— על... על... על... על...

און וואַסילע האָט א רגע אָפּגעלאָזט די קערמע, צונויפגעלייגט די הענט, ווי ווילנדיק זיך צלמען. און א נידעריקע צעשטראַלטע זון האָט קיל געררויטלט בײַ ייִדנס האַרט־פאַרבראַונטע פּנימער, געקאַרבטע פון ווינטן און רעגנס.

* * *

דורך אַלע ייִדישע יאָרן, אין דער טיף פון די קאַרפּאַטן, האָב איך אים באַגעגנט, אָט דעם פרומען, אָרעמען האָרעפּאַשניק. און בײַ זײַן זײַט איז, ווי א געטרײַער שותּף צו פרייִד און טרויער, תּמיד געשטאַנען דער יונגער, בלאָנדהאָריקער וואַסילע...

צום לעצטן מאָל האָב איך דעם ייִדן געזען לויפן פון זײַן ברענענדיקער היים, א פאַרפּלייצטע פון גזירות, הריגות און טרײַבן טײַכן בלוט...

זײַן פּנים איז געווען אַש־גרוי, מיט גליִענדיקע בליקן אין די אויגן. ער האָט, ווי א קינד, צוגעטוליעט צום האַרצן, געטראָגן אײַנגעוויקלט אין זײַן אַלטן טלית אַן אָפּגעראַטעוועטע ספר־תּורה. געטראָגן עס אַזוי, גלײַך ער וואָלט דערמיט געגאַנגען הקפות... די לעצטע הקפה...

און די ליפּן האָבן שטיל געמורמלט:

— שמע, ישראל!

ער האָט די ווערטער אַרויסגעבראַכט מיט אַזאַ צעווייטיקטן רוף, גלײַך ווי דורך זײַן האַרץ זענען אַדורך אַלע שטורעמס פון ייִדישן צער, און דורך די אויגן — אַלע ייִדישע טרערן...

און דער הימל איז געווען טויב און פֿאַרשלאָסן...

* * *

... די טעג האָט מען בײַ אונדז אין שטאָט צווישן אַנדערע געמשפּט אויך עפּעס אַ וואַסילע, וואָס האָט געהאָלפֿן אויסהרגענען אַ גאַנץ דאָרף מיט ייִדן און העכער דרײַסיק יאָר פֿראַנק און פֿרײַ אַרומגעגאַנגען אויף גאָטס וועלט.

אפשר איז עס דער זעלבער וואַסילע?

און ער בעט די ריכטער נעמען אין אַכט: ער איז דעמלט קוים אַכצן יאָר אַלט געווען. איצט איז ער איבער פֿופֿציק. פֿאַרהאַלט זיך רויִק. ענטפֿערט אויסגערעכנט, ווי אַ גוט אָנגעסטרויעטער מעכאַניזם. נאָר אין זײַנע קאַלטע אויגן גליווערט אַ פֿאַרבליבענע אויף שטענדיק גזלנישע רציחה.

— פֿאַרוואָס האָט איר זויג־קינדער מיט די שטיוול דערוואָרגן?

— ווײַל מיט די הענט דאַרף איך עסן!

דאָס בלוט פֿרירט אין די אָדערן פֿון אַזאַ ענטפֿער. דאָס האַרץ וויינט, און אין די שלייפֿן קלאַפּט אַ טעמפּער ווייטיק. און ס'לייגט זיך קוים אויפֿן שׂכל, וויִאַזוי האָט ער געלעבט די אַלע יאָרן, וויִאַזוי פֿון זינען נישט אַראָפּ, דערמאָנענדיק זיך די דערוואָרגענע קינדער....

... רוישן סודותדיק די ווערבעס בײַם טײַך. די כוואַליעס פֿינקלען, שפּילנדיק זיך מיטן שטראָמיקן זילבער. און די בערג לויכטן מיט אַ שטילער פֿרידלעכער וואַרעמקײַט.

שטילקײַט און כוואַליעס... וואַסילע האָט דורותלאַנג געלעבט מיט ייִדן... וואַסילע האָט געהאָלפֿן זיי אויסהרגענען... און ער בעט רחמים בײַ אַ ריכטער...

און פֿאַר די אויגן שטייט דער ייִד אין פֿאַרגעלטן טלית מיט אַ בלויער אָפּגעבליאַקעוועטער עטרה, ווי אַ שטיק האַרבסטיקער הימל. אַ ייִד אין טלית און תּפֿילין — אַ פֿאַרשניטענער ניגון...

און דער ווינט מאַכט אַ הספּד...

* * *

איך גיי אויף דער ערד, אַן אויסגעטראָטענע פֿון מײַנע זיידעס און עלטערזיידעס, רויטע בלומען ווינקען מיר צו. און מיר דאַכט, אַז דאָס האָט דאָס פֿאַרגאָסענע בלוט אַזוי העל זיך צעבליט.

מײַן טאָכטער גייט אויך אויף דער זעלבער ערד. זי איז אַנטציקט

פון דער פלאַמיקער בליִונג. זי באַנעמט נישט מײַן צער, מײַן ווייטיק און בענקשאַפט... כאָטש כ'האָב, ווי מײַן מאַמע, מיט "ראָזשינקעס און מאַנדלען" זי פאַרוויגט... צומאָל לײַד איך דערפון, און צומאָל ווײַזט זיך מיר אויס, אַז זי איז נישט מחויב צו טראָגן אויף זיך דעם טרויער פון מײַן דור. זי איז געוואַקסן אינעם ריטם פון אַן אַנדער גרזאַנג, און איר שפּראַך איז אויך אַן אַנדערע...

אירע ניגונים זענען ליניעס, אויסגעלייגט אויף ווײַסע וואַטמאַן־בויגנס. יעדע ליניע — אַן אויסגעחשבנט פּילגאָרנדיק הויז. יעדער שטריך — אַ טייל פון אַ נײַ־פּלאַנירטער גאַס.

יעדע ליניע — אַ טויב, אַ שוואַלב... אַ נײַער ניגון!

... מײַן טאָכטער איז אָנגעטאָן אין אַ לאַנג ווײַס כלה־קלייד, און מיט אַ ווײַסן שלייער, לײַכט ווי אַ וואָלקן. זי גייט מיט איר באַשערטן בײַ דער זײַט, אָנגענומען פאַר די הענט, ווי דערוואַקסענע קינדער. זיי גייען איבער ברייטע יונגע גאַסן, באַגאָסענע מיט זון און פרייד. גייען צום דענקמאָל, וווּ עס זענען אויסגעקריצט די נעמען פון געפאַלענע שלאַכטלײַט, וואָס האָבן פאַרטיידיקט זייער גליק... לייגן צופוסנס שטיל אַוועק רויטע גלאַדיאָלוסן און שווײַגן, שווײַגן...

אויך אַנדערע מענטש לייגן בלומען, שטייען לאַנג און באַוועגלאָז. אייניקע מיט אַ שטיל געוויין אָן בושה, לאָזנדיק פרײַ קײַקלען די טרערן. און אין הארצן רופט זיך אָפּ טרויער און האָפענונג.

טויטע ליגן אין דער לעבעדיקער ערד, איבער וועלכן יעדן פרילינג גייען אויף בלומען און גרעזער. ס'ליגן אַכצניאָריקע, וואָס וועלן קיינמאָל מער עלטער נישט ווערן. לעבנס, אָפּגעצאָלטע פאַר לעבן... אויסגעלאָשענע, ווי פאַקלען אין זוניקע פאַרטאָגן...

און וואַסילע ווייסט פון דינים און געזעצן... ער איז קוים אַכצן יאָר אַלט געוועזן...

דערוועקט זיך פלוצעם אין מײַן געמיט אַן אַלטער אומרו, אויסגעקריצט אויף לוחות פון פאַרצײַטן און געהייליקט אין שײַטער־פלאַקערס פון דורות. דער אומרו פון אַלע נעכטנס און אַמאָלן. און מיר ווײַזט זיך אויס, ווי פונעם רויטן וואַרעמען גראַניט גייט, ווי אַ ליכטיקע צוואה, אויף אַ געזאַנג...

פון שלאַכטלײַט אַכצניאָריקע,
פון קינדער יונג־דערוואָרגענע,
פון העלדן און קדושים,
וואָס מאָנען און דערמאָנען
און לעבן אינעם טויט...
שוועבט אַרום דער יונגער ניגון,

ווערט אין בוי די וועלט באנײַט,
העל און צארט, ווי א געבעט:
ס׳זאָל מײַן טאָכטערס פרייד
פארשטערט נישט ווערן,
איר געזאנג פון שאפן, בויען —
די יונגע שיינקײַט פון שטאָל און שטיין —
זאָל קיינמאָל נישט אין טרויער זײַן געהילט,
ווי א פארגליווערט גרוי געוויין,
ווי דאָס לידעלע פון מײַן אמאָל...

* * *

איך גיי אַראָפּ צום טײַך, ווי צו מײַנע פארשווונדענע נעכטנס. דער ווינט זינגט אין די ארומיקע וועלדער, טראָגט פון ווײַטן מעלאָדישע קלאַנגען. און מיר ווײַזט זיך אויס, אז דאָס איז דער ניגון פון מײַן פארגעסן לידעלע, וואָס איך הער נישט אויף צו זוכן אפילו אויף די פארפלאָנטערטע וועגן פון מײַן לעבן...

# אין א פרימאָרגן

ווען בין איך דאָס לעצטע מאָל דאָ געווען?

דאכט זיך, אז נעכטן. כאָטש אינדעראמתן איז א מהלך פון צענדליקער יאָרן פארגאנגען. יאָרן, אײַנגעטונקענע אין צער און צאָרן.

פרי־פרימאָרגן.

איך בלאָנדזע מיט אן אײַנגעגליווערטער בענקשאפט איבער היימישע וועגן בײַם ראנד פון די בוקאָווינער קארפאטן, באהעפט פון א מאָדנע באגער צו געפינען שפורן פון מײַנע נעכטנס און אמאָלן, אין וועלכע איך בין א באָרוועסער מײַן קינדהײַט דורכגעלאָפן.

די ערד אָטעמט מיט א שארפן פארטאָגיקן אראָמאט. מיט יענעם זעלטענעם, זיסלעך צעבליטן אראָמאט פון פרילינג און באנײַונג. און די ארומיקע בערג, שאָטנדיק פארקלערט, הייבן זיך צו די וואָלקנס, לעכערן מיט זייערע טונקעלע גרין־באוועלדערטע בארג־שפּיצן די הימלען, וואָס טאָגן. און דער גאנצער ארום איז פארזונקען אין א מין געבענטשטער בראשיתדיקער רויִקײַט, א געפארבטע אין צארטע זילבער־קאָלירן פון באגינען.

איך שפאן איבער שלענגלענדיקע סטעזשקעס, פון דוירעס אויסגעטראָטענע, וואָס לויפן מיר פאָרויס און ווערן פארפאלן ערגעץ ווײַט אין די בערג, און א לינד, יונג פרילינג־ווינטל באגלייט מײַנע טריט.

איך שטעל זיך אָפּ א ווײַלע.

איך ווער פארכאפּט פון א פארטאָגיק פערלנדיקן פייגל־געזאנג, וואָס שנירלט זיך אין די וואלד־טיפענישן און וועבט זיך ארײַן אינעם פארבן־עשירות פון קאיאָר. און עס פליסן טרעלן זילבערנע, ווי א מאָרגנדיקע תּפילה.

מיטאמאָל ווייַזט זיך מיר אויס, ווי אין אָט דעם געזאנג וויגט זיך דער אָפּקלאנג פון יענעם פארשניטענעם זעמערל וועגן א קלאָר־ווייַס ציגעלע. א ציגעלע, וואָס

...איז געפאָרן האנדלען
ראָזשינקעס מיט מאנדלען...

.א זמרל אזא, מיט וועלכן יידישע מאמעס פלעגן זייערע קינדער פארוויגן. א לידעלע, באזינט פון יונגן גלויבן און באשטראלט פון האָפענונגען, וואָס זענען כמעט קיינמאָל נישט מקוים געוואָרן.

איך כאפּ איבער דעם אָטעם.

און גלייַך דאָס מאָרגן־ליכט וואָלט א ויש געטאָן מיר פאר די אויגן, צעוועקן זיך אין מייַן זכרון אנדערע, אין פייַער־שייַן געהילטע, פארטאָגן, איבער וועלכע א שווארצער ווינט האָט צעבלאָזן דעם גזלנישן פלאם פון אומקום.

און די וועלדער רוישן מיט אן אלטן פארבאָרגענעם טרויער, שטיל און פארהוילן.

פּלוצעם... אויף א ליאַנקע, באדעקט מיט יונגן זאפטיקן גרינס, ווייַסלט זיך א טשערעדע שאָף, גלייַך א ווייַסער קודריאַווע וואָלקן וואָלט פון הימל אראָפּגעפאלן. און אין שאָטן פון א פארצווייַגטער סאָסנע זיצט זייער פאסטעך.

איך מאך עטלעכע שפּאן פאָרויס.

דער פאסטעך, אן אלטער פויער מיט לאנגע ווייַסע האָר, וואָס פאלן וואייַבעריש איבער זייַן אָפּגעטראָגן פארביק אויסגענייט העמד, אויף וועלכן די פארבן האָבן שוין לאנג אָנגעווירן זייער קאָליר, — זיצט ערנסט און פארטראכט.

פונוואנען איז ער געקומען... פון וואָס פאר א זוניקער אייביקייַט?..

איך האָב אים פריִער קיינמאָל נישט געזען. און דאָך ווייַזט זיך מיר אויס, אז איך קען אים שוין א לעבן לאנג, און אים אפילו צומאָל אין מייַנע חלומות באגעגנט.

איך דערנעענטער זיך שטיל, כמעט אף די שפּיץ פינגער.

דער פאסטעך הערט נישט מייַנע טריט. זייַן פּנים טונקל־הויטיק, פון וואָכן נישט געגאָלט, ווי באדעקט מיט ווייַסע שטעכלקעס, איז געווענדט אהין, ווו דער מאָרגנרויט צינדט אָן דעם הימלראנד, ער שפּילט. עפּעס אויס אויף א הילצערן, קונציק־געשניצט פלייטל, און דער ווינט כאפּט אויף א שפּע פון צארטע, פארהוילענע טרעלן, ווי די

בענקשאַפט אַליין, צעטראָגט זיי איבער בערג און טאָלן. פילט אָן דעם רוים מיט פאַרב און קלאַנג. און ס׳דאַכט זיך, ווי די קאַרפּאַטן האָבן מיטאַמאָל זיך צעזונגען.

עפּעס ווערט אין מיר פאַרשטיינערט, פאַרקילט.

— וואָס איז עס פאַר אַ ניגון?

די שעפּעלעך האָבן זיך צונויפגערוקט, זיך גענומען טוליען איינס צום צווייטן. אפשר האָבן זיי דעם פאַסטעכס שפּילן פאַרשטאַנען, און אפשר דערפילט די נאָענטקייט פון אַ פרעמדן. דער פאַסטעך האָט זיך אויף עפּעס אומרויִק אַ וואַקל געטאָן. און דער ניגון איז אין איין רגע פאַרשוווּנדן.

איך בין צוגעקומען און זיך היימיש באַגריסט.

— דאָברי ראַנאָק! (גוט מאָרגן!)

דער פאַסטעך פאַרציט זײַנע צעשויבערטע ברעמען, שטעלט אָן אויף מיר אַ פּאָר וואַסערדיקע אויגן, צעהעלטע פון יעדן זון־אויפגאַנג, און עקבערט מיך דורך מיט עפּעס אַ פאַרגאַפטן, אָנגעשפּיצטן בליק, גלײַך ער וואָלט זײַנע אייגענע אויגן נישט געגלייבט. און איידער איך וויל נאָך עפּעס זאָגן, פאַרקרימט אַ קוים באַמערקטער שמייכל זײַנע בלויִלעך־טונקעלע ליפּן, און ער ענטפערט:

— ראַנאָק דאָברי!

איך נעם זיך אָן מיט מוט און פרעג:

— וואָס פאַר אַ ניגון האָט איר נאַרוואָס אויסגעשפּילט?

— אַ פּשוטן הוצולישן ניגון, — איז געקומען דער ענטפער.

ער האָט נישט געפרעגט, ווער איך בין, פונוואַנען. און גלײַך ער וואָלט דערפילט, אַז ער האָט נישט אַלץ געזאָגט, האָט ער צוגעגעבן:

— אַגב, האָבן ייִדן כּמעט דעם זעלבן ניגון אין זייערע תּפילות אײַנגעקייטלט.

ס׳האָט באַדאַרפט פאַרגיין נישט מער, ווי אַ ברוכטייל פון אַ סעקונדע, אַז עס זאָל אין מײַן געמיט זיך צעשאַלן דער אָפּקלאַנג פון יענעם ניגון, מיט וועלכן ייִדן פלעגן אין האַלב־פינצטערן בית־מדרש, בײַ דער שײַן פון נר־תּמידס פראַווען שאַלעשידעס און מיט הבדלות באַגלייטן דעם הייליקן שבת. און עס פלאַטערט אויף דער אומרו פון התלהבותדיקער חסידישער נגינה, פול מיט סוד און פול מיט צויבער.

אין אַלע שטעטלעך און דערפער, אין די טאָלן און אין די בערג האָבן זיי געלעבט, אָט די פרומע, האָרעפּאַשנע ייִדן. פון דור צו דור געלעבט אינײנעם מיט זייערע הוצולישע שכנים. ביז אין איינעם אַ פאַרטאָג האָבן ווילדע קולות, ווי שוואַרצע בײַטשן, זיך צעקנאַלט איבער די ייִדישע כאַטקעס, געוועקט, געטריבן, און ייִדן האָבן מיט

צעבראָכענע הערצער און מיט אויגן, ארויסגעזעצטע פון שרעק, זיך אָפּגעריסן פון זייערע טירן, פון זייערע, פון דורות אײַנגעזעסענע, ייִדישע היימען, און א רויט־געפארבטער שטויב האָט געציילט זייערע טריט.

וויפל וועג איז געבליבן ביז צו די בארג־שפּאלטן?

---

הײַנט זענען שוין קיין ייִדן אין די קארפּאטן מער נישטאָ. געבליבן זענען בלויז אלטע, פארשוועכטע בית־עלמינס און מאסן־קברים אין די יארן, איבער וועלכע דער ווינט קלאָגט אויס דעם טרויער פון אומקום.

און איך טו א טראכט:

— צי ווייסט אָט דער אלטער פאסטעך פון דעם, אז מיט א צײַט צוריק האָבן יורשים פון יענע מערדער, בארוישטע פון דעם גיפטיקן, מיט האס אנגעפילטן וואָרט "זשיד", אויסגעגאָסן אין בראָנז יענע מײַסטערס פון שפּאלטן קעפּ, פון באגראָבן לעבעדיקערהייט, וועלכע האָבן פארפלייצט מיט ייִדיש בלוט די גאנצע לענג פון די בוקאָווינער קארפּאטן, און נאָך ווײַטער, אזש ביז באבי־יאר.

שטייט אָט די חרפּה אינמיטן שטאָט, און עס דאכט זיך, ווי נאכט פאר נאכט יאָמערן איבער דעם בראָנזענעם געשטעל פארוואָגלטע נשמות פון פרויען און קינדער, פארפּײַניקטע, אומגעקומענע אויף קידוש־השם. און פון זייער וויגעשריי לעשן זיך די שטערן...

און אויף. דער וועלט איז פרילינג.

דער פארטאָג צעבליט זיך אין דער בלויקײַט פון די הימלען, באָדט זיך אין שטראָמען אויפגייענדיקע זונענשטראלן, בלייכע, ווי פון ווײַסן גאָלד. א שטיל ווינטל טוט שטיפעריש א פלאטער, פארטשעפּעט זיך אינעם צווײַגן־געפלעכט פון צעגרינטע סאָסנעס און ווערט פארפאלן ערגעץ ווײַט און ערגעץ נאָענט.

און צוגלײַך מיטן אויסגעלייטערטן פארטאָג צעשפּילט זיך ווידער דעם פאסטעכס פלייטל. און עס פליסן טרעלן, אָט פריילעכע, אָט טרויעריקע, ווי דאָס לעבן אליין...

# ביים ים

שטילע, דרימלענדיקע בערג.

א פלאָנטער פון זעלטענע פארבן, אײַנגעהילטע אין לײַכטע נעפלען, גלײַך דער באשעפער וואָלט צונויפגענומען דאָס גאָלד פון דער זון, די גרינקײַט פון די סאָסנעס און דעם שמייכל פון א קינד און אויסגעוועבט דערפון א ווונדערלעך געוועב.

קייטלען זיי זיך שוין טויזנטער יאָרן לענגאויס די רויטלעכע האָריזאָנטן, בארוישטע פון זייער אייגענער שיינקײַט.

אין טאָג פון מײַן געבוירן האָבן זיי ארײַנגעקוקט אין מײַן פענצטער; א צארט־פארטראכטער ווינט האָט געזונגען מיר א וויגליד, און דער רויש פון פארבענקטע ווערבעס, אריבערגעבויגענע איבער שפיגל־ריינע טײַכן, האָט דערציילט מיר אלטע אומעטיקע לעגענדעס...

ס'נעמט דער הײַנט זײַן אָנהייב אינעם נעכטן.

איך פארמאך די אויגן און הער טריט פון יינגלעך און מיידלעך, זין און טעכטער פון מײַן דור, וואָס האָבן פארלאָזט זייערע אײַנגעפונדעוועטע יידישע היימען און אין פינצטערע נעכט אויסגעשפאנט טויבע סטעזשקעס און וועגן, טראָגנדיק איבער פארוואָרפענע דערפער דעם ליכטיקן טרוים פון א נײַער וועלט... א טרוים פון פאָעטן, וואָס האָבן זייער באגײַסטערונג נישט אויסגעזונגען אויף פאפיר, נאָר ווי א טײַערן משכּון אָפּגעגעבן דעם לעבן, און זענען געפאלן אויף די זעלבע וועגן, געפאלן, כּדי נאָכאמאָל אויפשטיין אָדער, שטארבנדיק, ווערן אומשטערבלעך...

שוועבן איבער די בערג גרויסע שאָטנס פון א ווײַטער פארגאנגענהײַט, און די ארומיקע נאטור אָטעמט מיט העראָישע שטימונגען.

היימישע קארפאטן...

זיי האָבן ווי א מיראזש געבלענדט איבער פארקניפּטע וועגן פון

מײַן לעבן!

ווּ בין איך עס נישט אויסגעווען!

אויף צפון האָב איך געזען דעם כישוף פון ווײַסע נעכט, און אויף דרום — שטומע זאמדיקע מדבריות מיט כמורע, פארגליווערטע האָריזאָנטן. כ׳האָב געזען גאָלדענע סטעפּעס, פארזונקענע אין לויטער אומרוּיִקע שאָרכן, און בערג, ווי ריזיק פארשטיינערטע קעמלען, באדעקטע מיט אייביקן שניי...

נאָר בײַם שווארצן ים בין איך קיינמאָל נישט געווען.

האָט אין א זומערדיקן פרימאָרגן א ״טו״ מיך אויפגעהויבן איבער די בארג־הייכן, פארטראָגן צו די וואָלקנס, דעם שווארצן ים אנטקעגן, און מיר האָט זיך געדאכט, אז דער ים דארף זײַן ענלעך צו די הימלישע רחבותן, און אפשר גאָר צום טונקל־גרינעם שטורעם פון מעכטיקע דונערן, וואָס קײַקלען זיך איבער די בערג.

* * *

דער טאָג האָט אריבערגעשפּאנט די צווייטע העלפט.

א זאלציק־ווארעם ווינטל האָט שטיפעריש גערוישט אין די צווײַגן פון שלאנקע קיפּאריסן, און דער ברויזנדיקער ים האָט געטריבן צום ברעג זײַנע גרויסע, שווערע כוואליעס.

איך האָב דערזען פאר זיך אן אומענדלעך בלויע ווײַטקײַט, א בלויען הימל און בלויע אויגן פון א בלומען־פארקויפערין בײַם פּאָרט. און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, ווי איך וואָלט דערזען דרײַ הימלען מיטאמאָל.

— גלאדיאָלוסן ווײַסע, רויטע!

און א הייסער שמייכל, ווי די שטראלן פון דער דרום־זון, האָט מיט א צאפּלדיקער פריילעכקײַט געשפּילט אויף אירע פולבלעכע ליפּן. פּײַכטע ציין, ווי ווײַסע פלאמען, האָבן געברענט אויף איר קופּער־ברוין פּנים, און א הויפן גאָלדיק־שווערע האָר זענען מיט א לעבעדיקער וואָג אראָפּגעפאלן איבער אירע שמאָלע אקסלען און שטאָלץ פארריסן איר דעם קאָפּ.

איך האָב געקויפט עטלעכע בלומען. פאר וועמען? גלאט אזוי, כּדי פון דער נאָענט זיך אנטציקן מיט דער הארמאָנישער שיינקײַט, מיטן יונגן צויבער פון אירע גראציִעזע באוועגונגען. און מיר איז פּלוצעם זיך אויסגעוויזן, אז דער ים האָט זיך צעזונגען, געזונגען ברייט און פּײַערלעך:

״שחורה אני ונאוה...״

און דער ווינט אין די קיפאריסן־צווײַגן האָט אויך געזונגען שיר־השירים!

* * *

איך בין געשטאַנען אויפן אויבערשטן דעק־פון א שיף, וואָס האָט באדארפט אָפּשווימען, און באוווּנדערט דעם ימס "מענערישע קראפט", באוווּנדערט זײַן גוטמוטיקע פארטראכטקײַט, מיט וועלכער ער טרײַבט זײַנע כוואליעס פון ברעג צו ברעג. טרײַבט זיי א יאָר, א צוויי, און אפשר גאנצע טויזנט נאָכאנאנד, טראָגנדיק די זעלבע ברויזנדיקע שטילקײַט...

ארום מיר א געמיש פון פעלקער און קלימאטן. מענטשן פון פארשידענע טיילן וועלט האָבן געבראכט אהער דעם רייץ און טעמפעראמענט פון זייערע היימען. לשונות האָבן זיך געפלאָנטערט אינעם רויש פונעם ים, כוואליעס האָבן געטאנצט זייער אייביקן טאנץ, און די דרום־עקזאָטיק האָט געשימערט מיט דערהויבענע שטימונגען.

גלאדיאָלוסן ווײַסע, רויטע...

א מאן אין די יאָרן, וואָס איז אויף א האלבן מעת־לעת געוואָרן מײַן קאיוטע־שכן, האָט מיר אויסגעשטרעקט א ברייטע, פעסטע האנט.

— מאָיסעי איזראילעוויטש אגא!

איך האָב זיך פארנייגט.

— איר פאָרט אויך קיין יאלטע?

ער האָט אָפּגעענטפערט פונקט אזוי קורץ, ווי איך האָב געפרעגט. אפילו זײַן טיפן, נידעריקן באס האָט ער געפרוווט צופאסן צו מײַן שטימע.

זײַן פנים, לענגלעך, טונקל־ברוין, און די אויגן, אָנגעפילט מיט א שווערן, ערנסטן בליק, האָבן נאָך עלטער געמאכט זײַן אויסזען. ער האָט געטראָגן א שווארצע מארינע־אוניפאָרם אָן עפּאָלעטן, און אויף זײַן ברוסט האָט געפינקלט א גאָלדן שטערנדל.

ווער איז ער? אן אויסגעדינטער מאטראָס פון יענע ברענענדיקע שיפן בײַ נאָוואָראָסייסק, וואָס וועלן שוין קיינמאָל מער נישט דורכשנײַדן די ים־וואסערן, צי אפשר נאָר איינער פון יענע מוטיקע קאפיטאנען, וואָס האָבן צוויי הונדערט פופציק טעג נאָכאנאנד פארטיידיקט סעוואסטאָפּאָל?

זײַנע טונקעלע אויגן האָבן געקוקט אויף מיר מיט א ווארעמער גוטסקײַט, און אויף זײַן אָפּגעברענט פנים האָט דער ים צעלייגט דעם שימער פון אָנגעלאָפענע כוואליעס.

— נו, ווי געפעלט אײַך דער שווארצער ים... אמת, א קראסאוויעץ?

ער איז נישט געשווומען, ווי איך, אויף אָפּרו קיין יאלטע. קרים איז געווען זײַן היים, און דער ים פון קינדווייז אָן זײַן גליק און זײַן גורל...

ס'האָבן שוין לאנג זיך געזילבערט זײַנע האָר. דער בליק איז געוואָרן טריב און שווער. אזא בליק איז בײַ יענע, וועמען די געשיכטע האָט איבערגעיאָגט; א שווערער בליק, וואָס זעט ווײַט, זעט מיט די אויגן פון זכרון.

... יוני 1941.

די צײַטונגען האָבן געשריבן:

"דײַטשישע פאנצער־איינהײַטן זענען פארדעטעריש אריבער די סאָוועטישע גרענעץ".

און זײַנע בליקן האָבן דערציילט פון א נאכט, ווען די לבנה האָט געטאנצט אין די קרוינען פון שלאנקע קיפאריסן און דער ים האָט שטיל געברומט. זיי האָבן דערציילט פון פארוויינטע מיידלשע אויגן, וואָס האָבן פיבערהאפט געפינקלט.

— איך וועל דיך שוין מער נישט זען!

ער האָט אָפּגעענטפערט:

— וואָס רעדסטו נארישקײַטן?..

און געקוקט אויף איר מיט גוטע, טרייסטנדיקע בליקן.

און דער ים האָט געברומט:

ס'ענדיקט זיך דאָס קורצע מעשהלע... מאָרגן וועלן פארליבטע זיך מער נישט קושן, נישט זינגען מער קיין לידער. שאָטנס וועלן זיך ארומדרייען, שטומע, אָן פארב, אָן קלאנג, ווי פארבליבענע פון עפּעס א געוועזענעם לעבן... מאָרגן, האָט געברומט דער ים, פארגעסנדיק אין גאָט... און ס'איז אין יענער נאכט, ווי א שטערן, געפאלן א גליענדיקע מיידלשע טרער.

און ס'איז געווען א ווײַטער שווײַגנדיקער הימל, מיט א לבנה, וואָס האָט געטאנצט אין די קרוינען פון קיפאריסן, מיט א פארוויינט מיידל און א יונגן מאטראָס, וועלכן זי האָט לאנג נישט ארויסגעלאָזט פון אירע אָרעמס...

די צײַטונגען האָבן געשריבן:

"אונדזערע טיילן האָבן צײַטווײַליק פארלאָזט..."

ער האָט נישט פארשטאנען קיין ווערטער. ער האָט נאָר געוווסט, אז עפּעס א פינצטערער כּוח איז איבערגעפאלן די וועלט, געוווסט, אז עפּעס קומט פאָר שרעקלעכס, און דעם "עפּעס" דארף מען זיך אנטקעגנשטעלן מיטן גאנצן ברען פונעם יונגן הארצן.

דערנאָך זענען געווען בלוטיקע שלאכטן, און דער ים האָט געווילדעוועט מיט צאָרן... געווען א היים, וואָס האָט זיך געראנגלט צווישן לעבן און טויט...

יעדער קאנט האָט זיך זײַן געשיכטע, יעדע היים אירע העלדן!

און מיר האָט זיך געדאכט, ווי די בליקן זײַנע, בליקן פון אן אלטן סאָלדאט מיט א ווארעם הארץ, רעדן צו מיר:

— גוט, ווען ס'וואָלטן מער קיין מלחמות נישט געווען אויף דער וועלט... ווען יונגע פרויען וואָלטן געוואָרן מאמעס, און נישט קיין פריצײַטיקע אלמנות...

און ארום אונדז האָבן לשונות און קלימאטן זיך געפלאָנטערט אין א פריידיקן געטומל.

* * *

נאָענט בײַם ברעג האָב איך פלוצעם דערזען די יונגע בלומען־פארקויפערין. זי איז געגאנגען א באָרוועסע איבערן נאסן זאמד, א פארטרויערטע. כוואליעס זענען אָנגעלאָפן, זיך איבערגעגאָסן אין טויזנטער בלישטשענדיקע בריזגן און ארומגענומען אירע פיס. ווײַסע מעוועס האָבן געלאכט, ס'האָט זיך אויסגעוויזן, ווי אין דער טיף פונעם ים פליִען פונקט אזעלכע סטײַעס, נאָר ווי שאָטנס טונקעלע.

עטלעכע שפאן ווײַטער איז איר נאָכגעגאנגען א ייִנגל, כמעט אין איר עלטער. דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזט, גלײַך ער וואָלט עפּעס געזוכט אונטער די אייגענע טריט.

זי האָט זיך צוגעזעצט אויף א שטיין, און ער נעבן איר. עטלעכע מינוט זענען זיי אזוי געזעסן אין טיפן שטילשווײַגן, פארכמורעטע, אָנגעברוגזטע. פלוצעם האָט ער עפּעס אָנגעשריבן מיטן פינגער אין זאמד. זי האָט געכאפּט א פלינקן באהאלטענעם קוק, נאָר די כוואליעס האָבן פארטראָגן דעם כתב. ער האָט נאָכאמאָל אָנגעשריבן, זי האָט אויף גיך איבערגעלייענט און זיך צעשמייכלט מיט איר זאפטיקן שמייכל. די אונטערגייענדיקע זון האָט אויך געשמייכלט און צעוואָרפן איבערן ים דאָס לעצטע גאָלד פון אירע שטראלן.

מיטאמאָל האָט זי זיך אָפּגעריסן פונעם אָרט און געלאָזט זיך לויפן. לויפן און לאכן, און דער שטורמישער ווינט האָט צעטראָגן איר געלעכטער. דאָס ייִנגל האָט זי נאָכגעלאָפן און דעריאָגט. זי האָט אויסגעשטרעקט צו אים א האנט מיט צארטע פינגער, וואָס מען זעט צומאָל אויף געמעלן פון בארימטע קינסטלער. און זיי זענען פרידלעכע געגאנגען, אָנגענומענע פאר די הענט, ווי קינדער.

גלאַדיאָלוסן ווײַסע, רויטע...

כ׳האָב זי צוגערופן, געשענקט איר מײַן בוקעט בלומען, און זיי האָבן געשימערט אין אירע הענט, ווי די ערשטע שטערן אויפן ווײַטן הימל.

איבערן אָפּענעם ים האבן זיך אין א וואנזיניקן פלי געטראָגן סטײַעס ווײַסע מעוועס. כ׳האָב זיי נאָכגעקוקט און געטראכט, אז זייערע שטארקע פליגל פארטראָגן זיי זיכער ווײַט־ווײַט, קאָן זײַן אפילו צו יענע מזרחדיקע ברעגעס... עך, ווען זיי וואָלטן דערטראָגן אהין דעם יונגן פריידיקן שמייכל פון צוויי פארליבטע, וואָס האָבן אזוי גיך און גליקלעך זיך איבערגעבעטן...

מײַן שכן האָט אויך נאָכגעקוקט דעם פלי פון די מעוועס. אפשר האָט ער דאָס זעלבע געטראכט...

* * *

די שיף איז אָפּגעשווומען און לאנגזאם זיך דערווײַטערט פונעם ברעג.

ביסלעכווײַז האָט אָנגעהויבן טונקל ווערן. דער מענטשן־רעש האָט גענומען אײַנדרימלען, געוואָרן שטילער, געדעמפּטער. יונגע פּאָרלעך, ווי סילועטן, האָבן געזוכט פאר זייער ליבע אן אָפּגעזונדערט, איינזאם אָרט.

דער ים האָט מיטאמאָל אויסגעלאָשן אלע זײַנע פארבן, דערמאָנט אן איבערגעקערטן הימל, באגאָסן מיט מאטן יונגן לבנה־שײַן, און איינציקע שטערן, ווי אָפּענע בלישטשענדיקע אויגן, האָבן באוועגלאָז געפינקלט. און ווײַט, גאנץ ווײַט האָט געשימערט א בלאסער, זילבערנער ליכט־שטרײַף.

מײַן שכן אָבער האָט נישט געקוקט אויף די שטערן. ער האָט געקוקט אין זײַן זכרון.

... מײַ 1945.

די צײַטונגען האָבן געשריבן:

״דאָס פאשיסטישע דײַטשלאנד האָט באדינגונגסלאָז קאפּיטולירט...״

בלוטיקע וועגן האָבן זיך געצויגן פונעם שווארצן ים ביז קיין בערלין. און מיט די זעלבע וועגן האָט ער זיך אומגעקערט אין זײַן היים.

קיפּאריסן האָבן געבליט. א לבנה האָט געטאנצט אין זייערע צווײַגן. נאָר קיין מיידל איז נישט געווען... וויפל זענען זיי עס העלדיש

אומגעקומען אויף די בלוטיקע מלחמה־וועגן! און, שטארבנדיק, געוואָרן אומשטערבלעך...

און דער ים האָט געברומט:
מאָרגן וועלן אנדערע זיך קושן אויף דעם אָרט. מאָרגן...
גלאדיאָלוסן ווײַסע, רויטע!
בלומען זענען שטענדיק א סימן פון פרידן.

פלוצעם האָט ער געוואָנדן צו מיר זײַנע גוטע, ווארעמע בליקן, און מיר האָט זיך געדאכט, אז ערווארט נאָך אלץ אויף מײַן ענטפער. ווארט אויף מײַן אנטציקונג מיט זײַן "קראסאוויעץ", דעם שווארצן ים, בײַ וועמענס ברעג ס'האָט פון דורות געלעבט זײַן קאראימישער שבט, געשריבן זײַן טערקיש לשון מיט ייִדישע אותיות... און איך האָב זיך געשעמט פאר אים מודה צו זײַן, אז צו מיר, א געבוירענעם אין די ברעג, דערגייט די שיינקײַט פונעם ים, דאָס געזאנג פון זײַנע כוואליעס, ווי קלאנגען פון א פרעמדער שפראך.

# נעכט

אין שטילער פארטראכטקייט האָט אן אויסגעלייטערטע לבנה־נאכט זיך פארשפרייט פאר מיין פענצטער.

שטערן האָבן אריינגעקוקט און איינציקווייז זיך געלאָשן, ווי אויסגעברענטע ליכט. און פארגליווערט זענען געלעגן ווייכע פאנטאסטישע שאָטנס.

די נאכט האָט איבערגעריסן מיין שלאָף.

און מיר האָט זיך געדאכט, אז די לבנה הענגט שוין לאנג איבער דער ערד. און אז די גאנצע וועלט, ביז צום ווייטסטן, פארוואָרפנסטן ווינקעלע, איז פארוויגט אין א קאלטער, אָפּגעלאָשענער בלויקייט.

ווי אלט איז די לבנה? ווי אלט זענען די שטערן?

איך האָב אזעלכע נעכט געזען אין מיין קינדהייט צווישן טונקעלע בערג און שטיינערדיקע ברעגעס. געזען אין מיין יגנט, ווען זיי האָבן, באהויכטע פון מילדן גאָלד, ווי אויסגעשפינט פון ליכט און שאָטן, אריינגעוועבט אין מיין חלום די איידלסטע פעדעם פון בענקשאפט און ליבע...

און מיינע געדאנקען האָבן לאנגזאם זיך גענומען מישן אויף צוריק.

* * *

... נעכט.

דרומדיקע זומער־נעכט פון שטילן פרידן.

איבערן טייך שוועבט א פייכטער דורכזיכטיקער נעפל, ווי א דין שפינגעוועב, רויכערט זיך, גלייך די וואסער־פלאך וואָלט געפרווווט זיך אָפּטיילן פון זיך אליין און זיך צונויפגיסן מיט דער לופט.

האסטיק אָטעמט די ברוסט מיט אן עקשנותדיקן אָפּגעריסענעם כריפען.

דאָס איז די צייט פון סאמע זיסן שלאָף ביים ווארעמען פלאקער

פון צעברענטע צווייַגן. און מידע פליטן־טרייַבער שלאָפן אויס אויף נאקעטע שטיינער זייער טיפן הפקרדיקן שלאָף.

נאָר אָט שווימט אפער פון אונטער די בערג א פולע, קופער־בלוטיקע לבנה, הילט איַין דעם בארג אין א שלייער פון טריבע פארבן, שפילט מיט בליקן פון פרידלעכער רו און גיט צו פליגלען די סאמע דרייסטע טרוימען...

שטייט אויף, אויסגעמאטערטע ספלאוווניקעס!

טרייַבט אָפּ פון זיך דעם זיסן שלאָף, איצט איז די בעסטע צייַט אויף אויסבינדן ספלאווועס!

שארן זיך שווערע, טעמפע טריט איבערן שטיינערדיקן ברעג און הילכן עלנט אָפּ אין דער נאכטיקער שטילקייַט.

— זעליק!

— ליפצע!

— סטאך!

ווישן מידע פליטן־טרייַבער אָפּ דעם שלאָף פון די אויגן און נעמען אין שטילן אומעט וואלגערן נאסע אָפּגעשיילטע ביימער, באגלייטנדיק יעדע באוועגונג מיט א טיפן פארקלעמטן אָטעם־צוג.

— העי... הא, העי... הא!

און ס׳דאכט זיך, ווי אין די ווייַטע בארג־שפאלטן לאכן שדים א ווילד געלעכטער און קרימען זיך נאָך געשפּענסטיק:

— הע... העי... הא... הא...

ערגעץ אין א פענצטער בליצט אויף א שייַן, ווי א ווייַסע, בלייכע האָפענונג. א ייִד איז אויפגעשטאנען צו חצות.

זייַנע פארהוילענע תּפילות זענען דורכגענומען פון א פּאָרכטיק פרום־צעצויגענעם גמרא־ניגון. זייַן קלאָג איז פארגאָסן מיט א הארב געוויין פון דורותדיקן צער, און דאָס הארץ איז גרייט צו גלייבן אין וווּנדער...

— העי... הא...

בינדן פליטן־טרייַבער ספלאווועס אויס, נעמען פאר א שותּף די לבנה.

ווייַל מען דארף אָפּכאפּן. דער זומער איז קורץ. רעגנס לויערן אין די בערג, ווי ווילדע חיות אויף זייער רויב. און די מורא פארן ווינטער איז גרויס.

— זעליק!

— ליפצע!

— סטאך!

פלאָנטערן זיך מידע ספלאוווניקעס, ווי פארקרימטע שאָטנס,

איבער געקילטע שטיינערדיקע ברעגעס, און איינציקווײַז לעשן זיך שטערן...

* * *

נעכט.

אין פריצישן הויף האָבן איינס נאָכן אנדערן זיך געלאָשן די גרויסע ווײַס־געקעסטלטע פענצטער, פארהאנגענע מיט טײַערן זײַד.

לאַקירטע בריטשקעס זענען זיך צעפאָרן, אויפגערודערט די נאכטיקע שטילקײַט, און דאָס געקאָוועטע פערדישע געלויף האָט אָפּגעהילכט ווײַט אין די בערג, גלײַך עמעצער וואָלט אין דער שטיל געזיפּט שטיינער.

אין יעדן אָפּפאָר איז פאראן עפּעס, וואָס איז ענלעך אויף אנטלויפן, אויף פארשווונדן ווערן.

און באראָן פאָן שטיפט איז געבליבן איינער אליין מיט זײַנע געדאנקען, מיט זײַן שטימונג.

אין קאָפּ האָט געררושט דער אלטער בורגונדישער ווײַן, ווי דער הייליקער קלאנג פון קלויסטער־גלעקער, און אין זײַן פארנעפּלטן, שיכּורן מוח האָבן געזאָטן די בלוטן פון אויפרעגונג, און ער האָט ווי געפירט א שמועס מיט זיך אליין:

— די ייִדן, אָט דער פרעמדער עלעמענט אויף אונדזער ערד, לויערן ווי חיות אויף מײַנע גיטער, מײַנע וועלדער און זעג־מילן... זיי בונטעווען די פויערים, וועלכע זיי וועלן דערנאָך פארוואנדלען אין קנעכט... זייער ציל איז באהערשן און הערשן...

ער האָט נאָך אלץ נישט געקאָנט זיך באַרויִקן נאָך די נאָרוואָס איבערגעלייענטע "פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון".

ערגעץ האָט א נאכט־פויגל זיך צעשריגן לאנג און צעצויגן.

וואָס פארשטייט א נאכט־פויגל אין שענדלעכע, אומזיניקע און געוויסנלאָזע פעלשונגען, אויפגעקומענע אין אלטן צארישן רוסלאנד?

וואָס פארשטייט א פויגל, וועלכער לעבט אליין אין פינצטערניש, פון פּאָגראָמען, פארפאָלגונגען און שחיטות?

באראָן פאָן שטיפט האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם אלטן ייִדישן בית־עלמין אין פּראָג, מיט נידעריקע, האלב־פארזונקענע מצבות. און צוועלף גרײַז־גרויע רבנים, "די זקני ציון" — פאָרשטייער פון די צוועלף שבטים, — אײַנגעהילטע אין לאנגע ווײַסע טליתים, גלײַך זיי וואָלטן גאָר נישט געפּלאנט קיין פארשווערונג קעגן דער גאנצער קריסטלעכער וועלט, נאָר אָפּגעריכט עפּעס א געהיימען ייִדישן ריטואַל.

— פערדאמטעס יודען־געזינדל!

אין הארצן האָט געברענט א ווילדע רציחה, און אין קאָפּ האָט געשווינדלט וואנזין...

ער האָט געמאכט א שפּאן פּאָרויס צו דער "איקאָנע", א זעלטן מײַסטערווערק פון איטאליענישן מיטלאלטער, ברייט זיך איבערגעצלמט מיט דער גאנצער פלאך פון דער רעכטער האנט און פרום פארגלאָצט די אויגן צום הייליקן בילד, פונקט ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל דערזען די נאקעטע צוגענאָגלטע פײַן־געשטאלט פונעם געקרייציקטן.

— ביזן סוף פון אלע צײַטן וועלן זיי טראָגן די שולד פארן פארגאָסענעם בלוט!

און נאָכאמאָל זיך איבערגעצלמט.

באראָן פאָן שטיפּט — אומבאגרענעצטער הערשער איבער בערג, טאָלן און מענטשלעכע שיקזאלן, שׂררה פון אלטן עסטרײַכישן אדל, האָט אין די יונגע יאָרן שטודירט טעאָלאָגיע אין א דײַטשישן אוניווערסיטעט... און אין די בירהאלעס און ווײַנקעלערס געכאָוועט אין שיכּרות און זנות זײַן שׂנאה צו ייִדן, געכאָוועט בײַנאנד מיט זײַן "שטאָלצן גערמאנישן גײַסט".

באראָן פאָן שטיפּט.

אָט באלד צוויי טויזנט יאָר, ווי דער צוגענאָגלטער אויפן צלם איז נישטאָ אויף דער וועלט. זײַן פאָלק איז אויך מיט טויזנטער יאָרן צוריק צעזייט געוואָרן איבער דער ערד, ווי שטויב... נאָר די שׂנאה, א צעבלאָזענע ווי פלאמען פײַער ערגעץ־ווען אין ווײַטע פינצטערע צײַטן, האָט נישט אויפגעהערט פלאקערן און געמאכט צו אש דאָס הייליקע געבאָט:

"ואהבת לרעך כמוך..."

בלוט־דורשטיקע טאָרקוועמאדאָס האָבן פארסמט די וועלט מיט צוגעטראכטע בלבולים, שמד־מגפות, און דורך פלאמען פון שײַטער־הויפנס האָבן, ווי געפלאצטע אָדערן, זיך געצויגן איבער יבשות און ימען בלוטיקע מארטירער־וועגן...

און דאָס אלץ אין נאָמען פון דעם "פארגאָסענעם בלוט".

און ייִדן, פארוואָגלטע און געטרודפטע, האָבן דור נאָך דור נישט אויפגעהערט אוועקצוגעבן דעם טויט די הייליקסטע קרבנות — די טײַערסטע זין און טעכטער, — כּדי אויסצוהאלטן, כּדי צו לעבן אין אייביקייטן...

וואָס ווייסט א נאכט־פויגל פון קידוש־השם!..

באראָן פאָן שטיפּט האָט נאָכאמאָל אויפגעהויבן די אויגן צום "הייליקן בילד", צום דריטן מאָל פרום זיך איבערגעצלמט. און די

אָפּגעפּאָרענע בריטשקעס האָבן צעפּירט איבער דערפער און פּאָלאָנינעס א שטרענגן באַפעל:

— פאַרפאָלגן און באַשטראָפן!..

ווער האָט נישט געקענט דעם באַראָנס שפּראַך... וועלכער יונגער ייִד, באַלאָדן מיט דורותדיקער איידלקייט, מיט א צעגליט האַרץ פון בענקשאַפט און ליבע, גרייט אויף מסירת־נפש פאַר זײַן רעכט אויף לעבן, האָט נישט געפילט אויף זיך די באַראָנישע בײַטש... און דורך פאַררינגלטע ייִדישע טירן מיט כשרע מזוזות איז אַרײַנגעדרונגען א שאַלנדיקער רוף, ווי א בליץ, וואָס שרײַבט אויף וואָלקן זײַן פאַרבאָרגענע שפּראַך... בײַ אַרײַנגעדרייטע לאָמפּן, באַהאַלטן פאַר שטעכיקע בליקן פון געהיים־אַגענטן, האָט מען אין די נעכט געוועבט א נײַעם חלום... און אײַנגעזאַפּט אין זיך דעם פּלי צו יענע הויכקײַטן, אין וועלכע ס'האָבן אַזוי נאָענט זיך פאַראייניקט טרוים און גלויבן, און דאָס פילן דעם פרילינג אפילו אין האַרבסט...

נעכט... פון לבנה־שײַן באַלויכטענע, מיט פלוצעמדיקע "אָבלאַוועס" און שעהנלאַנגע פאַרהערן אין די טרויעריק־באַרימטע סיגוראַנצע־קאַבינעטן.

— זשידאַן...

— יודע...

— באָלשעוויק...

ייִדישע מאַמעס מיט אָנגעזאַפּטן אומעט אין די אויגן האָבן אויסגעוויינט די נעכט און, דערשראָקענע, געוואָרפן צדקה אין די מאיר־בעל־נס־פּושקעס.

און ייִדישע טאַטעס האָבן אויסגעבונדן די באַראָנישע ספּלאַוועס, געפירט זיי איבער ברויזנדיקן וואַסערן און זיך געשראָקן פאַר פאַרוואָלקנטע הימלען...

* * *

א פולע לבנה האָט אַרײַנגעקוקט אין מײַן צימער, באַגאָסן עס מיט א זילבער־ווײַסן ליכט. און מיר האָט זיך געדאַכט, ווי פון די שטוב־ווינקלען שאַרן זיך אַרויס שאָטנס פון מײַן ווײַטער פאַרגאַנגענהייט. אַלטע ייִדן פון אַן אַלט פאַרמאַטערט פאָלק, צעשאָסענע בײַ די ברעגעס פון היימישע טײַכן, צעשאָסענע לויט באַפעלן פון באַראָן פאָן שטיפּט, און יונגע טרוימער פון א נײַער וועלט, אומגעקומענע אין די פלאַמען פון געטאָ־פײַערן... שאָטנס, באַהויכטע פון לבנה־שײַן — די געלע לאַטע פון מײַן זכרון...

# מידת הדין

ער האָט ניט געקענט שטאַרבן.

פֿײַערן האָבן מיט פֿלאַמיקע שפּיזן געבריט זײַן צעפֿליישט לײַב, געשטאָכן זײַנע גליִענדיקע ווונדן, גלײַך ווי ער וואָלט געלעגן אויף טויזנטער נאָדלען. ער האָט זיך געקאָרטשעט פֿון ווייטיקן, וועלכע זײַנען פֿיל שרעקלעכער געווען, ווי דער געגאַרטער טויט.

אָפּגעריסענע שטיקער פֿײַער האָבן געשפּאַרט פֿון אַלע זײַטן, זיך צעשאָטן אין גלײַיקע פֿונקען, געלייגט זיך אים צוקאָפּנס, צופֿוסנס.

ער האָט זיך געראַנגלט צווישן טויט און לעבן, צווישן חלום און וואָר. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ניט נאָר אַרום אים בושעוועט א פֿײַער־לאַווינע, נאָר אַז דער גאַנצער קאַלטער, האַרבסטיקער דרויסן איז פֿאַרכאַפּט פֿון אַ מעכטיקער שׂרפֿה און אירע פֿלאַמען צינדן אָן דעם גרויען נידעריקן הימל.

פֿון די פֿײַערן האָט פּלוצעם זיך אָפּגעשפּאָלטן אַ פֿרויען־געשטאַלט. ער זעט בולט די צאַרטקײַט פֿון איר קליין געשניצט פּנים, בלייך און דערשראָקן, אָן אַ טראָפּן בלוט. ער זעט די שוואַרצע אויפֿגעריסענע אויגן, אויך אָנגעגאָסענע מיט אַ צאַפּלדיקן שרעק.

ווו האָט ער זי באַגעגנט, אויף וועלכע וועגן?

די פֿרוי פֿלאַטערט אַרום זײַן לײַב, וויגט זיך אויף אַ פֿלאַמיקער קרײַקע. דאָס פֿײַער שלאָגט פֿון אירע האָר, פֿון אירע אויגן, פֿון דעם קליינעם מויל. און וואָס מער ער וויל זיך באַפֿרײַען פֿון אָט דער געשטאַלט, אַלץ עקשנותדיקער וויל זי ניט אָפּטרעטן.

ער איז געלעגן פֿאַרזונקען אין גרויסער היץ. זײַן צעשטערטער מוח האָט געפֿיבערט מיט די לעצטע שפּורן פֿון לעבן. און די יונגע פֿרוי האָט אַלץ געפֿלאַטערט אַרום אים און ניט געלאָזט אים שטאַרבן.

ווו האָט ער זי געזען?

מיטאַמאָל, ווי די סאַמע לעצטע רגע פֿאַרן טויט, האָט זיך צו אים

אומגעקערט דער זכרון. ער האָט אָבער שוין ניט געקאָנט טראכטן. ער האָט נאָר געקאָנט זען. און געזען האָט ער אן אויפבליץ פון בילדער. וויסטע בילדער. אים האָט פון דער זעונג עפּעס ווי געוואָרגן אין האלדז. די צונג האָט זיך געריסן פון דעם געזאלצענעם מויל. ער האָט געוואָלט שרײַען, שרײַען...

און די לופט איז אויך געוואָרן א צעשריגענע.

אזוי איז אָנגעגאנגען די אייביקע שפּיל, אין וועמענס האנדלונג ס'זײַנען צוויי פּערזאָנען: דער מענטש און דער גאָט...

* * *

...אין אן אלטן בית־מדרש א צונויפגעטריבענע מחנה ייִדן. צונויפגעטריבן פון כל־שארית־ישראל, צונויפגעדרענגט קאָפּ צו קאָפּ, מיט א טעמפּן גליווער פון צער און שרעק. מענער, פרויען און קינדער פלאָנטערן זיך אין א נעפּלדיק־פארהוילענער ענגקײַט, זוכן איינער דעם אנדערן און קענען ניט געפינען.

און ווען טאָג און נאכט האָט זיך צום שיידן באגעגנט, האָט פּלוצעם, ווי א מוראדיקע תקיעה, א שניט געטאָן איבער אלעמענס קעפּ א ווילד־צעקײַכטער גרוויליקער יאָמער־געשריי:

— ייִדן, מיר ברענען!

און באלד טאקע האָבן ברענענדיקע ווענט זיך צונויפגערוקט פון אלע פיר זײַטן, ענג געמאכט דעם אָטעם, געשטיקט מיט גיפטיקע רויכן, און הענג־לײַכטער האָבן זיך צעוויגט אין א פאַרכטיקן פּחד.

פארצווייפלטע געשרייען און יללות האָבן אינײנעם מיט די פײַערן זיך געריסן צו די פארנאכטיקע הימלען. און וואָס שטארקער ס'האָט זיך צעברענט דאָס בית־מדרש, אלץ פארשטיקטער זײַנען געוואָרן די קולות, ביז מענטשן מיט אויסגעזעצטע אויגן און אויסגעשטרעקטע ביינערדיקע הענט האָבן גענומען שפּרינגען פון די פענצטער.

בײַ דער זײַט אָבער זײַנען מיט אָנגעצילטע אויטאָמאטן געשטאנען די אונטערצינדער בראש מיטן עסעסאָוועץ קורט בראון.

קורט בראון...

נאָך זייער א יונגער, העל־בלאָנדער אָפיציר, מיט אויגן ווי בײַ וועלף, אין פּאַספּאָר אָנגעצונדן. ער טראָגט אן ענג־פארשנורעוועטן שווארצן מונדיר מיט א ברייטן האקנקרייץ־באנד אויפן אָרעם. ער פּאַכט גאווהדיק מיט א לעדערנער רײַט־בײַטש און באפעלט שיסן אויף יעדן, וואָס באוויײַזט ארויסשפּרינגען.

פּלוצעם דערזעט ער אין א שווארץ־צעעפנט פענצטער א יונגע

פרוי, ווי אײַנגעראַמט אין א טרויער־ראַם. זי שטייט אן אײַנגעהילטע אין א פײַער־שאָל און טוליעט צו דער ברוסט א קליין קינד. אזוי טוליען אלע מאַמעס פון דער וועלט זייערע קינדער אין אן עת־צרה. אויף איר צילט שוין דאָס אויג פון אן אויטאָמאַט. קורט בראַון אליין האלט זי אויפן ציל. עס שטאַרן שוין זײַנע רציחהדיקע חיהשע בליקן. ער דערהערט איר צעיאָמערטע שטים, אזוי צעיאָמערט, ווי א מענטש נאָר קאָן יאָמערן איין־איינציק מאָל אין לעבן. און איר געוויין קלינגט עלנט און פארלוירן אין דעם ווונדערלעכן ליכט פון זון־פארגאנג.

— שפרינג!

און בעת קורט בראַון האָט זי צוגערופן מיט א קרומען בליק פון אונטער זײַן פינצטערן שטערן־קנייטש מיטן קאַנטיקן קין־צייכן, האָט אין איר דאָס שוואַכע חיות פון אויסגענאָגטע וואָכן און חדשים א שטראַל געטאָן מיט האָפענונג. און זי איז געשפרונגען. און א סעריע פײַער־קוילן האָבן אין פלוג דורכגעלעכערט סײַ די מוטער, סײַ דאָס קינד.

זי איז געלעגן אין א ריטשקעלע בלוט. אונטער איר דאָס קינד. געלעגן צוזאַמענגעדרייט און קליין, ווי א צוגעקלאַפּטע צו דעם אָרט. און ס'האָט דער פארנאַכט זיך געקלאַמערט אין די לעצטע שטראַלנדיקע רגעס.

און דער אַלטער בית־מדרש האָט געפלאַקערט, ווי הונדערטער קנאַקנדיקע בײַטשן, און עס האָבן געברענט די הייליקע ספרים, וועמענס אותיות האָבן געוויינט פון צער, ווי דעמלט, ווען מען האָט מיט אײַזערנע קאַמען געקאַמט דאָס לײַב פון רבי עקיבא. און די פלאַמען האָבן ווי געשטיפט מיט דער לעשנדיקער שקיעה־רויטקײַט און אָנגעפילט די לופט מיט א טערפּקע ריח פון געסמאַליעטע לײַבער.

* * *

ער האָט ניט געקענט שטאַרבן, קורט בראַון.

ער, וואָס האָט זײַן וועג מיט בלוט און מענטשלעכע ביינער געפלאַסטערט, איז איצט געלעגן א שווער־פארוווּנדעטער, און אפילו דער טויט האָט ניט געוואָלט אים צונעמען, ניט געוואָלט אים באַפרײַען פון די גרימיקע ווייען.

אין דער טריבער איינזאַמקײַט האָט פלוצעם אויפגעלויכטן א פונק, דער לעצטער פונק אין זײַן לעבן. אים איז פארגעבן די זינד. א ווײַלע איז ער אפילו אין כעס געוואָרן אויף זיך פאַר אָט דעם געדאַנק, נאָר וואָס טיפער ס'איז געוואָרן די הוילקײַט ארום זײַן האַרץ, אַלץ מער

האָט דער פונק זיך צעברענט אין זײַן גליִענדיקן מוח, ביז ער האָט אנטשלאָסן און ווילד־צאָרנדיק אויסגערופן:

— א ייִדן ברענגט, א ייִדן!

דער דעזשורנער דאָקטער, א מאן, וואָס מאכט שוין דורך די צווייטע וועלט־מלחמה, האָט זיך ניט קעגנגעשטעלט דעם גוסס׳ לעצטן פארלאנג. און פונעם נאָענטן געטאָ, ווו טאָג־איין, טאָג־אויס האָט געבושעוועט דער טויט, האָט מען געבראכט א ייִדן, אן אײַנגעהויקערטן און אויסגעפלאָגטן. ער האָט קוים זיך געשלעפט איבער עפּעס א קאָרידאָר, און דער אָפּקלאנג פון די אייגענע טריט האָט אים געשראָקן.

פארן ייִדן האָט זיך געעפנט א ווײַסע שטרענג־געהיטע טיר, און מען האָט אים ארײַנגעלאָזט אין א ליכטיקער פאלאטע, ווו אלץ איז אויך פינקלענדיק־ווײַס געווען, און אייניעם מיטן שווערן ריח פון יאָדאָפאָרם האָט א פלייץ געטאָן א געדריקטע שטומקײַט, ווי א ווײַסער אָנגעטראָגענער נעפּל.

דער ייִד האָט דערזען אויף א בעט א גרויסן קלומיק, אײַנגעוויקלט אין ווײַסע באנדאזשן, באדעקטע מיט פאַרטריקנטע טונקל־רויטע פלעקן, וואָס האָבן אין דער ווײַסער פארשטומטקײַט א קלאפּ געטאָן מיט גסיסה־אנגסטן, און אים האָט זיך געדאכט, ווי די זון שײַנט ארײַן אויך מיט עפּעס א טויטער ווײַסקײַט.

דער ייִד האָט זיך דערנעענטערט.

זײַן לאנג, אָפּגעצערט פנים מיט די פארשפּיצטע, הארטע באקנביינער איז נאָך לענגער געוואָרן, און די פארהוילענע בליקן פון זײַנע קאליע־געראויטלטע אויגן האָבן א קוק געטאָן אויף דעם צעממיתטן גוסס.

דער קראנקער האָט דערפילט לעבן זיך דעם ייִדן.

פאמעלעך האָבן זײַנע אויגן־לעפלעך געעומען זיך פארשארן. די פארבאקענע ליפּן האָבן זיך פארקריִמט. זײַן הייסער אָטעם האָט א גלי געטאָן. און ניט זײַן מויל, נאָר ווי עפּעס אן אינעווייניקסטע שטים האָט א שלײַדער געטאָן די ווערטער:

— יודע, מיר איז שלעכט... העלף מיר שטארבן...

דערשטוינט און דערשראָקן איז דער ייִד געשטאנען. זײַן אָפּגעצויגן, פארשווארצט פנים האָט אויסגעדריקט פארלוירנקײַט. ער האָט געקוקט אין די בלויע אויגן, וואָס זײַנען בעטנדיק געווען צו אים געווענדט, און דער ייִד האָט דערזען אינעם שטאָלענעם גלאנץ דעם אָפּשײַן פון וועלפישער רציחה. און דער שטארבנדיקער האָט אין דעם פארשווארצטן ייִדישן פנים געזען אן אָפּגעלאָשענע האלאָוועשקע, אן אָפּגעשפּליטערטע פון פלאמען און שׂרפות.

דער ייִד האָט אויסגעהערט דעם גוסס׳ שוידערלעכע ווידוי. קיין וואָרט ניט דורכגעלאָזט, גלײַך ער וואָלט זיך געגרייט טראָגן די ווידוי אין אייגענעם זכרון ווײַט אין לעבן ארײַן...

— און איצט פארגיב מיר, יודע...

זײַנע רייד זײַנען געווען אָפּגעהאקט און כריפּענדיק שווער. די האלב־געעפנטע ליפּן האָבן הונגעריק געזויגן די לופט. און זײַנע פארנעפּלטע אויגן האָבן געבעטן פארגעבונג.

בלויז א ברוכטייל פון א סעקונדע האָט דער ייִד א טראכט געטאָן: מען טאָר ניט אָפּשטויסן א האנט, וואָס איז אויסגעשטרעקט נאָך הילף, און אין זײַן הארץ האָט אָנגעפלייצט א פרומע דערהויבנקייט. נאָר באלד טאקע האָט, ווי א בייז ווידערקול, זיך אָפּגערופן די נאָרוואָס געהערטע ווידוי, אים דערמאָנט, אז דאָרט, ווו עס האָבן די נעכט זיך געראנגלט מיט יונגע פארטאָגן און שאָטנס פון לעבן האָבן זיך געשארט צו באהאלטענע שווען, דאָרט האָבן די ווינטן גאָר ניט באוויזן צו צעבלאָזן דאָס אש פון די קדושים, די רעגנס האָבן דאָס בלוט נאָך ניט אָפּגעשווענקט, נאָך שרײַען די לעבעדיק־באגראָבענע פון אונטער די הייליקע קברים.

און דאָ: פארגיב!.. פארגיב!..

צוויי וואָגשאָלן האָבן זיך געוויגט פאר דעם ייִדנס אויגן. אויף איינער מידת הרחמים, אויף דער צווייטער מידת הדין. די וואָגשאָלן האָבן זיך געוויגט אָט אויף רעכטס, אָט אויף לינקס... און די מינוטן האָבן זיך געצויגן, ווי שעהן, ווי אייביקייטן.

— זאָג כאָטש א וואָרט, יודע...

דער ייִד האָט געשוויגן. און אין זײַן שווײַגן איז געווען דאָס געשריי פון דורות גערודפטע, אין נגישות און הריגות געפּײַניקטע.

דער ייִד האָט א לעצטן קוק געטאָן אויף דעם גוסס און אָן א וואָרט צו זאָגן פארלאָזט די פאלאטע...

* * *

דאָ ניט לאנג האָב איך געלייענט וועגן דעם אין א צײַטונג. און כאָטש ניט אלץ איז אזוי, ווי אין בלאט איז געשטאנען, איז אָבער דער עצם־הדבר דער זעלבער, וואָס אין יענער צײַטונג.

# צווישן קאָסעוו און קיטעוו

ווענן לויפן בארג־אראָפּ. ווענן קרייצן זיך, ווי מענטשלעכע לעבנס.
גרויע אספאלטירטע ווענן פלאָנטערן זיך צווישן אלטע ווייסע הייזלעך מיט גאניקלעך פון פאָרנט, און עפּעס א פארקלעמטע בענקשאפט קוקט ארויס פון די צארט־פארהאנגענע פענצטער, טרויעריק און פארטראכט.
... אָט שארט זיך מיט שטילע טריט א בחורל, ער טוט פאָרזיכטיק א קלאפּ אין א פענצטער, און אויפן גאניקל באווייזט זיך רחלע צי בריינעלע, מיט לאנגע צעלאָזטע צעפּ און א פייערדיקן אומרו אין קויל־שווארצע אויגן.
— וואָס איז אזוי שפּעט, אברהמעלע?
מיראזש... בלענדעניש...
זיי זענען שוין לאנג אויף דער וועלט נישטאָ, די אברהמלעך, מיט ווארעמע הערצער, וואָס האָבן, פארבלענדטע פון עפּעס א גרויסן סוד, אונטער שטעכיקע בליקן פון געהיים־אגענטן, זיך געצויגן צו א נייער וועלט... און מיידלעך שווארצחנעוודיקע האָבן אין די אָוונטן שטיל געבענקט און די פארבאָרגענע בענקשאפט אויף זייערע תּפילין־זעקלעך אויסגענייט.
בלייכע שאָטנס פון פארגאנגענע יאָרן!

* * *

איך גיי מיט דער „פּוילישער זייט" צווישן קאָסעוו און קיטעוו. כ'האָב זיך אומגעקערט אהער, ווי פארשפּעטיקטע ווינטן קערן זיך אום צו די שוועלן פון זייערע נישט־אויסגעלאָשענע היימען...
ס'איז זונטיק.
מענטשן גייען פונעם יריד, פריילעכע, טומלענדיקע, אנדערע

מענטשן אויף די זעלבע וועגן. עמעצער פארציט א הוצולישן ניגון, פאלש און פארפלאָנטערט. רופט ער זיך איבער מיט א זאָרגלאָז געלעכטער. און די בערג ענטפערן אָפּ:

— העי, העי... האָ, יאָ!...

ביי א קרייצוועג שטייט א ברונעם מיט א הילצערנער באנק און א הילצערנעם צלם. אויף דער באנק זיצט א בלינדער באנדוריסט. זיינע פארקרימטע, קנאָכיקע פינגער לויפן פלינק איבער די פילצאָליקע סטרונעס, און א טרויעריקער טרילער ציטערט אין דער לופט:

— העי, העי... האָ, יאָ!...

דעמלט איז אויך געווען זונטיק.

מאמעס, ווי געריררטע פון זינען, מיט קליינע דערשראָקענע קינדער אויף די הענט, זענען געלאָפן איבער די וועגן, און בלוטיקע שׂרפות האָבן באגלייט זייער געיעג...

די וועלדער האָבן טויב געדרישט, און א טיפע שרעק איז געווען באהאלטן אין זייער גרינער דעמערונג.

* * *

די זון פארקערעוועט אויף מערב.

רויטע שטראלן בלאָנדזשען איבער די וועגן. אין די פענצטער ברענט א בלוטיק פייער, און ווייט איבער בלוילעכן הימל שימערן באוועגלאָז, ווי גאָלדענע שפארבערס, שטאָלצע צלמים אויף בונטע סלאווישע קלויסטער־טורעמס און שפיגלען זיך אינעם קלאָרן טייך, וואָס קייקלט באַרג־אראָפּ זיינע ברויזנדיקע וואסערן.

ביים ברעג פונעם טייך וואקסן ווערבעס, אלטע געקאָרטשעטע ווערבעס. צווישן די ווערבעס זענען מאסן־קברים, מיט א טויטלעכן גלאנץ באדעקט, און צוקאָפּנס פון פריצייטיק־פארשניטענע לעבנס שטייט, ווי א ריזיקע מצבה, א שטיינערנער בארג, און ס'דאכט זיך, ווי באלויכטן פון אונטערגייענדיקע זונען־שטראלן, ברענען אויף אים צוויי פייערדיקע אותיות:

## פ״נ

און די וועלדער זינגען... זינגען מעכטיק, ווי אן אָרגאן, זייער פייערלעך און אייביק געזאנג:

— העי, העי... האָ, יאָ!...

* * *

ביסלעכווייַז ווערן די וועגן לײַדיק, און געמיטלעכע רויִקײַט פלאַטערט איבער זיי.

רויטע שטראַלן צינדן אָן די בערג־שפּיצן, ברענען זיי, ווי אײַנגעהילט אין פלאַמען. די בערג קייטלען זיך אין א טונקל־גרינעם, סודותפולן ‏שווײַגן, און ס׳ווייעט פון זיי אזא אומבארירטע בראשיתדיקע שיינקײַט, און ס׳קומען אויפן זכרון שורות פון א ליד:

צי בין איך דען שולדיק, וואָס ס׳גראַמט זיך
על־פּי־טעות "שיין" און "געוויין"?

אמאָל, מיט יאָרן צוריק, האָט דער "לעצטער אַפּאָסטאָל" איציק מאַנגער געוואַנדערט איבער די זעלבע וועגן, געטראָפן אונטערוועגס א גאָלדענעם ברונעם, מיט א גאָלדענער שײַן אין זײַן טיף־קלאָרן וואַסער. און ער האָט געטראָגן איבער די גרויע וועגן

דאָס ליכטיקע וואָרט אויף די ליפּן,
די גאָלדענע שײַן אין דער האַנט.

שוין לאַנג איז דאָס וואָרט פאַרשטומט, די שײַן אויסגעלאָשן, נאָר די מאַנגערישע בענקשאַפט איז געבליבן, און זי גייט מיר נאָך איבער די וועגן צווישן קאָסעוו און קיטעוו...

* * *

דער פאַרנאַכט לאָזט לאַנגזאַם זיך אראָפּ. ס׳ווערט אומהיימלעך שטיל. און דער וואַלד וויגט זײַן אייביקן רויש.

פון מײַן פריסטער קינדהײַט האָב איך ליב געהאַט דעם רויש פון וועלדער, דעם זײַדענעם שאָרך פון סאָסנעס. ליב געהאַט דעם ציטער פון פלאַצנדיקע קנאָספּן און דאָס שטילע, פאָרזיכטיקע פאַלן פון ווילדע צײַטיקע פרוכטן.

כ׳האָב נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט, אז די זעלבעביימער, די שטומע פרײַנד פון מײַן קינדהײַט, קאָנען דינען פאַר תּליות און זייער גערויש וועט אמאָל קלינגען אין מײַנע אויערן, ווי דאָס לעצטע געוויין פון א גאַנצן שבט אומגעבראַכטע ייִדן.

# בײַם פענצטער

פאַר מײַן פענצטער אויף מזרח־זײַט הענגט א שטיק פארכמארעטער הימל. אין זײַן טיפקײַט נישטערן בליצן, און נעענטער צו מערב פלאַמט א רויטע אָנגעגליטע זון.

קעגנאיבער, אויף די ווענט פון די שכנישע בלאָק־הײַזער, קומט פאָר א זעלטענע שפיל פון ליכט און שאָטן. בלייכע פארנאכטיקע זון־שטראַלן שמייכלען אויף די פאסאדן און צינדן אָן די שויבן אין הונדערטער פענצטער.

רויטע,

געלע,

בלויע פײַערלעך, פארשיידענע, ווי דער מענטשלעכער גורל.

און איבער די גאסן ווימלט דאָס פאָלק אין בונטער קליידונג, ווי א שטראָם פון צעבליטע בלומען, געטריבענע פון עפּעס א האסטיקער ענערגיע. די טראָטוארן לויפן אונטער זייערע טריט, ווי א גליקלעכע צוקונפט. און אין זייער טומל זינגט דאָס ליד פון לעבן.

א נײַע שטאָט!

הויכע, פילשטאָקיקע הײַזער, באדעקטע אין א ווארעם־גרוילעכער ווײַסקײַט, הייבן זיך ארויס פון צווישן אלטע, גרויע קווארטאלן, וואָס טוליען זיך אין ענגשאפט. די הײַזער זעען אויס לײַכטע, מיט א פארדריסנקײַט פון עפּעס א געהיימניספולן כּוח, און לײַכטן אין א בלאָנקענדיקער ריינקײַט, גלײַך אין זיי וואָלטן געשימערט אומזעבארע פלאמען.

און בײַ די ראנדן ציִען זיך שמאָלע גאסן, ארומגעגארטלטע מיט געפלאסטערטע וועגן, וואָס קומען, ווי לויפנדיקע ספּיראלן, פון ווײַטע דרעמלענדיקע פעלדער און ווערן פארפאלן צווישן אלטמאָדישע מויערן פון אמאָליקע צײַטן.

די שטאָט פון מײַן יוגנט...

ווי אויסגעלעבטע לעבנס, פאַרשווינדט זי ביסלעכווײַז.
געווען — פאַרשוווּנדן!
באַגריפן, ענג געקניפּטע אינעם גאַנג פון דער אייביקייט...
איך זע דורך מײַן פענצטער, ווי גאַנצע גאַסן ווערן אָפּגעטראָגן. ווי עס קרישלען זיך און פאַלן אַלטע ווענט, אָנגעשפּיקעוועטע מיט סודות פון ווײַטע פרעמדע לעבנס. איך לעב איבער די לעצטע טעג פון זייער קיום. און כאַטש איך פאַרנעם די פרייד פון נײַער בויונג — די לוסטיקע כוואַליע פון אַרבעט, — ווערט מיר אומעטיק פון דער נישט־אייביקייט פון מענטשלעכן שאַפן.

* * *

איך שטיי בײַם אָפענעם פענצטער, און פאַר מיר שפּרייטן זיך סילועטן פון דער אַלטער שטאָט מיט אירע שטילע זײַטיקע געסלעך און צעצווײַגטע לינדנביימער, און ס׳יאָגט אַ ריח פון פאַלנדיקע בלעטער — דער טרויעריקער ריח פון האַרבסט.
איך זע, ווי גאַסן ווערן אָפּגעטראָגן, נײַע קומען אויף. אין הונדערטער פענצטער בליצן אויף פּײַערלעך, פאַרשידענע, ווי דער מענטשלעכער גורל. אין די הויפן שפּילן קינדער, און זייער פרייד שנײַדן דורך די סירענע־סיגנאַלן פון ״גיכער הילף״...
אָט ווערט נאָך אַ הויז אָפּגעטראָגן, אַן אַלט אָפּגעלעבט הויז.
אַ טייל דערפון שטייט נאָך, ווי מיט אַ האַק איבערגעשפּאָלטן. געפאַרבטע ווענט פון געוועזענע צימערן שטאַרצן אַרויס, און אַ טיר הענגט פאַרטשעפּעט אויף אַ האָקן.
אין אָט דער טיר האָב איך אָפּטמאָל אָנגעקלאַפּט.
מיך האָט באַגעגנט אַ ליכטיק־פאַרליבטער שמייכל, און מיידלשע הענט האָבן מיט וואַרעמקייט זיך געוויקלט אַרום מײַן האַלדז.
אינמיטן שטוב איז געשטאַנען אַ קלאַוויר, און די זעלבע הענט זענען פלינק געלאָפן איבער די קלאַווישן, און ס׳האָבן געשוועבט טרויעריק־פאַרטראַכטע אַקאָרדן, וואָס האָבן געזונגען און געוויינט, און ס׳האָט אויסגעזען, ווי די נשמה פון דער שפּילערין, אַרומגענומען פון אַ טיפער בענקשאַפט, וויינט אַרויס פון דעם מעלאָדישן שוברט־ראָמאַנס.
איך קוק אויף דעם אײַנגעפאַלענעם הויז, און מיט זיסן ווייטיק זוך איך די שוועל, וועלכע איך בין נישט איינמאָל אַריבערגעטראָטן. נאָר קיין שוועל איז מער נישטאָ. די אָפּגעריסענע טיר פירט מער אין ערגעץ נישט, און מיר ווײַזט זיך אויס, ווי ערגעץ פון דער סאַמע טיף דערגייט

צו מיר אזא גוט באַקאַנטע שטים:

— איך בין א טייל פון דיר... לעב אין דײַן הארצן... כאָטש האָסט נישט איינמאָל געפרווּווט מיך פארגעסן... פארוואָס האָסטו זיך אָפּגעזאָגט פון מײַן ליבע... איך בין דאָך גרייט געווען גיין מיט דיר... טיילן דעם גאַנצן טרויער פון דײַנע וואָגלענישן...

אין א לבנה־נאכט, אין סאַנע בלי פון פײַערדיקער לײַדנשאפט האָב איך זיך געזעגנט מיט דעם הויז.

— דו פאָרסט אויף לאַנג?

זי האָט געפרעגט כמעט קלאַנגלאָז מיט די הוילע ליפּן און אראָפּגעלאָזט איבער די אויגן אירע לאַנגע וויִעס. די לבנה־בליקן האָבן געבלאַנדזשעט איבער איר בלייך געוואָרענעם פנים, און קיינמאָל איז זי נישט געווען אזוי שיין, ווי אין יענער לבנהדיקער זומער־נאכט.

קוק איך לאַנג אין די אויסגעהאַקטע פענצטער, און אין דער גלעזערנער טונקלקײַט טויכט אויף א פארשווונדענער שימער. עס טוט א קלאַפּ עפּעס א ווארעמער שטראָם פון זיסע דערמאָנונגען, און שאָטנס וויגן זיך אויף די קרישלענדיקע ווענט און שפּינען דעם צער פון לעצטן "זײַ געזונט", וואָס האָט אויף שטענדיק זיך אײַנגעשריבן אינעם בלייכן לבנה־שײַן.

פון צענדליקער פענצטער קוקט מען גלײַכגילטיק ארויס צו דעם אײַנגעפאלענעם הויז. פון מײַן פענצטער אָבער זעט עס אויס ווי א פארשטומט, נישט אויסגעשפּילט ליד — די פּאָעמע פון מײַן נישט דערליבטער ליבע...

* * *

גאָט מײַנער! וואָס קומט א מענטשן נישט אויפן זכרון, ווען ער שטייט בײַם אָפענעם פענצטער, מיטן פנים צו דער אלטער, אָפּגעלעבטער שטאָט.

# הארבסט

דרײַסיק יאָר האָב איך פון איר גאָרנישט נישט געוווּסט, ביסלעכווײַז אָנגעהויבן זי פארגעסן, די ווײַטע פארגאנגענהײַט האָט אויפגעהערט זיך טוליען צו פארנעפּלטע נעכטנס, כאָטש אין מײַנע חלומות האָט אָפּט, ווי א פונק, אויפגעפלאמט איר געשטאלט, א שטראל געטאָן און פארלאָשן געוואָרן...

און אָט קלינג איך אין טיר.

איך ווארט, מיר זאָל עפענען א יונג, שווארצחנעוודיק מיידל מיט א ליכטיקן שמייכל אויפן פנים און א טיפן בלוילעכן שימער אין די גרויסע טונקעלע אויגן.

נאָר וויפל האָב איך עס געווארט... א מינוט, צוויי — א גאנצע אייביקײַט?

א שארף־פארקלעמטער אומרו האָט באהערשט מײַן געמיט, און פאר די אויגן האָט א בלענד געטאָן מיט יונגע זוניקע טעג, ארײַנגעוועבטע אין מײַן לעבן, ווי גאָלדענע פעדעם.

יונגע, זוניקע טעג...

און א צײַט איז געווען א דערשראָקענע, אומרויִקע. דער מלחמה־קאָשמאר האָט דערגרייכט צו די ברעגעס פון דער וואָלגע און איבער מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס געזייט טויט און פארוויסטונג.

מיר האָבן זיך באגעגנט אין א שטאָט אויפן ווײַטן אוראל, וווּהין דער גורל האָט אונדז ביידן פארטראָגן — מיר פון דרום, זי פון צפון.

אונדז האָט צונויפגעפירט א קונסטבילד, אויסגעשטעלט אין א וויטרינע.

א פּייזאזש, געמאָלן אין טונקעלע אומעטיקע פארבן, האָט אויפן פאָדערשטן פלאן ברייט אנטוויקלט א פארגליווערטן סטעפּ, באדעקט מיט הויכן בוריאן, איבער וועלכן ס'זענען געהאנגען שווערע, כמורנע וואָלקנס, און אין דער סאמע טיף א בערגל ליים, ווי א פארלאָזטער

קבר. דער סטעפּ האָט געשוויגן שטרענג און טרויעריק, און ס'האָט זיך געדאכט, אַז נאָר דער ווינט לעבט און יאָגט איבערן סטעפּ א פאַרשטיקט געוויין.

כ'האָב זיך אָנגעשלאָגן אינעם ווייכן גלאַנץ פון אירע גרויסע שווארצע אויגן, וואָס האָבן געבלאָנדזשעט איבערן בילד, און אַן ערנסטע פאַרטראַכטקייט האָט עטוואָס פאַרצויגן אירע פולבלעכע ליפּן.

— אײַך געפעלט אזא מאָלערײַ?

מיר זענען געווען יונג, און דאָס פאַרוואָגלטע לעבן, ווי אַן איבערגעריסענער חלום, האָט נישט געוואָלט זען קיין וואָלקנס איבער זיך...

דערצו נאָך איז געשטאַנען א שטילער זומערדיקער פאַרנאַכט, אַזא רויִקער, ווי אַלץ ארום וואָלט פאַרזונקען געווען אין א פרידלעכן דרימל. די זון האָט געהאַלטן בײַם אונטערגיין, און שטיקלעך צעריסענע בלוט־רויטע כמארעלעך, שפּורן פון אירע לעצטע קושן, האָבן געברענט איבערן הימל. דער מערב האָט לאַנגזאַם זיך געלאָשן, און נאָר די צוגעפאַלענע דעמערונג האָט אויסגעזען, גלײַך די נאַטור וואָלט אָנגעטאָן א שווארצן שלייער אין צייכן פון טרויער.

זי האָט געשטאַמט פון לענינגראַד, לײַדנשאַפטלעך געבענקט נאָך איר היים, וואָס האָט, א פאַרשמאַכטע און אויסגעהונגערטע, נאָר אין אומבויגזאַמע און שטאָלצע, העלדיש זיך פאַרטיידיקט; געבענקט נאָך דער קונסט־אַקאַדעמיע, וועלכע זי האָט געמוזט פאַרלאָזן, זײַענדיק אויפן לעצטן קורס. איר אויסזען, צאַרט און טונקלהויטיק, ווי אויסגעגאָסן פון קופּער, האָט גיכער דערמאָנט אין מזרחדיקער עקזאָטיק, איידער אין קילער נאָרדישער געמיטלעכקײַט. אירע באַוועגונגען זענען געווען לײַכט און עלאַסטיש, איר גאַנץ וועזן — ווי א דערשטיקטער עכאָ פון ווײַטע פרידלעכע טעג...

דער זשאַווער פונעם שווערן וואָכעדיקן מלחמה־לעבן האָט מיט גאָרנישט נישט אָנגערירט איר נשמה. פאַרקערט, זי האָט מיט אייפער פאַרגעזעצט שטודירן קונסט און מאָלערײַ. געווען, ווי א קינד, פאַרליבט אין וואַן־גאָגן און כמעט מיט א הייליקער באַגײַסטערונג גערעדט וועגן שאַגאַלן. דערבײַ האָט, ווי דער שימער פון שטערן, געברענט א ליכטיק פײַערל אין אירע גרויסע שווארצע אויגן.

מיר האָבן אָפט פאַרבראַכט די אָוונטן, שפּאַצירנדיק איבער שטילע, לײדיק־געוואָרענע גאַסן. צומאָל אַזוי לאַנג, ביז די פענצטער אין די אויבערשטע עטאַזשן האָבן אָנגעהויבן בלוי ווערן און אין די דרימלענדיקע בעריאָזקעס האָט געזונגען דער קאַיאַר.

זי האָט אַנטפּלעקט פאַר מיר א וועלט, וועלכע איז געווען

פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. איך האָב אָנגעהויבן באַנעמען די האַרמאָניע פון ליניעס און דעם צויבער פון פאַרבן. בילדער האָבן גענומען רעדן צו מיר אויף אַ שפּראַך, וועלכע איך האָב ביז דעמלט נישט פאַרשטאַנען.

אויך אין פּאָעזיע איז זי געווען לײַדנשאַפטלעך פאַרליבט און מיט אַן אינערלעכער וואַרעמקײַט געלייענט גאַנצע ווערק אויף אויסנווייניק. איר שטימע איז געפלאָסן לײַכט און פרײַ, מיט יענער באַשיידענער צוריקגעהאַלטנקײַט, וועלכע פאַרהיימען די טיפקײַט פון אייגענע געפילן, וואָס האָבן סײַוווי, גלײַך אַ פלאַם, אַליין זיך דורכגעריסן און פאַרברענט מיט איר ליבע.

אין איר האָט געלעבט די פאַנטאַזיע פון אַ קינסטלער און דער טרוים פון אַ פּאָעט!

צומאָל האָבן מיר זיך געביטן מיט די ראָלן, און איך האָב איר געלייענט אויף יידיש, אַ שפּראַך, וואָס זי האָט מער געפילט, ווי פאַרשטאַנען. זי האָט געהאָרכט מיט אַ זעלטענער אויפמערקזאַמקײַט, און מיר האָט זיך געדאַכט, ווי די ווערטער, וואָס רײַסן זיך אַרויס פון מײַן זכּרון, קלינגען נישט פאַראיינזאַמט, נאָר חזרן זיך איבער מיט טויזנטער קולות, דרינגען אַרײַן טיף אין איר נשמה, ווי אַ פאַרכּישופטער עכאָ.

און וואָס איז געווען פאַרויס — ווער האָט געקאָנט זאָגן?

אונדז האָבן באַגלייט נאָר דערינערונגען פון אַ יונגער קורצער פאַרגאַנגענהײַט, וואָס איז געבליבן ערגעץ־ווו אין ווײַטע, פאַרוויסטע היימען.

דערווײַל זענען טעג, פול מיט בלוטיקער גבורה, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין חדשים. און אין איינעם אַזאַ טאָג האָב איך געמוזט פאַרלאָזן דעם אוראַל; מיך האָבן גערופן אַנדערע ווײַטן...

בײַם געזעגענען האָט זי מיר געשענקט אַ קליין בילדל, אַ רעפּראָדוקציע פון יענעם איילבילד אין וויטרינע, און אויף דער אַנדערער זײַט צוגעשריבן:

„ס'איז אַזוי שווער צו געפינען איצט עפּעס בעסערס... אפשר וועל איך נאָך האָבן אַ געלעגנהײַט שפּעטער, אויב מיר וועלן זיך טרעפן...”

איך האָב געקוקט אויף דעם כּמורע בילדל, דעם אָנהייב פון אונדזערע ליכטיקע טעג, און איבערגעלעבט עפּעס מער, ווי בלויזע פּײַן פון ביטערער צעשיידונג. מיר האָט זיך געוואָלט איר זאָגן אַ פּאָר אויפריכטיקע, האַרציקע ווערטער, וועלכע זענען נישט איינמאָל געווען גרייט זיך אָפּצורײַסן פון די ליפּן און וועלכע איך האָב קיינמאָל נישט אַרויסגעבראַכט און אויך איצט פאַרשוויגן. מיט אַ געפּעלשטער רויִקײַט

געדריקט איר האנט און געפילט די פולסירנדיקע ווארעמקייט פון אירע בליקן.

און וועגן וואָס איז געווען צו רעדן?

אונדזערע וועגן זענען זיך צעגאנגען, און ווער ווייסט אויף ווי לאנג. אונדזער ליבע, אויב זי איז געווען, האָט געהאט דעם אויסזען, גלײַך מיר וואָלטן, ווי קינדער, זיך געשפּילט אין באהעלטעניש. אויסבאהאלטן זיך אזוי, אז דערנאָך מער נישט געפונען...

ס'האָט מיטאמאָל זיך איבערגעריסן מײַן יונגער, ריינער טרוים, וואָס האָט אזוי קורץ געדויערט. איך בין געבליבן אליין מיט מײַן חלום און מיט מײַן וואָר און נישט געוווּסט, אז דאָס איז אויף לאנג, כּמעט אויף א גאנץ לעבן...

* * *

און אָט האָב איך אריבערגעשפּאנט די שוועל פון איר וווינונג.

מיך האָט באגעגנט א פרוי, וועמענס אויסזען האָט מיט גאָרנישט נישט דערמאָנט יענע צארטע מיידלשע געשטאלט, וואָס האָט געלעבט אין מײַן זכרון. איר פּנים האָט אָנגעוווירן די קופּערנע ברוינהויטיקייט, באקומען דעם קאָליר פון מאטן העלפאנדביין; די האָר האָבן זיך געזילבערט מיט א בלוילעכער שאטירונג, אפשר נאָר די אויגן האָבן אָפּגעהיט דעם אמאָליקן ליכטיקן שימער.

צי דען טאקע זי?

א בלייכער שמייכל, ווי א שאָטן, האָט א ריר געטאָן איר פּנים.

— פונוואנען?

דאָס קול האָט געציטערט. ס'איז געווען איר קול, צארט און פארהוילן, און די אויגן, עטוואָס פארוואָלקנטע, האָבן אויסגעדריקט פארלוירנקייט.

מיך האָט נישט געוווּנדערט, וואָס זי וווינט איינע אליין, גלײַך זי וואָלט די אלע יאָרן געוואַרט אויף מײַן קומען, אויך נישט דאָס, וואָס זי איז פּראָפעסאָר פון קונסט־געשיכטע; ווי דען אנדערש האָט געקאָנט זײַן? איך האָב געקוקט אויף איר און, ווי אין א שפּיגל, געזען די לעצטע פרייד פון מײַן ווײַטער יוגנט. און אויף יענער זײַט פענצטער האָט א הארבסטיקער אָוונט צעגאָסן אויף די שויבן שווארצע טרערן, א קאלטער ווינט האָט געוויגט אָפּגעלעבטע, נאקעטע צווײַגן, און דיביימער האָבן אומעטיק געקרעכצט, גלײַך עמעצער איז געקומען מיט טענות צו א ווײַטן, אומגערעכטן גאָט...

# שאָטנס

דער טאָג איז אויסגעפאלן א זעלטן לויטערער, גלײַך ווי לענינגראד וואָלט, ווי א פאַרהאנג, צערוקט אויף א ווײַלע איר אייביקן שפעט־הארבסטיקן טומאן.

איבער פילצאָליקע דענקמעלער, ווי פארשטיינערטע געשיכטע, איבער קלויסטער־טורעמס, דער אָנשפאר און שימער פון פארנעפלטע צײַטן, איבער הארמאָניש־צעשטעלטע פאלאצן און סקווערן האָט, ווי א זײַדענער געוועב, זיך אויסגעשפרייט א העל־בלויער הימל. ברייטע גאסן, פארשלייערט אין א לײַכטן זוניקן נעפל, האָבן געאָטעמט מיט א באזונדערער פרישקײַט און פול געווען מיט שטאָטישע קלאנגען, גלײַך פון די קלויסטערס וואָלטן מעשענע גלעקער גערופן צום מאָרגנגעבעט, און די זון, ווי א מילדע הערשערין, האָט צעוואָרפן איבערן הארבסט דאָס גאָלד פון אירע לעצטע שטראלן.

פײַערלעך און שטאָלץ איז דער ווינטער־פאלאץ געשטאנען אין זײַן בלויער הימלישער פראכט און אויסגעזען אזוי דורכזיכטיק לײַכט, גלײַך ער וואָלט געשוועבט אינדערלופטן. פון אנטקעגן האָט אריבערגעקוקט צו אים די טרויעריק־בארימטע פעטער־פאוועל־פעסטונג, און איר שארף־פארשפיצטער קופאָל האָט, ווי א גאָלדענע שווערד, געפינקלט אין זײַנע שויבן, און צווישןביידן האָט די נעווא, דער טײַך פון לעגענדע און הערויִזם, ווי א טונקעלן פלאם, געטראָגן אירע וואסערן.

און א מאָדנע שטימונג האָט באהערשט דאָס געמיט, געמאכט פארגעסן די ווירקלעכקײַט מיט אירע געוווינטע אטריבוטן, ווי פאבריקן, מאגאזינען און מעטראָפּאָליטען, פארפירט אויף אנדערע וועגן, און ס׳האָט זיך געדאכט, ווי די וועגן לויפן אויף צוריק, אין דער טיף פון דורות...

איך האָב דורכגעקוועטשט דעם דוואָרצאָווי פלאץ און פארבויגן אין „ערמיטאזש", די בארימטע גאלעריִע פון קונסט און מאָלערײַ. בײַ זײַנע

טרעפּ האָט מען פּאַרקויפט רעפּראָדוקציעס פון באַוווּסטע קונסטבילדער, ביליקע סוווענירן, וועלכע טוריסטן האָבן אָוועקגעפירט מיט זיך, מיינענדיק, אַז אַזויאַרום וועלן די אויפגעוואַכטע דערינערונגען כאַטש אויף אַ ווײַלע אומקערן יענע נישט־פאַרגעסענע לענינגראַדער טעג.

די גערוימע זאַלן פונעם ווינטער־פּאַלאַץ, אַ מין דינער געוועב פון די צאַרטסטע קאָלירן און טײַערן גינגאָלד, וועמענס שיינקײַט דער אויטאָר איז נישט בכּוח צו באַשרײַבן, אַ סימפּאָניע פון ליכט און פאַרבן, האָבן געווייעט נישט בלויז מיט פּראַכט, נאָר אויך מיט געשיכטע און יאָרנלאַנגער דעספּאָטישער הערשאַפט, מיט אויפשטאַנדן און רעוואָלוציע...

די אויסגעשטעלטע מאָלערײַען, אַ וועלט פון פאַרבן, קלאַנגען און אַראָמאַטן, אַ זאַמלונג פון צײַטן און לענדער, פאַרשידנאַרטיק לויט זייער קראַפט און טעמפּעראַמענט, האָבן באַגײַסטערט מיט זייער טיפער ליבע צום לעבן, צום מענטשן. און נאָר אין די אַבסטראַקטע פאָרמען פון דער מאָדערנער, הײַנטצײַטיקער קונסט מיט איר קאָמפּליצירטן איבערגוס פון פאַרבן און ליניעס, מיט איר אייגנאַרטיקער מוזיק האָב איך שווער באַנומען דעם סוד און זין פון איר שיינקײַט.

פּלוצעם האָבן פאַר די אויגן זיך באַוויזן געשטאַלטן פון חומש. זיי זײַנען, ווי לעבעדיקע, מיר אַקעגנגעגאַנגען, אײַנגעהילט אין העלער אַלטערטימלעכער קליידונג, ווי הייליקע, גלײַך ס׳וואָלט אַ ספר־תּורה זיך צעוויקלט און אָנשטאָט שוואַרצע, פאַרציקטע אותיות האָבן געברענט בלוט־רויטע פאַרבן, אײַנגעפאַסט אין טײַערן גאָלד.

איך האָב געבלאָנדזשעט איבער די סדרות פון בּראשית, איבער די ווײַטע ווינטערדיקע חדר־נעכט, די פאַרכּישופטע שאָטנס פון מײַן קינדהײַט.

איך בין געשטאַנען בײַם באַשאַפן די וועלט און בײַם פאַרניכטן סדום. כ׳האָב געהערט וויינען הבל אומשולדיק־פאַרגאָסן בלוט און געזען יצחקן אַ געבונדענעם אויפן מזבח פון בלינדער אונטערטעניקײַט... געזען די שאָטנס פון טויט אין זײַנע אויגן, ווען די לעצטע רגע איז געהאַנגען אויפן שאַרף פונעם חלף.

אונטערן געשפּאָלטענעם הימל האָבן זיך געריכערט שווערע וואָלקנס, און אַ קול האָט געשאַלט, ווי אַן עכאָ אין די בערג:

— והרבה ארבה את זרעך ככוחבי השמים...

און דאָס איז נישט געוווען טויט, נאָר דער אָנזאָג פון געבורט...

פאַרגאַפטע אויגן, פול מיט יונגן לעבעדיקן ברען, האָבן געקוקט

אויפֿן וויַיטן הימל, גלײַך זיי וואָלטן נישט געקאָנט זיך אָפּרײַסן פֿון עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכער וויזיע.

וואָס האָבן זיי געזען אין זײַן טיפֿקײַט?

אפֿשר דעם אָנגעצייכנטן, דורותלאַנגן וועג פֿון בלוט און פֿײַער, מיט רדיפֿות און קרייץ־צוגן, מיט אינקוויזיציעס, גאַזקאַמערן און אויסגעברענטע צייכנס אויפֿן לײַב... מיט שטאַרבן אויף קידוש־השם און אויפֿשטיין תּחית־המתים?..

און ס'האָט געבליצט אין זײַנע אויגן דער ווידערשײַן פֿון שׂרפֿות און די בענקשאַפֿט פֿון טויזנטיאָריקע וואַנדערונגען איבער מדבריות. מלאָכים האָבן געשוועבט אונטערן געשפּאָלטענעם הימל, געוויינט און אויסגעלאָשן מיט זייערע טרערן דעם פֿלאַמיקן ברען.

אויך אין יעקבס אויגן, שווערע פֿון אַלטקײַט, רײַכע מיט דערפֿאַרונגען און חכמה, האָט געפֿיבערט אַ פֿאַרזאָרגטע אומרויִקײַט. ער האָט געגרייט זיך אַוועקגיין אַהין, פֿונוואַנען מען קומט קיינמאָל נישט צוריק, און זײַן פּנים איז געווען ערנסט און פֿאַרטראַכט.

קאָן זײַן, אַז אין די לעצטע מינוטן פֿון לעבן האָט אים געקוקט דער מוראַדיקער גורל פֿון אַ פֿאָלק, וואָס דאַרף קומען נאָך אים. קאָן זײַן, ס'האָבן אים געפֿײַניקט די ליידן פֿון זײַנע אוראייניקלעך, מיט צעבראָכענע גלידער און דערשטיקטע אָטעמס... און אפֿשר האָבן די אַלטע, טריבע אויגן געזען באַבי־יאַר, טרעבלינקע... צי גאָר די גבֿורה פֿונעם אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ?..

איך האָב לאַנג נישט געקאָנט זיך אָפּרײַסן פֿון דעם בילד. אין האַרצן האָט גענאָגט אַ פֿאַרקלעמטער ווייטיק, און ס'איז גאָרנישט נישט געבליבן אַרום מיר, אויסער דעם אַלטנס פּנים, צעאַקערט פֿון טיפֿע קאַרבן, אויסער די טרויעריק־פֿאַרזאָרגטע אויגן.

זײַנע הענט האָבן געציטערט, בעת ער האָט זיי געקרייצט איבער די קעפּ פֿון יוספֿס קינדער, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די זעלבע הענט האָב איך נאָרוואָס געזען אויף רעמבראַנדטס אַ באַרימט בילד, די זעלבע וואַרעמע, פֿאָטערלעכע הענט, וואָס האָבן מיט אַזויפֿיל צאַרטקײַט און לײַדנשאַפֿטלעכער ליבע צוגעטוליעט צו זיך דעם פֿאַרלוירענעם זון... און זענען גרייט געווען אַרומצונעמען אַזוי די גאַנצע וועלט, צודריקן זי צום האַרצן אין אומענדלעכער גרויסער ליבשאַפֿט...

און אַ שפּאַן ווײַטער האָבן צוויי פֿרויען פֿאָרזיכטיק אַרויסגעצויגן פֿונעם טײַך אַ קעסטעלע מיט אַ וויינענדיק קינד, אַ קרבן פֿון יענעם ערשטן גרויזאַמען קעניגלעכן גזר:

— כּל הבּן הילוד היאורה תּשליכוהו...

ערשטע בלוטיקע געזעצן!

און דער דאָרן ברענט אין דער מדבר און ווערט נישט פארברענט...

פון די לײַכט־דראפירטע פענצטער האָט געזיפּט א מאטע שײַן, געפאלן אויף די פרעסקן, וואָס האָבן באדעקט די ווענט, די סטעליע, זיך געשפילט אינעם ליכט פון זייערע פארבן, און איך האָב מיט דאנקבארקײַט פארצייכנט אין זכרון: ״לאָדזשי אי סטאנצע ראפאעליא״.

און ס׳איז אין די גליִענדיקע פארבן געווען א ווונדערלעכע, כמעט געצנדינערישע פארבינדונג צווישן דער רײַכקײַט פון די פרעסקן מיט די סדרות פון חומש, פארגײַסטיקטע, פול מיט צוריקגעהאלטענער לײַדנשאפט און ליבע...

* * *

ווען איך האָב פארלאָזט דעם ״ערמיטאזש״, האָט דער טאָג געהאלטן אין פארגיין. א הארבסטיקער נעפל האָט אײַנגעהילט די שטאָט, און די גאסן זענען מיטאמאָל געוואָרן שמעלער. די קלויסטער־טורעמס האָבן אויסגעלאָשן דעם שימער פון זייערע צלמים, און נאָר אין די פענצטער פונעם ווינטער־פאלאץ, דעם דענקמאָל פון גרויזאמען אבסאָלוטיזם און ליכטיקע אידעאלן, ווו מיט העכער א האלבן יאָרהונדערט צוריק, האָט זיך אָנגעהויבן א נײַע צײַט־רעכענונג, האָט געברענט א בלייכער ווידערשײַן פונעם ווײַטן האָריזאָנט, און ס׳האָט זיך געדאכט, אז אויף יענער זײַט, אין יענעם זאל באוועגן זיך שאָטנס פון חומש איבער פארגעלטן צעוויקלטן פארמעט...

# דוינע

נעווא!..

ווער האָט זי נישט באַזונגען, ווער נישט באַשריבן?.. און יעדער האָט צוגעטראָגן זײַן אייגענע פאַרב, זײַן אייגענעם ניגון.

טרוימעריש רויִק, ווי אַ דרימלענדיקע שיינהײַט, טראָגט זי אירע כוואַליעס צום פאַרשטיינערטן ברעג, מורמלט שטיל אויף איר אייביקער שפּראַך, גלײַך זי וואָלט אין שלאָף דערציילט אַ מעשׂהלע פון ווײַטע, ווײַטע צײַטן, און ס'לעשט אין איר טיפקײַט די האַרבסטיקע זון אירע בלייכע אונטערגייענדיקע שטראַלן.

אין שכנות שטייט דער זומער־פּאַרק סודותדיק פאַרטראַכט, אַ פײַכט האַרבסטיק ווינטל שפּילט מיטן לעצטן גאָלד אויף די ביימער, און בלויז דער יונגער קליאָן ברענט נאָך אַלץ מיט בלוט־רויטן פײַער.

ערגעץ אויף אַ באַנק פאַרציט אַ יונגע, קרעפּטיקע שטימע אַ ליד, איר ענטפערט אָפּ אַ גאַנצער כאָר פון שטימען, פאַרפלאָנטערטע אין אַקאָרדן פון אַ גיטאַרע, און איבערן גאַנצן פּאַרק צעגיסט זיך אַ געזאַנג, וועלכעס ס'קאָן אַפילו נישט פאַרטויבן דער אומדערמידלעכער און רוישנדיקער שטראָם פון אויטאָמאָבילן.

איך הער זיך אײַן אין דעם ליד, אין די קלאַנגען פון דער מוזיק; אין מײַנע אָדערן נעמט פליסן אַ פריידיקע וואַרעמקײַט, גלײַך דאָס ליד וואָלט אַרײַנגעדרונגען אין מײַן געוויסן קוים הערבאַר, דורכזיכטיק, פול מיט סודותדיקער, וויכטיקער באַדײַטונג.

ווי קומט עס אַהער?.. ווער האָט עס פאַרטראָגן פון די ווײַטע קאַרפּאַטן צו די ברעגן פון דער נעווא?

* * *

... יענער איז נישט געווען קיין דיכטער, לידער נישט פארפאסט. ער איז געווען א שנײַדערײַנגל, וואָס איז אראָפּגעקומען פון די בערג און מיטגעבראכט דעם רויש פונעם ווינט און דאָס געזאנג פון די וועלדער. יעדן שבת האָט ער די פרײַע צײַט פארבראכט אין שענקל אויפן ראָג פונעם אלטן מארק, ווו ס'האָט א בלינדער בעטלער אויף א קאטערינקע אויסגעשפילט זײַנע טרויעריקע דוינעס.

דער אלטער האָט פארמאָגט א טיפע, נידעריקע, עטוואָס הייזעריקלעכע שטימע. נאָר קוים האָט ער זיך פארקליבן צו די אויבערשטע נאָטן, האָט זײַן קול געקלונגען יונג און ריין, און די קאטערינקע האָט אָפּגעענטפערט מיט א יאָמערלעכן טרילער.

בײַ אונדז זענען וועלדער, ווי דער הימל, בלוי
און פעלדער אויסגעוועבט פון זײַד,
בײַ אונדז זענען לידער און בלומען פאראן,
און שטיבער פול מיט לײַד.

זײַן ווארעמע שטימע האָט וויברירט מיט א פריידיקן ציטער, די בלינדע אויגן האָבן געפינטלט פון טרערן, און אויף זײַן שטעכיקן פנים איז געווען אויסגעגאָסן האָפענונגסלאָזער צער.

א גליִענדיקער פונק האָט געבריט דאָס הארץ פונעם שנײַדערײַנגל, זײַנע הונגעריקע אויגן האָבן זיך געבאָדן אין פײַכטקײַט און בענקשאפט, און ער האָט געהאָרכט... געהאָרכט מיט א פארכאפטן אָטעם און זיסע געפילן. אים האָט זיך געדאכט, ווי דאָס ליד ווערט געבוירן אין אים אליין — די מוזיק, די ווערטער.

דער בעטלער האָט אָפּגעזונגען דעם לעצטן קופלעט און פארדעקט די סטרונעס מיט זײַן ברייטער האנט, גלײַך ער וואָלט דערשטיקט די קלאנגען.

* * *

שפעט בײַנאכט, ווען ארום איז אלץ פארזונקען געווען אין שלאָף, און אפילו די בערג האָבן אין שטילקײַט געדרימלט, איז דאָס שנײַדערײַנגל געזעסן איבער א העפטל און פארשריבן אלץ, וואָס ער האָט פארן טאָג געהערט. אים האָט זיך געדאכט, ווי ס'זינגט דער בעטלער זײַנע טרויעריקע דוינעס, און ער זינגט נאָך. און אותיות האָבן שורותווײַז זיך געלייגט אויפן פאפיר.

אזוי האָט ער געשריבון, ביז דאָס ליכטל האָט נישט אויסגעבערענט און די שײַן איז דערטרונקען געוואָרן אין צעלאָזטן חלב.

דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום אײנציקן קלײנעם פענצטערל, דורך א שפּעלטל געזען א טייל פון דעם געסל, איבער וועלכן ס'זענען געפאלן באַוועגלאָזע, געהויקערטע שאָטנס פון די אַרומיקע בערג; געזען, ווי אין די פענצטער פון בית־מדרש האָבן געשפּענסטיק געלויכטן די נר־תמידס, גלײַך נשמות וואָלטן אָפּגעריכט חצות, און זייער טויטער אָפּגלאַנץ האָט זיך איבערגעפלאָכטן מיטן בלאַסן זילבער פון דער לבנה.

און אים האָט זיך אויסגעוויזן, ווי ער קוקט ארײַן אין עפּעס א ווײַטער אומענדלעכקײַט און אז פון דאָרטן, פון יענער ווײַטקייט, דאַרפן קומען אנדערע צײַטן, מיט אנדערע לידער... און ווינציקער פון אלץ האָט ער געטראַכט, אז ס'קאָן געשען, מען זאָל געפינען זײַן העפטל, אין וועלכן ער האָט אזוי פלייסיק אלץ פאַרשריבן...

ער איז א מידער צוגעפאַלן צום הארטן געלעגער און באַלד אײַנגעשלאָפן מיט א פעסטן, יונגן שלאָף אָן חלומות.

* * *

און ס'האָט א ליד זיך געוויגט איבערן זומער־פּאַרק, געקלונגען פרײַ און ליכטיק, אקאָרדן פון דער גיטאַרע האָבן זיך געפלאָנטערט אין די קלאַנגען, און די שטימע איז געווען העל און הייס, ווי די שטראַלן פון דער דרום־זון.

איך האָב זיך צוגעהערט צו דער מוזיק, און מיר האָט זיך געדאַכט, ווי דאָס ליד פּילט אָן דעם גאַנצן פּאַרק מיט יונגן פרילינג, מיטן געזאַנג פון וועלדער און רויש פון ווינטן, דאָס ליד, דער צויבער־ניגון פון די ווײַטע קאַרפּאַטן ווערט אלץ העלער, אלץ פרײַער, און יונגע סטודענטן פון דער שכונתדיקער קונסט־אקאַדעמיע האָבן עס פאַרשפּרייט איבערן זומער־פּאַרק, ווי א דענקמאָל יענעם שנײַדערייִנגל, וואָס איז שוין לאַנג אויף דער וועלט נישטאָ, און יעדער קלאַנג, וואָס האָט געשוועבט אין דער האַרבסטיקער שטילקײַט, האָט דערמאָנט אין אייביקן לעבן, אין אומשטערבלעכקײַט...

# א גרויע סקאלע

א הייסער זומער־טאָג האָט אָנגעגליט די ברייטע אספאלטירטע גאסן. די היץ איז געשטאַנען בײַ די שטיינערנע שוועלן פון דער שטאָט און געלאָזט זי א פארחלשטע אנטקעגן דעם אָנקומענדיקן פארנאכט.

מיך האָט א צי געטאָן צו די קילע הינטערשטאָטישע רחבותן. צו די טונקעלע, געדיכט באוועלדערטע בערג, וואָס קייטלען זיך אויף צענדליקער מײַלן, פארזונקענע אין עפעס א שטילער פארטראכטקײַט. א דינער נעפל האָט לאנגזאם געקלעטערט ארויף צו דעם זון־פארגאנג, וואָס האָט געוויקלט די בערג אין סוף־טאָגיקע שטראלן און געשפרייט איבער זיי פאסן קאלטע פלאמען. די לופט איז פול געווען מיט פארטײַעטע קלאנגען, און א ראָמאנטיש אומעטיקער צויבער האָט געשימערט מיט א בלייכער, מילדער רויִקײַט.

איך בין געשטאנען פאר די בערג אין שווײַגנדיקער פארליבטקײַט און געווען אין יענער דערהויבענער שטימונג, ווען אלץ זעט אויס באגײַסטערט דורכזיכטיק און ס'איז נישט פאראן קיין אנדער באגער, ווי נאָר צו זײַן מיט זיך אליין.

פון איינעם א פארריסענעם בארג־שפיץ איז איבער א טיפן אָפּגרונט געהאנגען א גרויע סקאלע. אויסגעטאָקט פון ווינט און רעגן, האָט זי אָנגענומען די געשטאלט פון א פרוי. און ווען די זון האָט אָנגעצונדן איר אויבערשטן טייל, האָט זיך געדאכט, ווי איבער שמאָלע פרויען־אקסל פאלן בינטן גאָלדיק צעלאָזטע האָר.

הונדערטער יאָרן הענגט זי אזוי. נאָך פון יענע ווײַטע צײַטן, ווען די ערשטע ייִדן, געטריבענע פון מערב, אנטלאָפענע פון די שײַטער־הויפנס, האָבן זיך באזעצט אין בערג. און דאָס לעבן האָט פארהיט א פאָעטיש טרויעריקע לעגענדע.

... א יונגער גראף, צו וועלכן ס'האָבן געהערט די ארומיקע בערג, האָט פארליבט זיך אין א ייִדיש מיידל, מיט געוואלד זי ארויסגעריסן

פון דער ייִדישער היים. און מיר האָט זיך געדאכט, ווי דאָרט העט אויבן שטייט נאָך אלץ דער גאָטישער שלאָס, מיט זײַנע פארשפיציטע טורעמס, וואָס שפארן אונטער דעם הימל. איך זע דעם יונגן, גדלותדיקן גראף אויף א פײַעריק פערד און דאָס צוגערויבטע ייִדישע מיידל, וואָס בעט זיך בײַ אים:

— האר מײַנער, לאָז אָפּ... פארשעם נישט...

נאָר דער גראף איז פארעקשנט. ער טראָגט ווי פײַל פון בויגן זיך דעם שלאָס אנטקעגן. נאָך עטלעכע שפאן, און די שיינע ייִדישקע וועט זײַן אין זײַן באזיץ. ער וועט אָנזאָגן א גרויסן מאָלצײַט פאר שׂררות און פרײַנט. פארן בישאָף, וואָס וועט דארפן דורכפירן די שמד־צערעמאָניע...

— האר מײַנער, איך בין פארקנסט מיט אן אנדערן!..

די נאכט איז א פינצטערע. שטערן פאלן, ווי גרויסע מיידלשע טרערן.

דער גראף טרײַבט אונטער זײַן פערד. ס׳הערט זיך שוין דאָס בילן פון די הינט. די שטימען פון די באדינער. דורך די פענצטער שטראָמען פאסן ליכט.

— האר מײַנער, האלט אײַן א ווײַלע דאָס פערד. איך וויל צום לעצטן מאָל זיך אומקוקן אויף די פײַערלעך און די פענצטער פון מײַן היים...

און נאָך איידער דער גראף האָט באוויזן אויסצופירן איר בקשה, האָט זי געשיקט זיך א גליטש געטאָן ארויס פון זײַנע הענט און אין איין אויגנבליק ווי א שטיין אראָפּגעפאלן אין א טיפן אָפּגרונט.

פון דעמלט אָן שטייט זי א פארשטיינערטע אויפן סאמע בארג־שפיץ און קוקט אראָפּ אין דער טיפקײַט, גלײַך זי וואָלט געזוכט דאָרט איר יונג פארשניטן לעבן.

לעגענדעס שטארבן נישט. זיי ווערן איבערדערציילט, ווי א צוואה פאר קומענדיקע דורות...

און דער אָנגעלאָפענער ווינט האָט אומרויִק גערוישט צווישן די בערג, גלײַך ער וואָלט עמעצן געזוכט, און געטראָגן אין זײַן רויש דעם סוד פון קידוש־השם...

# בלויע שטילקייט

פון ערגעץ א בארג־שפאלט האָט לאנג און אָפּגעהאקט געשוועבט דער רוף פון א קוקאווקע. אמאָל האָט זי מיר אָנגעזאָגט צעשיידונג. בײַם מאָרגן־גרוי און אָוונט־רויט האָט איר רוף געקירצט מײַנע וועגן, ווען מיך האָבן געלאָקט אומרויִקע ווײַטן און בענקשאפט האָט גענומען פלעכטן א נעסט אין מײַן הארצן.

איצט האָט איר רוף זיך ווי פארוועט מיט די טענער פון א דוטקע.

אויף א בערגל איז געזעסן א פויער מיט פשוט און טרויעריק פּנים. טיפע מאנדל־פארביקע אויגן האָבן שארפזיכטיק געקוקט פאָרויס מיט א מאָדנע רויִקייט. און לאנגע גרוי־ווײַסע געפאלדעוועטע האָר האָבן ווײַבעריש זיך געלייגט אויף זײַנע פארשפיצטע אקסל.

ער האָט געשפּילט אויף א געשניצט הילצערן פײַפל. געשפּילט אזוי, גלײַך דאָס הארץ אליין וואָלט געזונגען. קלאנגען האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין א הארמאָניש טרויעריקן ניגון, אויסגעוועבט אין אייביקער אָנגעלאָדענער שטילקײַט, וואָס האָט נישט קיין נאָמען אויף אונדזער שפראך.

איך האָב פאָרזיכטיק געררוקט זיך פאָרויס און מיט אן אײַנגעהאלטענעם אָטעם זיך צוגעהערט צו דעם וויכער פון צארטע, לײַדנשאפטלעכע טענער.

פלוצעם האָט ער מיך באמערקט און אנטשוויגן געוואָרן.

איך האָב דערפילט, אז איך דארף עפּעס זאָגן.

— סארא שטילקײַט דאָ בײַ אײַך!

דער פויער האָט אָנגעשטעלט אויף מיר זײַנע טרויעריק־פארבענקטע בליקן.

— א בלויע!

— וואָס די שטילקײַט?

ער האָט א ווײַלע פארשפּיצט די אויערן, ווי ער וואָלט

אויפגעכאפט עפעס ווײַטע קלאנגען, און דערנאָך א זאָג געטאָן:

— דו הערסט דען נישט?

איך האָב זיך אײַנגעהערט, און מיר האָט זיך געדאכט, ווי די שטילקייַט איז באמת א בלויע. אין די אויערן האָט שימערנדיק געקלונגען אזא דינע, בלויע שטילקײַט, ווי אויף א דוטקע אויסגעשפילט. און איך האָב זיך געוווּנדערט, וואָס אזויפיל מאָל אין מײַן לעבן האָב איך געהערט אָט דעם שטילן, אײַנגעהאלטענעם קלאנג און קיינמאָל נישט געוווּסט זײַן אמתע פארב...

# איכה

אין דערמאָנונג פון די
מארטירער און העלדן פון
ווארשעווער געטאָ

באקענט האָבן מיר זיך אין א צווישנפעלקערלעכן צוג.

ער איז געפאָרן פון ווארשע צו זײַנעם א קרוב. איך — צו זיך אהיים. שוין בײַם אריבערטרעטן די שוועל פונעם קופע האָבן אונדזערע בליקן זיך באגעגנט, זיך פארלוירן איינער אינעם צווייטן, ווי צוויי באקאנטע וואָלטן זיך געטראָפן נאָך אן איבעררײַס פון לאנגע יאָרן און זיך דערקענט.

די באן האָט געיאָגט אין אן אײַליקן געלויף, זיך געטראָגן דורך פעלד און וואלד. און די רעדער האָבן איינטאָניק אויסגעקלאפט מינוטן און שעהן.

טיק־טאק, טיק־טאק.

איך האָב שוין געוווּסט, אז ער איז איינער פון שארית־הפליטה, און על־פי־נס געראטעוועטער פונעם געטאָ־גיהנום. ער האָט אפילו א געוויסע צײַט פארטיזאנעוועט דאָ, אין די ווײַסרוסישע וועלדער. איצט זיצט ער מיטן פנים צום פענצטער, פארטאָן אין אייגענע מחשבות, און רײַסט נישט אָפּ די אויגן פונעם לויפנדיקן דרויסן, גלײַך ער וואָלט אין געדאנק נאָכאמאָל דורכגעמאכט דעם פארטיזאנישן נקמה־וועג. דעם וועג פון בלוט און פײַער.

און דער דרויסן איז א זוניקער, א פרילינגדיקער. דער יונגער טאָג באָדט זיך אין דער בלויקײַט פון די הימלען, טרינקט מיט א קילער פײַכטקײַט אָן די אויפגעוואכטע ערד, וואָס אָטעמט מיט די ערשטע זיסע ריחות פון צארט־שפּראָצנדיקע גראָזן און פלאנצן. און די ריחות פארשיכורן, שלעפערן אײַן, פלייצן אין געמיט מיט א ווייכער מנוחה.

פלוצעם האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מיר. זײַנע שטאַרע בליקן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט עפּעס אַן אומעט, און ער איז אומדערוואַרט אַרײַן אין אַ ווײַט־פאַרגאַנגענעם נעכטן.

— דעמלט איז פּונקט ווי איצט צו להכעיס אויך אַזאַ טאָג געווען. דעמלט...

דעם ערשטן טאָג פּסח, אינעם "עבדים היינו" — עכאָ פון אַלע פאַרגאַנגענע דורות, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פאַרטיליקן די רעשטלעך פונעם וואַרשעווער געטאָ, און אין שטורעם פון פײַער־פלאַמען איז אויפגעגאַנגען דאָס טויזנטיאָריקע ייִדישע פּוילן.

איבער פופציק פרילינגס האָבן פון דעמלט אָפּגעגרינט און אָפּגערוישט. און כאָטש די קברים זײַנען שוין לאַנג מיט גראָזן פאַרוואַקסן, הערן די ווינטן נישט אויף דעם יאָמער צו טראָגן.

איכה ישבה בדד...

אַזוי איבער פופציק...

און עס טאַנצן נאָך פאַר די אויגן די פײַער־צונגען פון ברענענדיקע גאַסן, דורכגעפּרעסענע פון הונגער און פּײַן, ווו מען האָט דורכגעפירט בלוטדורשטיקע נגישות מיט דער לעצטער מאָס פון חיהשער רציחה. עס שטייען אויף די שאָטנס פון די בר־כּוכבאס פונעם וואַרשעווער אויפשטאַנד. מרדכי אַניעלעוויטש, יוסף לעוואַרטאָווסקי... די העלדן־קדושים, וואָס זײַנען מיט אַנגסטיקער עקשנות און מיטן כּוח פון לעצטן אָטעם געגאַנגען אויף קידוש־השם פאַרן כּבוד און קיום פונעם פאָלק...

כ'האָב געקוקט אויף דעם ייִדן. געזען אויף זײַן פּנים אַ צעקרימטן, פאַרעלטערטן קאָרטש פון ווייטיק. איך האָב געפילט דעם אומעט פון זײַנע רייד, די צעבלוטיקטקײַט פון זײַנע באַהאַלטענע טרערן. ס'האָבן זײַנע רייד, ווי אַ מידבר־ווינט, געקלאָגט און זיך איבערגערופן מיטן אַלטן דורותדיקן צער.

— בדמיך חיי... דורך דײַן פאַרגאָסענעם בלוט זאָלסטו לעבן...

און עס האָט זיך פאַנאַנדערגעקייטלט אַ בלוטיקע קייט פון גזירות און רדיפות, פון כלערליי צוגעטראַכטע שענדונגען און טויטן. ס'איז אָפּגעהילכט אין זכרון דאָס ווידערקול פון גאָר־גאָר ווײַטע צײַטן — פון די עשׂרה־הרוגי־מלכות, אויף וועמענס מאָרד עס האָבן געוויינט אפילו די חיות אין די רוימישע שטײַגן...

קדושים... קדושים...

* * *

... איבער פּופּציק פרילינגס האָבן אָפּגעגרינט און אָפּגערוישט. א נייַער דור איז אויסגעוואקסן. פון די חורבות איז א נייַע שטאָט אויפגעשטאנען. א פּילשטאָקיק־שלאנקע, א לייַכטע און ליכטיקע, ווי א חלום. נאָר דאָס שטאָלצע, טויזנטיאָריקע ייִדישע פּוילן איז פארשניטן געוואָרן...

איכה ישבה בדד... האָט דער נביא געוויינט אין זייַן טרויער.

דער ייִד איז אנטשוויגן געוואָרן. און מיר האָט זיך געדאכט, ווי איך הער זייַן אויפגערעגטן אָטעם, דאָס האסטיקע קלאפּן פון זייַן הארץ.

# א ווילדע עוולה

געווען איז עס מיט א צײַט צוריק.

דער טאָג איז אויפגעגאנגען א זעלטן לויטערער. די זון האָט געגאָסן מיט מילדן גאָלד, און דער הימל; א טיף־בלויער, מיט א פארבלאָנדזשעט ווײַס וואָלקנדל ערגעץ אויף מערב, איז א רויִק־פארגליווערטער געהאנגען איבער דער וועלט. און אזא שלווה האָט פארפלייצט דעם באגינען!

פלוצעם האָט עמעצער אָנגעקלונגען אין מײַן טיר.

דער קלונג איז געקומען אזוי אומדערווארט, אז איך האָב אין דער ערשטער רגע אפילו לײַכט אויפגעציטערט.

— ווער קאָן עס זײַן אזוי פרי?

און ווען איך האָב געעפנט, איז פאר מיר געשטאנען אן אומבאקאנטער יונגערמאן, מיט עפּעס א פּעקל אונטערן אָרעם. געשטאנען אין אזא מאָדנע פארלעגנהײַט, גלײַך ער וואָלט זיך געיישובט, צי איז עס טאקע די ריכטיקע טיר, וועלכע ער זוכט. א ווײַלע האָט ער געקוקט אויף מיר מיט ברייט־צעווארעמטע אויגן, דערנאָך האָט א דינער שמייכל א שנירל געטאָן איבער זײַנע ליפּן.

— מעג איך ארײַן?

— פארוואָס נישט...

און ער האָט שטיל און עטוואָס שעמעוודיק אריבערגעשפּאנט די שוועל.

— איך האָב דאָ פאר אײַך עטלעכע יִדישע ביכער, — האָט ער א גלעט געטאָן דאָס פּעקל מיט אזא צארטער באוועגונג, ווי מען גלעט עפּעס א טײַערע זאך, און מיט א לײַכטן ציטער אָנגעהויבן צעפּאקעווען דאָס פּעקל.

— איר לייענט יִדיש?

— ליידער נישט. איך פארשטיי נאָר א ביסל...

איינס נאָכן אנדערן האָבן אפן טיש זיך אויסגעלייגט ביכער פון באקאנטע ייִדישע שרײַבער. פון אזעלכע, וואָס זענען שוין אוועק אין דער אייביקייט אָדער זענען אומגעקומען על־קידוש־השם. און אזעלכע, וואָס לעבן, שאפן ביז הונדערט און צוואנציק.

— איך האָב זיי געפונען אין א קעלער פון עפּעס אן אנשטאלט... זיי זענען דאָרט געלעגן אזעלכע פארלאָזטע און פארשעמטע...

עפּעס א גרויל האָט א יאָג געטאָן פון זײַנע ווערטער. און עס האָט זיך געדאכט, ווי פון זײַנע רייד ווײַנט ארויס דער איכה פון אונדזער צעפּאסעוועטן און צעשפּליטערטן ייִדישן לעבן...

— איך האָב זיי געבראכט צו אײַך... אפשר דאָ קאָנען זיי געפינען זייער פארלוירענעם תּיקון.

מיטאמאָל האָב איך צווישן די געבראכטע ביכער דערזען אויך מײַנס א בוך. א דינער שטאָך האָט א ברי געטאָן בײַם הארצן. איך האָב זיך אָבער באלד גענומען אין די הענט.

— וואָס, בין איך בעסער פון אנדערע...

איך האָב איבערגעמישט דאָס ערשטע זײַטל, און ווי א דונער וואָלט זיך ארײַנגעריסן, ווי בליצן וואָלטן זיך געצונדן און געלאָשן, האָבן פאר מײַנע אויגן גענומען בלענדן אותיות, שורות, זיך געפלאָנטערט, פארפאלן געוואָרן און ווידער זיך באוויזן. ס׳איז געווען מײַנע א ווידמונג, אן ארײַנגעשריבענע אין דעם בוך, וואָס האָט זיך געלייענט אזוי:

מײַן ליבן פרײַנד און מורה דרך
משה אלטמאן,
בײַ וועמען כ׳האָב זיך א לעבן לאנג
געלערנט.
מיט גרויס יראת־הכּבוד...

מײַן בוך, וואָס כ׳האָב אים מיט אזויפיל ליבע געשענקט, האָט איינעם מיט ביכער פון אנדערע שרײַבער זיך געוואלגערט אין א פארוואָרפענעם קעלער. דאָס זענען געווען ביכער פון אלטמאנס ביבליאָטעק, וועלכע ס׳האָט קיינער מער נישט באדארפט...

* * *

... אין דער צײַט פון מײַן בראשית איז משה אלטמאן געווען מײַן געגארטער שרײַבער. איך האָב זיך געקוויקט מיט זײַן פּערלדיקן געלײַטערטן ייִדיש, געווען פארכאפּט פון זײַן דערהויבענער לירישער

בילדערישקײט. איך האָב ממש געדאַוונט זײַנע דערציילונגען מיטן התלהבות פון א חסיד. און אין די שפּעטערע יאָרן, באַזונדערס נאָך זײַן אומקערן זיך פונעם סטאַלינישן גולאַג, בין איך געווען צווישן די, וואָס האָבן זיך אַרײַנגעהיימישט אין זײַן שעפערישער וועלט. איך האָב עטלעכע מאָל געשריבן וועגן אים און אין יעדן מאמר אַרײַנגעוועבט א שטיק פון מײַן באַגײַסטערונג צו אָט דעם וווּנדערלעכן שרײַבער, וואָס אפילו אין זײַנע עלית־נשמהדיקע מינוטן, ווען ער טראָגט אריבער איוב־ליידן, לויכט אַרויס פון זײַנע טיפענישן זײַן אינערלעכע גײַסטיקע וועלט, א באַהעפטע מיט נאַציאָנאַלע געפילן, און דער באַהעפטונגס־פּראָצעס, דער חשבון־הנפש, וויברירט מיט דער זאָרג פאַרן פאָלק, פאַר זײַן קיום...

די לעצטע יאָרן פון זײַן לאַנג לעבן האָבן אים אָפּט פאַרפאָלגט געדאַנקען וועגן דעם גורל פון דער יידישער ליטעראַטור, וועגן זײַן אייגענעם גורל...

״דאָס איינציקע, וואָס איך באַגער, איז ליגן לעבן שטיינבאַרגן. לעבן מײַנע לייענער, וועלכע איך האָב אָפּגעגעבן די וואַרעמקײט פון מײַן האַרץ...״ — האָט ער פאַרשריבן אין זײַן צוואה, וועלכער ס׳איז נישט באַשערט געווען נתגלה צו ווערן.

און עטלעכע וואָכן פאַרן פאַרלאָזן אונדזער זינדיקע וועלט שרײַבט אַלטמאַן צו זײַנעם א פרײַנט: ״איך טראַכט אַלץ אָפטער מיט אומרו וועגן דעם, ווער עס וועט זיך פאַרנעמען מיט מײַן קבורה...״

נאָר איינס האָט ער זיכער נישט געטראַכט, אַז זײַן אייגענע טאָכטער וועט באַשטיין דערויף, אַז זײַן לוויה זאָל פאָרקומען דווקא שבת, מיט מוזיק, ווי בײַ די אומות העולם, און... באַהאַלטן אים אויפן צווינטער.

— ער איז שטענדיק געווען אַן אינטערנאַציאָנאַליסט, — האָט זי צביעותדיק געפּרוּווט צו פאַרענטפערן יענע, וואָס האָבן ערשט נעכטן זיך פאַרמאָסטן צו דערשטיקן אין בלוט די יידישע ליטעראַטור...

אין א זײַט איז געשטאַנען א ייִד, פאַרצערט און פאַרצאָרנט, און מיט א האַלבן קול, ווי צו זיך אַליין, א זאָג געטאָן:

— אפילו צו שטאַרבן דאַרף מען האָבן מזל!

ליגט משה אַלטמאַן צווישן צלמים, און זײַן מצבה, א פרעמדע, אַן עלנטע, קוקט אַריבער אַהין, ווּ עס שפּרייט זיך דער אַלטער טשערנאָוויצער יידישער בית־עולם, און ס׳דאַכט זיך, ווי ער פרעגט מיט צער:

— פאַרוואָס קומט עס מיר, אליעזר, אַז מײַן מצבה זאָל נישט שטיין לעבן דײַנער, דעם וווּנדערלעכן קונסטווערק פון אַרטור קאָלניק,

און ס׳זאָל נישט זײַן אויסגעקריצט אויף איר מײַן איבערגעלאָזטע עפּיטאַפּיע:

דאָ ליגט
משה אלטמאַן
פֿונעם שטעטעלע ליפּקאַן!
איז געווען א ייִד,
האָט ער אָנגעשריבן א ליד
און געוואָרן מיד.
שוין...

א ווילדע, רישעותדיקע עוולה!

און יעדעס מאָל, ווען איך דערמאָן זיך אין משה אלטמאַנס גורל, וואָס טראָגט אין זיך גרויל און הימלשרײַענדיקע רישעות, ווערט די לופֿט ארום ווי פֿאַרשטײנערט און עס פֿעלט מיר אָטעם...

* * *

נו, יונגערמאַן, א דאַנק אײַך פֿאַר די אָפּגעראַטעוועטע ביכער!

איך האָב עס ארויסגעזאָגט, ווי א תּפֿילה, און געטראַכט דערבײַ, אז אויב עס זענען נאָך דאָ יונגעלײַט, וועמען ס׳איז טײַער א ייִדיש בוך, כאָטש ער קאָן זיך דערווײַל נישט ניצן מיט אים, איז עס דאָך אן אָנזאָג אויף המשך, אויף קיום.

און אויפֿן לויטערן הימל האָט פּלוצעם א טונקעלע כמאַרע פֿאַרצויגן דאָס ווײַסע וואָלקנדל, ווי פֿאַרהילט עס אין טרויער, און ס׳האָט א שפּריץ געטאָן א רעגנדל, גלײַך דער הימל אליין האָט געלאָזט א טרער.

# פון נאָענט און ווײַט

מיט א פּאָר טעג צוריק האָב איך באקומען א בוך פון ריגע, וועמענס מחבר ס'איז רות מאריאש, די טאָכטער פון דעם באוווּסטן ייִדישן פאָרשער און קריטיקער שאך־אנין ז״ל.

דאָס בוך, דערשינען אין רוסיש, איז א ווערק וועגן א פילפארביקער שעפערישער פערזענלעכקײט און אקטיוון געזעלשאפטלעכן טוער. מיר זעען אים אלס בונדידסט, א טיף־פארוואָרצלטן אין דער ייִדישער קולטור־טראדיציע. דערנאָך אלס פלאמיקן אָנהענגער פון דער רוסישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, באהעפט פון א גרויסן גלויבן, פריִער אין לעטלאנד, און שפּעטער אין ראטנפארבאנד. צום סוף אלס א געליטענעם פון דעם סטאליניסטישן גיהנום.

דער הויפּט־פארדינסט פון דעם בוך באשטייט אין דעם אנטפלעקן די גרויסע שׂרפה, וואָס האָט אין די סוף פערציקער, אָנהייב פופציקער יאָרן זיך צעפלאקערט איבער דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראטור און אין אירע פלאמען פארצוקט די גרעסטע שעפער אירע.

דאָס ווערק איז א געבענטשטער איבערפלעכט פונעם טרויעריקן ייִדישן נעכטן מיטן ראנגלענדיקן הײַנט. באשטראלט מיט ליבשאפט פון דער אויטאָרין צו איר פאָטער, האָט עס אויסער דעם ביִאָגראפישן אויך א וויכטיקן קולטור־היסטאָרישן ווערט.

לייענענדיק רות מאריאשעס בוך, צעוועקט זיך אין מײַן זכרון א באגעגעניש מיט איר אין ריגע, ווו איך האָב מיט א יאָר זעקס צוריק אָפּגערוט אין א שרײַבער־הויז בײַם באלטישן ים־אויסגוס.

* * *

... דער טאָג האָט ווײַט אריבערגעשפּאנט די צווייטע העלפט. דער הימל איז געווען באזונדערס בלוי און דורכזיכטיק. און די זון, א פולער פײַערדיקער קײַלעך, האָט זיך פאמעלעך גערוקט אלץ ווײַטער און ווײַטער אויף מערב.

דער ים האָט געדרעמלט. שטילע ווינטעלעך האָבן געשויבערט זײַנע וואסערן. און מעוועס האָבן געשוועבט איבער די זילבערנע רונצלען, קוים־קוים רירנדיק מיט די פליגלען, און זייער רוף האָט געשאלט אין דער קלינגענדיקער הימלישער טיפקײַט.

אין אָט דער וועלט, א פארפלייצטע פון זון און רו, האָט עמעצער פלוצעם אָנגעקלאפט אין מײַן טיר. נאָר מיט אזא אומזיכערקײַט, אזוי אומבאהאָלפן, גלײַך דער עמעצער וואָלט זיך קוים צוגערירט צו דער טיר מיט די פינגער אָדער אפשר זיך געישובט, צי איז עס די טיר, וועלכע ער זוכט.

די טיר האָט זיך געעפנט, און אויף דער שוועל האָט זיך באוויזן אן אומבאקאנטע עלטערע פרוי מיט זייער יונגע געזיכט־שטריכן. אירע אויגן האָבן געשטראלט מיט א טונקעלן שימער.

— איך בין די טאָכטער פון שאָך־אנין...

דער נאָמען האָט א קלונג געטאָן פאר מיר מיט א מאָדנע ווידערקול. דאָס הארץ האָט אויפגעצאפּלט, איך האָב מיטאמאָל דערפילט, ווי מיר פעלט אָטעם, גלײַך צווישן מיר און דער ארײַנגעקומענער פרוי וואָלט קיין לופט נישט געווען.

— מיר האָט מען געזאָגט, אז איר זענט געווען באקאנט מיט מײַן פאָטער, — האָט זי ווי געפּרוּווט זיך פארענטפערן פאר דעם אומדערוואַרטן באזוך.

זי האָט זיך עניוותדיק צוגעזעצט אויפן שטול, וועלכן כ׳האָב איר אונטערגעטראָגן, און ווײַטער געצויגן איר געדאנק.

— איך ארבעט איצט איבער א בוך וועגן שאָך־אנין, וועגן זײַן ליטערארישער און געזעלשאפטלעכער טעטיקײַט... האָט איר נישט אפשר מיר וואָס צו דערציילן, אפשר אפילו אָנשרײַבן?..

אין דער זעלבער רגע האָט די צײַט מיט אומגעהויערער שנעלקײַט זיך א דריי געטאָן אויף צוריק, ווי א גיגאנטיש פארביק ראָד וואָלט זיך דורכגעטראָגן און איבערגעלאָזט פארגאנגענע שטיקער לעבן, וואָס האָבן צענדליקער יאָרן פארשטומטע געדרימלט אין מיר און איצט פלוצעם, בײַ דער באגעגעניש מיט שאָך־אנינס טאָכטער, ווידער אָויפגעלעבט א רינג נאָך א רינג.

* * *

... עס איז געווען האַרבסט 1937.

אין פּאַריז איז פאָרגעקומען דער אַלוועלטלעכער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס. און בײַ דער דײַטשישער מזרח־גרענעץ האָט זיך שוין געגרייט דער ערשטער נאַציסטישער רויב־מאַרש, וואָס וועט אין אַ פּאָר יאָר אַרום מיט מערדערלעכער קראַפט זיך וואַרפן אויפן מענטשלעכן לעבן און פאַרפלייצן מיט טויט און פאַרוויסטונג כּמעט דעם גאַנצן אייראָפּעיִשן קאָנטינענט...

עסטרײַך האָט באַדאַרפט ווערן דער ערשטער קרבן.

נאָר ווין, די שטאָלצע קרוינשטאָט מיט אירע פּרעכטיקע פּאַלאַצן, קונציק געראָנצלטע קאָלאָנאַדן און טורעמס, מיט איר גאַנצער פאַנטאַסטישער מיטלאַלטערלעכער גאָטיק, האָט דערווײַל נאָך געלעבט איר געמיטלעך, אויסגעמאָסטן לעבן.

אין אַלטן קאַפע "צענטראַל" האָט, ווי שטענדיק, זיך באַגעגנט יעדן אָוונט דאָס זעלבע הײַפעלע ייִדישע שרײַבער און קינסטלער, געקומענע פון די ווינער ייִדישע קוואַרטאַלן מיט זייערע טרוימען, ניגונים און פאַרבן.

איך האָב אויך געבראַכט אַהין מײַן יונגן חלום.

אין איינעם אַן אָוונט, תּיכּף בײַם אַריבערטרעטן די שוועל, האָב איך אין דער קליינער עדה באַמערקט אַ נײַעם באַזוכער אין באַגלייטונג פון אַ יונגער שוואַרצחנעוודיקער פרוי. צו מיר זענען דערגאַנגען איינצלנע, אָפּגעריסענע ווערטער פון אַ לעבהאַפטן געשפּרעך.

— פּאָלקס־פראָנט... שפּאַניע...

אויף דעם פּירענעיִשן האַלב־אינדזל איז אָנגעגאַנגען דער פאַרביטערטער קאַמף צווישן ליכט און פינצטערניש. און אויף אַלע געמיטער האָט געדריקט דאָס צעפּײַניקטע, מיט בלוט פאַרגאָסענע שפּאַניע.

איך האָב זיך דערנענטערט, און מײַן געהער האָט אויפגעכאַפּט אַ גאַנצן קנויל פון ווערטער, אָט האַסטיקע, אָט האַלב־פאַרשלונגענע.

— דער קאַמף מיטן פאַשיזם איז דער קאַמף פאַר אונדזער קיום... די ייִדישע קולטור לעבט איצט איבער אַ שווערע צײַט... דעריבער איז פון העכסטער וויכטיקײַט, אַז אַלע שעפערישע כּוחות זאָלן זיך אָנשליסן אין אָט דעם קאַמף...

ווער איז ער, דער, וואָס רעדט?

מיר האָט זיך פאַרגעדענקט זײַן עטוואָס לענגלעך פּנים. די דינע, אין דער ברייט פאַרצויגענע אויגן־שפּעלטלעך, גלײַך די אויגן וואָלטן

זיך באהאלטן אונטער האלב־פארמאכטע, פארזשמורעטע וויִעס. די ברעמען זײַנע האָבן פּילבאר זיך צונויפגערוקט, און דער אומגעווײנלעכער "בליק" האָט צוגעגעבן דעם פּנים עפּעס א באזונדערן אויסדרוק.

איך האָב שטיל זיך צוגעזעצט.

אין דער רגע איז ער אנטשוויגן געוואָרן. זײַנע אויגן האָבן גענומען פינטלען, ווי ער וואָלט זיך צו עפּעס צוגעהערט, און אויף זײַן פּנים איז אין גיכע שאָטנס דורך א קענטיקע אויפרעגונג.

קאָן זײַן, אז נישט נאָר מיר, נאָר אלע, וואָס האָבן געקוקט אויף אים אין דער רגע, ווען ער איז געבליבן זיצן א בלייכער, אן אויפגערעגטער, האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דאָס אייגנארטיקע פּנים, אויף וועלכן ס׳האָט אזוי שארף זיך אָפּגעשפּיגלט יעדע באוועגונג פון דער נשמה.

עמעצער האָט אויסגערופן:

— חבר שאַך־אנין, באקענט זיך מיט א יונגן שרײַבער פון טשערנאָוויץ...

אוודאי איז דער נאָמען שאַך־אנין מיר געווען באקאנט פון זײַנע פּילצאָליקע אָפּהאנדלונגען אין דער יִדישער פּרעסע וועגן אונדזערע קלאסיקער. אויך זײַן פאָטאָגראפיע איז מיר געווען א ביסל באקאנט. נאָר ער האָט אין לעבן אויסגעזען אנדערש. אפשר דערפאר, וואָס דער אָביעקטיוו איז פאָרט נישט דאָס מענטשלעכע אויג...

דאָס איינציקע, וואָס איך האָב נישט געוווּסט, — אז ער לעבט אין א וועלט פון אייביקער בלינדקייט.

שאַך־אנין...

ס׳האָט נאָך זײַן נאָמען געפלאטערט אויף די שפּאלטן פון דער פּרעסע, וואָס האָט דערציילט וועגן זײַן ארויסטרעטונג אויפן פּאריזער קולטור־קאָנגרעס, צו וועלכן ער איז געווען דעלעגירט פון ריגע. איצט, אומקערנדיק זיך אהיים, האָט ער אויף א פּאָר מעת־לעת זיך אָפּגעשטעלט אין ווין.

ער האָט אויסגעשטרעקט צו מיר זײַן האנט, אָבער נישט קעגן מײַנער, וועלכע איך האָב אים דערלאנגט אויף אָפּגעבן שלום, נאָר מיט א מאָדנעם כּוח פון פּינקטלעכער אָריִענטאציע זי פארקערעוועט צו מײַן פּנים. און אין איין אויגנבליק האָב איך דערפילט אויף מײַן הויט די איידעלע ווארעמקייט פון זײַנע פינגער, וואָס האָבן מיט א זעלטענער צארטקייט געגלעט איבער מײַנע באקן, מײַן שטערן, ווי ער וואָלט וועלן זיך איבערצײַגן, צי יענער, וואָס האָט מיך פאָרגעשטעלט, האָט נישט גענארט. און מיט א בלייכן שמייכל האָט ער זיך געווענדט

צו זײַן פרוי:

— זע, פאַניע, טאַקע א יונגער.

זי האָט אים געענטפערט מיט א שטראַלנדיקן בליק, און ס'איז געווען, אַזוי ווי אין דער מינוט וואָלט ער זעעוודיק געוואָרן מיט איר זעעוודיקייט.

אַלץ איז געקומען אַזוי אומדערוואַרט און אַזוי אומבאַגרייַפלעך, אַז אַלע מײַנע עטלעך און צוואַנציק יאָר האָבן אויפגעבליצט און זיך צעפלאַמט אויף מײַן פּנים. איך האָב דערפילט, ווי עס צעגיסט זיך איבער אים א גלײַכע רויטקייט. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז שאַך־אַנין האָט מיט זײַנע פינגער "געזען", וואָס פאַר א געדאַנקען טומלען זיך הינטער מײַן שטערן. א הייסער שטראָם פון נאָענטקייט און אָפּשײַ האָט זיך א הייב געטאָן אין מיר.

— יאָ, טשערנאָוויץ איז א באַוווּסטע שטאָט, — האָבן ווידער געפינטלט זײַנע אויגן. — נישט נאָר מיט דער ייִדישער שפּראַך־קאָנפערענץ, נאָר אויך מיט דער הײַנטיקער קולטור און ליטעראַטור...

ער האָט א פיר געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט אין דער אייביקער פינצטערניש זײַנער, און פײַערלעך צוגעגעבן:

— ווער קאָן נישט אײַער שטיינבאַרגן, אײַער מאַנגערן...

זײַנע רייד האָבן שטראָמיק זיך געגאָסן. אַלע מוסקולן פון זײַן פּנים זענען געקומען אין באַוועגונג, געאָטעמט מיט אַן אינערלעכער קראַפט.

* * *

אויפן אַנדערן טאָג, נאָך רות מאַריאַשעס באַזוך בײַ מיר, בין איך געווען איר גאַסט. איך האָב זיך גענומען אַרומקוקן, אײַנאָטעמען אין זיך די לופט פון דער דירה, און מיטן אָטעם געוואָלט אַרײַנדרינגען אין אַלע ווינקעלעך פון דער שטוב, וווּ עס האָט אָפּגעלעבט זײַן שיין לעבן שאַך־אַנין.

יעדע זאַך האָט מיך איבעראַשט, ווי איך וואָלט געקומען פון אַן אַנדער וועלט. די אויגן האָבן קיין שום קעגנשטאַנד נישט געקאָנט אַרומנעמען מיט איין מאָל. נישט די שאַפעס מיט ביכער, נישט די קאַרטאָטעקעס און דאָקומענטן, וועלכע עס האָט מיט גרויס געטרײַשאַפט אויפגעזאַמלט רוטע מאַריאַש.

אויף דער וואַנט איז געהאַנגען שאַך־אַנינס פּאָרטרעט. דאָס איז געווען א בילד פון די גאָר לעצטע יאָרן, וווּ עס איז שוין גאָרנישט געבליבן. פון יענעם מענטשן, מיט וועלכן איך האָב זיך געטראָפן מיט

יאָרן, יאָרן צוריק. פונעם בילד האָט אראָפּגעקוקט אן אלטער גוטמוטיקער זיידע מיט קנייטשן, ווי נעסטן אויף אן אלטן בוים, וואָס האָט איבערגעטראָגן א סך שטורעמס...

איך האָב זיך דערמאָנט שאך־אנינס אָנריר אויף מײַן פּנים.

וויפל האָט עס געדויערט? זיכער נישט מער ווי אן אויגנבליק. און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז איך פיל אויפּסנײַ די גוטהארציקע ווארעמקייט פון זײַנע פינגער.

איצט אין פארבינדונג מיט רות מאריאשעס נאָרוואָס דערשינענעם בוך טראכט איך, אז עס איז אפשר טאקע כּדאי געווען צו דערציילן וועגן יענער אויסטערלישער באגעגעניש אין ווין מיט קארגע זעקס צענגדליק יאָר צוריק.

# מזמר שיר ל׳יידיש

אזוי האָב איך מיט העכער אָנדערהאלבן צענדליק יאָר צוריק אָנגערופן מײַנס א יובל־ארטיקל וועגן בערל רויזן.
געווען איז עס אָנהייב אכציקער יאָרן, ווען אין ראטנפארבאנד האָט פּלוצעם א בלאָז געטאָן מיט נײַע, פרישע ווינטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן צעוואקלען די מעכטיקע זײַלן פון דער סאָוועטישער ממשלה און גלײַכצײַטיק אויך א סוף געמאכט צו דער ווילדער, רכילותדיקער, אזוי גערופענער אנטיציוניסטישער, וואקכאנאליע.
בערל רויזן איז שוין דעמלט נאָך אן איבערדרײַס פון א היפּש ביסל יאָרן, ווען ער האָט ווידער זיך גענומען צו דער פען, באקאנט געוואָרן אלס אן ערנסטער ליטעראטור־פאָרשער. ער איז צו יענער צײַט געווען אין פולן בלי פון זײַן שאפן. איינס נאָכן אנדערן האָבן זיך גענומען באווײַזן ארטיקלען וועגן די שאפונגען פון רוסישע קלאסיקער אין פארבינדונג מיט דער ייִדישער טעמע אין זייערע ווערק, ווי אויך א גאנצע סעריע פון עסייען וועגן ייִדישע שרײַבער, סײַ קלאסיקער, סײַ הײַנטצײַטיקע.
זײַענדיק גלײַכצײַטיק א זעלטענער שפּראך־קענער, האָט ער אויף די שפּאלטן פון דעמלטיקן זשורנאל ״סאָוועטיש היימלאנד״ מײַסטערהאפט איבערזעצט פּראָזע־ווערק פון רוסיש, ענגליש, דײַטש, רומעניש.
איך לויף דורך אין געדאנק די אלע יאָרן, וואָס מיר האָבן זיך געקענט. איך זע דעם אָנהייב פון אונדזער פרײַנטשאפט, וועלכע האָט אָנגעהאלטן, מיט טרויעריקע מלחמה־איבעררײַסן, כּמעט א האלבן יאָרהונדערט.
איך זע דערבײַ דעם וועג זײַנעם אין אונדזער ייִדישלאנד, וואָס האָט גענומען זײַן אָנהייב אין א קליין בעסאראבער שטעטעלע בײַם דניעסטער, מיט א טאטן א שוחט, וועלכער האָט ארײַנגעקנעלט אין

אים חכמות התורה, און מיט אָרעמע הינטערגעסלעך, ווו ער האָט אײַנגעזאפּט דאָס ייִדישע פֿאָלקס־געמיט.

מיט אָט די צוויי איידלשטיינער, ווי מיט צוויי לוחות, האָט ער אין איינעם א טאָג, אָנהייב דרײַסיקער יאָרן, אריבערגעשפּאנט די שוועל פון יענער טיר, וועלכע איז שטענדיק געווען אָן אָפענע, אָן אומרויִקע, ווי אומרויִק עס זענען געווען כּמעט אלע ייִדישע טירן פון יענער צײַט. דאָס איז געווען די טיר פונעם טשערנאָוויצער ייִדישן שול־פאראיין, די גײַסטיקע היים פון א גאנצער פּלעיאדע יונגע ייִדישע שרײַבער־אָנפאנגער, געבענטשטע מיט פאנטאזיע און מיט א נײַעם ווילן צו לעבן און שאפן. און עס האָט א קלונג געטאָן מיט נעמען נײַע, אומבאקאנטע, וואָס זענען גיך געוואָרן נאָענטע און היימישע. און איבער אלעמען האָט געלויכטן דער אָפּשײַן פון אליעזר שטיינבארג, איציק מאנגער, יעקב שטערנבערג און משה אלטמאן.

בערל רויזן איז אויך געווען איינער פון די יונגע.

איך דערמאָן זיך זײַן בראשית אין אונדזער ייִדישן קולטור־לעבן, זײַן דעביוט אין ווארשעווער זשורנאל "ייִדיש פאר אלעמען" מיט אָפּהאנדלונגען וועגן ייִדישע שפּראך־פּראגן, זײַענדיק אליין שוין א לערער פון ייִדיש.

א צארטע ליבשאפט צו ייִדיש האָט ער געטראָגן באנאנד מיט דער שפּראך פון יהודה הלוי און ביאליקן. און אדאנק אָט דער ליבשאפט, וואָס זינגט ארויס פון אלע זײַנע שאפונגען, זענען זײַנע ארטיקלען ווי געשליפענע פּערל.

און עס שלאָגט פון זײַן שאפן, ווי פון א זילבערנעם קוואל, דער טיפער, פארוואָרצלטער בעסאראבער פאָלקס־ייִדיש, וואָס פארמאָגט זײַן חן, זײַן אייגנארט, כאָטש שוין באהויכט מיט דעם אָטעם פון הײַנטצײַטיקײַט.

איך האָב געהאט דעם כּבוד צו זײַן א שותּף צו אייניקע זאכן זײַנע. איך באטאָן בכּיוון דאָס וואָרט "זײַנע", ווײַל למען האמת דארף געזאָגט ווערן, אז כּמעט אלץ האָט ער געשריבן. איך האָב נאָר דאָ און דאָרט צוגעלייגט א וואָרט, א שורה, אן אָפּזאץ.

איך האלט אין האנט זײַן איין־און־איינציק בוך "ליטערארישע־היסטאָרישע שטודיעס", דערשינען אין תּל־אביב שוין נאָך זײַן אוועקגיין אין דער אייביקײַט, און, בלעטערנדיק זײַטל נאָך זײַטל, באוווּנדער איך, וויאַזוי עס לייגן זיך בײַ אים אויס די שורות, אָפּזאצן, קאפּיטלען. באוווּנדער דאָס פּרעציזיע, געלײַטערטע ייִדיש־לשון. און איך באדויער זײַן פּלוצעמדיקן, אומגעלומפּערטן טויט. מיטאמאָל פאלט מיר אײַן א משונהדיקער געדאנק: אפשר איז ער גאָר נישט

צופעליק אומגעקומען אויף א קעשענעווער גאס דעם 12־טן אויגוסט, דעם שווארצן טאָג אין דער ייִדישער ליטעראַטור — דעם טאָג פון סטאַלינישן מאָרד איבער די סאָוועטיש־ייִדישע שרײַבער. אפשר איז ער אויך א קרבן...

איך גיי פארבײַ דאָס הויז, וווּ בערל רויזן האָט געוווינט. דער טאָג איז א שיינער, א זומערדיקער. די זון שײַנט ארײַן אין די פענצטער פון יענער שטוב, וווּ עס האָט יאָרנלאנג אזוי פארביק און זאפטיק געקלונגען דאָס ייִדישע וואָרט. געקלונגען, ווי א מזמור שיר ליידיש. און איך טראכט: וואָלט בערל רויזן הײַנט געלעבט, וואָלט זיכער דאָס גײַסטיק פאראָרעמטע ייִדישע טשערנאָוויץ נישט געווען אזוי אָרעם.

# צי קען זײַן א ייִדישער שרײַבער אין א פרעמדער שפּראַך?

מיט א צײַט צוריק האָט מיר א באַוווּסטער רוסישער שרײַבער צוגעשיקט זײַנס א נײַ־דערשינענעם בוך. דער שרײַבער איז א ייִד, און זײַן בוך איז אויך וועגן ייִדן — וועגן דעם פאַרשניטענעם ייִדישן שטעטל.

דער מחבר ווייסט, וועגן וואָס ער שרײַבט. אים איז גוט באַקאַנט די ייִדישע סביבה, דער ייִדישער שטייגער. ער שילדערט וואַרהאַפטיק די מענטשן מיט זייער אייגן פּנים, מיט זייער אייגענעם ייִדישן גורל, באַניצט דערבײַ געניט א צאָל ייִדישע אידיאָמען. און דאָך פעלט עפּעס צו דער שלימותדיקייט פונעם ווערק.

וואָס? עס פעלט דער וויכטיקסטער קאָמפּאָנענט — דאָס אינטים־וואַרעמע זאַפטיקע ייִדישע וואָרט. די קריטיק האָט איינשטימיק אַרײַנגעשטעלט דאָס בוך אינעם אַלמער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, און איך האָב געטראַכט: איז מעגלעך א ייִדישע ליטעראַטור נישט אויף ייִדיש?

בײַ אַנדערע פעלקער איז עס אינגאַנצן נישט בנמצא. ס'וועט דאָך קיינעם נישט אײַנפאַלן, אַז א דײַטשע ליטעראַטור, למשל, קאָן געשריבן ווערן אויף ענגליש אָדער א רוסישע — אויף פראַנצויזיש. אַוודאי קאָן מען אויף ענגליש שרײַבן וועגן דײַטשן און אין רוסיש וועגן פראַנצויזן, אָבער אין ביידע פאַלן וועט עס זײַן אָדער ענגליש, אָדער רוסיש.

אַפילו שרײַבער פון ייִדישן אָפּשטאַם, ווי באַבעל, ריבאַקאָוו, וועלכע האָבן געשריבן טיף־רירנדיקע ווערק וועגן ייִדן, זענען דערפון נישט געוואָרן קיין ייִדישע שרײַבער. ליאָן פויכטוואַנגער, וועמענס ווערק זענען כמעט אַלע אויף ייִדישע טעמעס און וועגן ייִדישער געשיכטע, איז פונדעסטוועגן א דײַטשער שרײַבער. דאָס זעלבע קאָן אויך געזאָגט ווערן וועגן א גאַנצער ריי אָנגעזעענע ייִדיש־ענגלישע

שרײַבער אין אמעריקע, געקומענע פון עמיגראַנטישע ייִדישע היימען.

באַזונדערס אַקטועל איז דער געדאַנק אין דער איצטיקער צעטרייסלטער צײַט, ווען עס גייען אַרום נישט ווינציק בייזוויליקע קדיש־זאָגער, וואָס האַלטן, אַז ייִדיש, און מיט איר די ייִדישע ליטעראַטור, גייט אונטער און מען דאַרף שאַפֿן אַ ייִדישע ליטעראַטור אויף אַנדערע שפּראַכן.

ס'איז גוט באַוווּסט, אַז שוין די משׂכּילים פון רוסלאַנד האָבן געוואָלט שאַפֿן אַ ייִדישע ליטעראַטור אויף רוסיש. עס האָבן זיך באַוויזן ייִדיש־רוסישע שרײַבער, וועלכע האָבן געשריבן נאָר אויף ייִדישע טעמעס: אָסיפּ ראַבינאָוויטש, גריגאָרי באָגראָוו און פיל אַנדערע. דאָס זענען געווען משׂכּיליש־אַסימילאַטאָרישע שאַפֿונגען פון שרײַבער, וואָס זענען שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן; אָנגעוווירן, ווי מען זאָגט, ביידע וועלטן — סײַ די ייִדישע, סײַ די רוסישע. וואָלט, אַשטייגער, ש. אַנ־סקי געבליבן בײַ רוסיש און נישט געשאַפֿן זײַן וועלט־באַרימטן "דיבוק", ווער ווייסט, צי וואָלט ער נישט געטיילט דעם גורל פון זײַנע רוסיש־שרײַבנדיקע מיטצײַטלער, וועלכע זענען געבליבן אָן יורשים.

אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור קאָן געשאַפֿן ווערן נאָר אויף אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך. אין אונדזער פאַל איז עס ייִדיש, די שפּראַך, וואָס איז מסוגל אַרויסצוברענגען קלאָר און איבערצײַגנדיק דעם אייגנאַרטיקן כאַראַקטער פון דעם ייִדישן פאָלקס־לעבן און דער ייִדישער שאַפֿונג; אַרויסברענגען דורכן ייִדישן וואָרט, דורכן ייִדישן ליד, מיט וועלכן אונדזערע מאַמעס האָבן אונדז אײַנגעוויגט און אײַנגעפּלאַנצט אין אונדז ליבע און איבערגעגעבנקײַט צו אָט דעם ייִדישן וואָרט.

מיר דאַכט זיך, אַז דער חילוק פונעם ייִדישן שרײַבער און דעם פרעמדשפּראַכיקן באַשטייט אין דעם, וואָס דער ערשטער איז אינעווייניק, אין דער סאַמע געדיכטעניש פונעם ייִדישן לעבן, אין דער צײַט ווען דער צווייטער שטייט אויף יענער זײַט פּלויט מיט זײַן ייִדישער טאָרבע, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון זײַן ייִדישער היים. און נאָך אַ חסרון, אפשר דעם סאַמע באַדײַטנדיקסטן, האָט די פרעמדשפּראַכיקע ליטעראַטור: זי רײַסט אָפּ דעם ייִד פון זײַנע גײַסטיקע אוצרות, פון זײַן גאַנצער נאַציאָנאַלער ביאָגראַפיע.

אמת, די פּאָפּולאַריטעט איז בײַ די פרעמדשפּראַכיקע אַ גרויסע, צומאָל אפילו אַ גאָר גרויסע. וואָלט, אַשטייגער, אַנאַטאָלי ריבאַקאָוו געווען אַ ייִדישער שרײַבער, וואָלט זיכער זײַן ראָמאַן "שווער זאַמד" נישט געהאַט אַזאַ אָפּקלאַנג אין דער וועלט, אפילו ווען ער זאָל געווען איבערגעזעצט ווערן אויף רוסיש. זענען דאָך אין דער ייִדישער

ליטעראַטור פאַראַן נישט ווינציק באַדײַטנדיקע ווערק וועגן ייִדישן חורבן, ווערק אויסגעווייטיקטע און אויסגעבלוטיקטע, וועגן וועלכע די וועלט האָט א קנאַפּע אנונג.

אָט דאָס איז דער גורל, און אפשר דער שטאָלץ, פונעם ייִדישן שרײַבער, וואָס כאָטש זײַנע ווערק ווערן נישט אַזוי פאַרשפּרייט, ווי די ווערק פון אנדערשפּראַכיקע, בלײַבן זיי אָבער אין דער ייִדישער ליטעראַטור און דאָס אייגנס פון ייִדישן פאָלק.

ס'איז קיין ספק נישט, אַז פריִער אָדער שפּעטער וועט מען זיך ערנסט. מוזן אויסדרייען מיטן פּנים צו דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי אַמאָל צום תּנ"ך נאָך דער גרויסער העלעניזאַציע. און עס וועלן מיט אייגענעם ריטם און קלאַנג, טאַקע ווי בײַ זיך אינדערהיים, אַ שאַל טאָן די ווערק פון יענע שרײַבער, וועלכע האָבן טרײַ געדינט דער ייִדיש־ייִדישער ליטעראַטור, כאָטש זיי האָבן זיך אפשר אויך געקענט באַנוצן מיט אַן אַנדער שפּראַך...

# א י נ ה א ל ט


| | |
|---|---|
| וועגן דעם מחבר | 5 |
| מײַן בראשית | 6 |
| א שטיקל פארטריקנט ברויט | 14 |
| רות | 22 |
| עלנט | 29 |
| נײַנצן | 37 |
| צוויי וועלטן | 42 |
| בענקשאפט | 49 |
| בײַם וואגאָן־פענצטער | 56 |
| אין רויש פון גאסן | 62 |
| א ייִדישע שטוב | 66 |
| א ווײַסע נאכט | 70 |
| מײַן פארגעסן לידעלע | 73 |
| אין א פרימאָרגן | 80 |
| בײַם ים | 84 |
| נעכט | 91 |
| מידת הדין | 101 |
| בײַם פענצטער | 104 |
| הארבסט | 107 |
| שאָטנס | 111 |
| דוינע | 115 |
| א גרויע סקאלע | 118 |
| בלויע שטילקײַט | 120 |
| איכה | 122 |
| א ווילדע עוולה | 125 |
| פון נאָענט און ווײַט | 129 |
| מזמר שיר לייִדיש | 135 |
| צי קען זײַן א ייִדישער שרײַבער אין אַ פרעמדער שפראך? | 138 |

*Йосиф Кунович БУРГ (нар. 1912 р.) - відомий єврейський письменник. Його перу належить низка книг прекрасної прози - "Над Черемошем" (1939), "Отрута" (1940), "Життя продовжується" (1980), "Перегук часів" (1983), "Пісня над піснями" (1988), "Запізніла луна" (1990). Його ім'я широко знане на багатьох континентах, а його оповідання, новели, повісті, документальні нариси неодноразово перекладалися багатьма мовами світу, а в деяких країнах виходили окремими книгами. Йосиф Бург був удостоєний престижної літературної нагороди Ізраїлю - премії Сегала. В Чернівцях його добре знають як активного громадського діяча. Адже він - голова Товариства єврейської культури ім. Е. Штейнбарга, редактор газети "Черновіцер блетер", заступник голови Товариства "Буковина - Ізраїль", член правління обласного Товариства дружби із зарубіжними країнами. Нещодавно з нагоди присудження Й. Бургу літературної премії Сегала про його життя і творчість писали такі газети як "Нью-Йорк таймс", "Інтернешнл геральд трібюн", "Райнішер меркур" та ін. В рідному місті письменника - Вижниці - на його честь названо одну з красивих вулиць. З нагоди 80-річчя письменника йому присвоєне почесне звання Заслуженого працівника культури України.*

**ББК 84(0) 961.-121.5**
**Б 92** Йосиф Бург. Два світи. Оповідання. - Чернівці-Одеса: “Рідна мова”, 1997. - 144 с.

Книга Йосифа Бурга “Два світи” складається з оповідань, які здебільшого розповідають про життя євреїв буковинських Карпат до і після Другої світової війни, а також спогадів про людей, які посідають почесне місце в єврейській літературі.

Книга видана за допомогою Єврейського фонду ім. Зіпера і Вейсмана, м. Монреаль (Канада), Єврейської Вищої Народної Школи, м. Гамбург (Німеччина), доктора Франца Гердта, м. Дортмунд (Німеччина).

ISBN 966-7109-03-8

**Йосиф Бург**
**Два світи**
Оповідання

Підписано до друку 25.03.97. Формат 84x108/32.
Папір офсетний Капа прінт. Офсетний друк.
Умовн. друк. арк. 7,56. Обл.-вид. арк. 7,05. Зам. 609.
Районна друкарня.
275400, м. Сторожинець, вул. О. Кобилянської, 7.

Евр
Б 912